STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10210

GEZAMLTE SHRIFTN

Abraham Reisen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם רייזען

געזאמלטע שריפטן

פארלאג „פרייהייט"
ניו יארק, 1928

Copyright, 1928
by the
FREIHEIT PUBLISHING ASS'N, Inc.

צווישען גרענעצען

ערצעהלונגען

ערשטע אבטיילונג

דער איינגעפונדרעוועטער

בּאָרים זאָלקינד האָט געהאַט אַ נייגונג איינצופונדרעווען זיך אין לעבען. נאָך זייענדיג אַ איינגעל, — ווען מען האָט איהם גע־רופען בּעריל, — האָט זיך שוין געמערקט אין איהם די דאָזיגע נייגונג אין דעם, וואָס ער פלעגט אונטער די פיסלעך פון זיין בעט, וועלכע האָט זיך געפונען אין זיין אָרימען פאָטער׳ס הויז, אונטער־לעגען ציגעל, כדי דאָס בעט זאָל זיך ניט שאָקלען... די שטיוועל זיינע האָבען שטענדיג געמוזט האָבען גאַנצע זוילען, און ווי נאָר עס האָט זיך אָן אָבצאַס אָפּגעקרימט, האָט ער געפיהלט, ווי די ערד איז ניט זיינע און ער קען אויף איהר קיין תקומה ניט האָבען, און ער פלעגט פון די אָפּגעשפּאָרטע און אָנגעזאַמעלטע פון די חנוכה־ און פורים־געלדער, זיינע שטיוועל לאָזען גלייך פאַרריכטען אויף זיין אייגענעם חשבון... דאָס אַלטע היטעל, וואָס איהם פלעגט שטענדיג איינגעלוויז אויסקומען צו טראָגען, האָט איהם ניט געאַרט. דער עיקר איז ביי איהם געווען דער פונדאַמענט אויף דער ערד — די שטיוועל... דאָס היטעל איז שוין אַ סך העכער פון דער ערד, דאָס האָט שוין מעהר שייכות צום הימעל — און דער הימעל איז איהם ניט אָנגעגאַנגען...

אַז ער איז אַלט געוואָרען זעכצעהן יאָהר, האָט ער דערפיהלט, אַז דער היימישער בּאָדען איז צו ווייך... די אָרימע געסלעך זיינען נישט ברוקירט, ווי נאָר אַ רעגען ווערט אַ בלאָטע און די זינקסט איין אין איהר מיט די בעסטע זוילען... וואָס אנבאַ־טרעפט געלט־פאַרדיענען, איז אין דער היים געווים אונמעגליך.

זיין טאטע איז שוין א איד איבער פופציג און הענגט נאך אלץ אין לופטען. פרעגט זיין טאטען פון וואס ער לעבט, וועט דער טאטע, דוקא א בארעדטער איד, ניט וויסען וואס צו ענטפערען. זיין טאטע איז גאר ניט איינגעפונדעוועט. ער, בעריל, איז שוין מעהר פארדיענער פאר'ן טאטען. צו פערצעהן יאהר האט ער זיך שוין אויסגעלערענט לעזען און שרייבען רוסיש און האט נאכדעם געגעבען אין שטעדטעל אוראקען, אויף אזא'ן אופן אנגעזאמעלט א ביסעל געלט אויף הוצאות, צו פאהרען אין דער גובערניע אריין און ערשט דארטען אנהויבען לערנען זיך אליין און לערנען אנ־דערע.

געקומען אין דער גובערניע אריין מיט די שטעדטעלשע בעל־העגלות איז ער אפילו ניט אריינגעגאנגען אין דער אכסניא, וואו דער בעל־עגלה האט איהם פארפיהרט. ער האט פון אן אכסניה ניט געהאלטען — „מען דארף זיך גלייך איינפונדעווען מיט א דירה", האט ער געזאגט צום בעל־עגלה, נאכדעם ווי ער האט איהם באַ־צאהלט דאס פערטעלע פאר דער רייזע.

ער האט גענומען דאס קעסטעל אונטער'ן ארעם און אוועק־געמארשירט ווי איינער, וואס קען שוין גוט די שטאדט און ווייסט איהרע אלערליי באהעלטענישען. ער האט דורכגעמארשירט א לאנגע גאס, זיך פארדרעהט נאכדעם ערגיץ אין א זייטיג געסעל, געזוכט טירען מיט מזוזות און מיט צעטלעך, וואו עס פארדינגט זיך א קאמער . . .

ער האט ענדליך געפונען דאס, וואס ער האט געזוכט. אין א פענסטער פון א קעלער איז געווען אנגעקלעפט א צעטעל אויף רוסיש: „עס גיט זיך אוועק א פלאץ פאר **איין** מענשען — פאר צוויי רובעל א חודש . . ." באַרים האט זיך גלייך אראפגעלאזען אונטען אויף די טרעפ פון וועלכע די פארענטשען האבען זיך גע־שאקעלט. ער האט א טראכט געטאן, אז שפעטער וועט ער פאר־שלאגען די פארענטשען צו פארפעסטיגען . . . ער האט געעפענט די טיר. עס איז איהם אנטקעגען געגאנגען אן אלטער איד, אבער נאך גענוג פעסט.

— איהר פארדינגט א צימער ? . . .

דער אלטער האט א שמייכעל געטאן :

— וואס דארפט איהר א צימער, די גאנצע שטוב איז אייער'ע. איך און די אלטע, זי איז א גאנצען טאג אין גאס, א הענדלערין. נאר איהר ווילט דוקא א צימער . . . מהיכא תיתי . . .

און דער אלטער האט איהם אריינגעפיהרט אין א זייטיג קליין צימעריל, וואו עס איז געשטאנען א בעט, פארבעט מיט א סך קישענס, פערענעס און קאלדרעס.

באריס האט גלייך א פרוב געטאן, צי דאס בעט שאקעלט זיך ניט. עס האט זיך גראד געשאקעלט. האט ער פארגעשלאגען אונטערצולעגען עפעס אונטער די פיסלעך . . .

— יא . . . יא . . . מיר וועלען אונטערלעגען ! — האט דער אלטער צוגעזאגט . . .

נאכדעם האט באריס א פרוב געטאן דאס טישעל, וואס איז געשטאנען נעבען דער וואנט. דאס טישעל איז שוין דוקא געשטאנען פעסט. דאס זעלבע דער איינציגער טאבורעט. באריס האט אראפגעדונגען א האלבען רובעל און האט אוועקגעשטעלט דאס קעסטעל אונטער'ן בעט.

די דירה האט זיך ארויסגעוויזען מיט אלע מעלות. שטיל און רוהיג. דא וועט ער זיך קענען פארבערייטען צום עקזאמען. ער וועט קויפען א מאשינקע צו קאכען טהעע . . . אהן א מאשינקע איז מען ניט איינגעפונדעוועט. א מאשינקע מיט אן אכטעלע טהעע אין א פונט צוקער, לעבט ער אפ א זמן . . . וועט גאט העלפען, וועט ער קויפען אמאל א הערינג, א שטיקעל טרוקענע קאלבאסע . . .

נאכדעם ווי די מאשינקע מיט דער טהעע און צוקער און א לעבעל ברויט איז געקויפט געווארען, האט זיך באריס געפיהלט אויף א פעסטען באדען. דערצו איז געגאנגען צו זומער, קיין נייע קליידער דארף ער ניט — די זוילען זענען פארריכט געווארען נאך אין דער היים. און ער האט זיך געלאזט זוכען אן אויזיסטען לעהרער פאר זיך, צו פארבערייטען זיך צום עקזאמען, און א פאר

שילער פאר געלט, ער זאל האבען א פונדאמענט צום ווייטערדיגען עקזיסטענץ...

דעם אומזיסטען לעהרער האט ער געפונען גלייך אויפ'ן צוויי־טען טאג. דאס איז געווען א „פארשיקטער" סטודענט מיט לאנגע האר און מיט א שמאל, איינגעשרומפען פנים. דער דאזיגער סטו־דענט האט געלעבט דערפון, וואס ער האט געגעבען אומזיסטע לעקציעס אזוינע עקסטערנעס, ווי בארים. בארים האט עס גע־וואוסט, און ער האט איהם דערפאר נאך דער לעקציע פארגע־שלאגען צו טרינקען טהעע, אבער דער סטודענט איז געווען צו שטאלץ אנצונעמען פון אן ארימען שילער א וועלכען עס איז שכר, מעג עס זיין בלויז א גלעזעל טהעע... און צייטענווייז פלעגט זיך בארים'ן דאכטען, אז דער דאזיגער סטודענט וועט אנידערפאלען ביי איהם אין צימער. פלעגט ער זיך איינ'עקשנ'ען:

— טרינקט דאך א גלעזעל טהעע. איך האב אויך ברויט מיט פוטער... דער סטודענט איז אבער געווען אן עקשן. ניט אומזיסט האט מען איהם פארשיקט אויף גאנצע דריי יאהר פון ערגעץ ווייטען און טיפען רוסלאנד.

א ביסעל שפעטער, האט בארים געקראגען עטליכע שילער פאר זיך און פארדיענט שוין ביי א צעהן רובעל א חודש... האט ער זיך שוין געפיהלט אינגאנצען איינגעפונדעוועט...

אזוי האט ער זיך עקזאמינירט יעדען יאהר און אויסגעהאלטען דעם עקזאמען. צו צוואנציג יאהר איז ער שוין געווען א קאנדי־דאט אלס סטודענט אין אן אוניווערזיטעט...

ער האט שוין אין דער צייט געהאט אפגעשפארט ביי א פאר הונדערט רובעל מזומן געלט. אויסער א טהעע־מאשינקע פון ניי־עסטער סיסטעם און דריי פאר שיך, מיט צוויי ווינטערדיגע און איין זומערדיגען מאנטעל.

ער איז שוין געווען איינגעפונדעוועט ווי געהעריג איז...

עס האט איהם נאר געפעהלט אן אוניווערזיטעט. אבער בארים האט לאנג ניט פארלארען קיין צייט אויף צו געפינען איהם.

ער האט געוואוסט פון א סך אוניווערסיטעטען. חשק האט

ער געהאט צו דער מאָסקווער, אָבער זיין אינסטינקט פון זעלבסט־ערהאַלטונג האָט איהם פאַרגעזאָגט, אז מאָסקווע איז נים פאַר זיין שטאַנד. ער האָט געוואָרפען אַן אויג אויף טאָמסק... האָט ער נים געוואָלט פאַרשלאָגען דעם קאָפּ אַזוי ווייט, האָט ער ענדליך באַשלאָסען — ווארשוי... אין ווארשוי וועט ער זיך איינפונ־דעווען, קריגען לעקציעס און וועט דאָרטען קענען וואוינען און אויסשטודירען. א קליינינקייט — אַזאַ שטאָדט!...

זיין האָפנונג האָט איהם נים אָפּגענאַרט. אין ווארשאָווער מעדיצינישען פאַקולטעט האָט ער געפונען נאָך א וואַקאַנסיע. אויף דער פערטער וואָך איז ער שוין געגאַנגען אָנגעטאָן אין דער סטודענטישער אוניפאָרם און האָט אויסגעזעהן ווי א גענעראַל... אָבער זיין אַרט לעבען האָט ער אַלץ נים געענדערט... טהעע פלעגט ער נאָך אַלץ מאַכען ביי זיך אין דער היים, דאָסזעלבע מיט׳ן עסען. זעלטען פלעגט ער זיך אַריינכאַפּען אין א ביליגען קריסטליכען רעסטאָראַן און עסען א טעלער זופּ מיט א קאָטלעט.

זייענדיג אויפ׳ן דריטען קורס, האָט ער שוין באַזוכט די אָרימע שפּיטעלער און האָט שוין געהאַט א ידיעה, וואָס עס קומט פאַר אינוועניג ביים מענשען. ער האָט זיך שוין אויך באַקענט מיט א היבש ביסעל מתים... אין זיין צימער האָט ער שוין, אויסער דער טהעע־מאַשינקע, פאַרמאָגט א סקעלעטען־קאָפּ, וואָס איז געשטאַנען נים ווייט טאַקע פון דער מאַשינקע... ער האָט זיך שוין געפיהלט נים׳קשה׳דיג איינגעפונדעוועט...

אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך באַקענט מיט אַן אָרימער קורסיסטקע. זי פלעגט מאַנכעס מאָל קומען צו איהם, ער זאָל איהר העלפען מאַכען די לעקציעס...

ער האָט זיך נים געקענט אָפּגעבען קיין רעכנונג, צי האָט ער זי ליעב, צי נים... אָבער אַזוי ווי א מאַשינקע און א סקע־לעטען־קאָפּ האָט ער שוין אין צימער פאַרמאָגט, האָט זיך איהם געגומען דאַכטען, אז ווען ער וואָלט שוין אויך חתונה האָבען, וואָלט ער גאָר אינגאַנצען שוין געווען איינגעפונדעוועט...

די קורסיסטקע פון איהר זייט האָט געטאָן אַלץ, וואָס עס איז געווען אין איהר מעגליכקייט צו געווינען באַריס'ן אויף איהר זייט. ערשטענס פלעגט זי זיך זעהר פלייסיג לערנען, צו ווייזען איהם איהרע פעהיגקייטען, צווייטענס האָט זי איהם פון צייט צו צייט אָפּגעקאָכט אויף זיין מאַשינקע אַ מיטאָג און באַריס'ן האָט ער זעהר געשמעקט. דריטענס האָט זי איהם שוין ניט איינמאָל גענומען פאַר דער האַנט, איהם געקוקט אין די אויגען און געפרעגט:

— פיהלט איהר ניט אַמאָל שטאַרק דעם אומעט פון לעבען?

די דאָזיגע פראַגע האָט געקלונגען אין באַרים'עס אויערען נאַאיוו. אָבער, אַז בערטע, ווי די קורסיסטקע האָט געהייסען, האָט איהם מיט דער דאָזיגער פראַגע כמעט ווי פאַרפאָלגט, האָט ער איינמאָל געענטפערט:

— נו, געוויס... אַ מענש פיהלט זיך אַמאָל אומעטיג. פי־זיאָלאָגיש אפילו גענומען, איז עס מעגליך... אַמאָל קומט עס גאָר פון מאָגען... איהר פאַרשטעהט?...

— אַך, איהר רעדט צו וויסענשאַפטליך... אומעט איז אַ גייסטיגער צושטאַנד... אַ מענשען אַליין איז אומעטיג...

— ווען דען זענען מיר אַליין?... — האָט באַרים נאַאיוו געפרעגט. — אָדער אין אוניווערסיטעט, אָדער אויף לעקציעס, אָדער מיט אייך...

— יאַ... אָבער איך גער דאָך אוועק... — האָט זיך בערטע געחנ'דעלט...

— נו געוויס... איהר מוזט דאָך אוועקגעהן... כי־כי־כי, — איהר קענט דאָך דאָ ניט נעכטיגען...

אָבער גלייך נאָכ'ן דאָזיגען וויץ, וואָס ער האָט, איבריגענס, כמעט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען געזאָגט, איז ער געוואָרען שטרענג ערנסט. איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, זיך דורכגעגאַנגען איבער'ן צימער און געווישט דעם שווייס פון זיין שטערן...

אין קאָפּ האָט איהם געשטורעמט. איהם איז גאָר ביז אַהער ניט איינגעפאַלען, אַז אָהן אַ פרוי איז מען ניט איינגעפונדעוועט ווי געהעריג... סיי מאָראַליש, סיי מאַטעריעל... געוויס... דאָס

איז אַ אידעע... חתונה האָבען טאַקע באַלד און נאָכדעם, ווי דו ענדיגסט דאָקטאָר קענסטו גלייך עפענען אַ קאַבינעט, זיך איינ־פונדרעווען און ניט דאַרפען זיך פאַרדרעהען דעם קאָפּ ארומזוכען אַ כלה...

ער האָט בערטאַ'ן באַטראַכט... צי איז זי שעהן צי ניט? ער האָט עס ניט געקאָנט וויסען... אָבער ער האָט דערפיהלט אין איהר עפּעס זיס ווייבליכעס, מוטערליכעס און קינדישעס צו־זאַמען... אין זיין האַרצען האָט זיך עפּעס באַוועגט, גערירט; פאַרשלאָפענע, פאַרפרוירענע געפיהלען זענען וואַכענדיג געוואָרען, אָפּגעגאַנגען און האָבען זיך צושטורעמט:

— בערטע! ווילט איהר, הייסט עס, בלייבען מיט מיר אויף אייביג?...

בערטע האָט, אַנשטאָט אַן ענטפער, איהם אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן אין די ליפּען.

ער האָט זי געקושט צוריק אין קאָפּ, אין די אויגען און נאָכדעם ערשט אין די ליפּען. עס האָט געקלונגען, ווי מיט אַ סיסטעם, מיט אַ סדר... ניט גלאַט אין דער וועלט אריין געכאַפּט און געקושט...

בערטע, אַ פריינגעזאָנענע, האָט פאַרגעלעגט צו וואוינען צו־זאַמען, ביז ער וועט ענדיגען דאָקטאָר. באָרים אָבער האָט פּראָ־טעסטירט.

— ניין, בערטע, מיר וועלען חתונה האָבען געזעצליך, ניט אויפ'ן ווינט. דאָס צוזאַמענלעבען איז ניט קיין קלייניגקייט, עס דאַרף זיין איינגעפונדרעוועט אויף שטענדיג.

און אַזוי האָט באָרים חתונה געהאַט. געבליבען איז ער וואוינען מיט בערטע'ן אין זעלבען צימער, אָבער אויף דעם מי־טעלסטען פינגער, סיי פון זיין האַנט און סיי פון איהר האַנט, זיינען געזעסען פעסט צו רינגלעך. דאָך האָט זי איהרען פון צייט צו צייט, מיט אָנשטרענגונג געקענט אויסטאָן, ער אָבער זיינעם — אונמעגליך. עס איז ווי איינגעוואַקסען אויף זיין פינגער. עס איז איהם אריין ווי אין פלייש און אין בלוט...

— עס זיצט אזוי איינגעפונדעוועט!... האָט ער זיך גע־ריהמט. און האָט פאַרגעשלאָגען, אַז איהר רינגעל זאָל זי ענגער מאַכען, צודריקען, זי קען איהם נאָך פארלירען.

— קיינמאָל ניט! — האָט זי פאַרזיכערט...

עס זענען אוועק א צעהנדליג יאָהר.

באָרים זאַלקינד איז געוואָרען איינער פון די באקאנסטע דאָק־טוירים, אין איינעם פון די ענג־באוואוינטע געגענדען אין ווארשאָ. ער האָט פארנומען א גרויסע וואוינונג; אין זיין אויפנאהמס־צימער איז געשטאַנען א גרויסער שווערער שראַנק אָנגעפילט מיט דיקע ביכער, צווישען וועלכע עס האָבען שווערמוטיג און טריעב אַרויסגעשטאַרט צוויי רייהען פון א גרויסער ענציקלאָפּעדיע...

ער אַליין האָט אויסגעזעהן רוהיג און זיכער. זיין טריט איז געווען פעסט און אַלע זיינע באוועגונגען האָבען אויסגעדריקט זיין זיכערהייט און באַדענהאַפטיגקייט. די פּאַציענטען זיינע, שוואַכע און נישטיגע, זענען אָבער געווען שטענדיגע; זיין שטעל אין שפּיטאָל איז אויך געווען א פעסטע, אַן איינגעפונדעוועטע...

וואו ער האָט זיין געדאַנק געוואָרפען, איז דער געדאַנק גע־קומען צוריק אַ זיכערער. דאָס איינציגע קינד, אַ מיידעלע, איז געזונט, גוט ענטוויקעלט און פעהיג. בעטע אַליין איז אַלץ דיי־זעלבע גוטע, ליעבליכע פרוי... זי איז דאכט זיך גאָר ניט עלטער געוואָרען...

ער שטעלט זיך אמאָל, אין א פרייער צייט, קעגען שפּיגעל אין אויפנאהמס־צימער און באטראכט זיך. ער האָט געקראָגען א פולען, רונדען פּנים, און אינגאנצען איז ער דיק... א ביסעל צו דיק! אָבער עס שאַדט ניט... ער קען זיין אָרגאַניזם: — עס איז גוט איינגעפונדעוועט...

איצט מעג ער אָנהויבען זיך ערלויבען א ביסעל פארגעניגען... גענוג געהאָרעוועט... ער איז שוין אויף א פעסטען באָדען און ברויך שוין קיין מורא פאַר'ן לעבען ניט האָבען...

און אָט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט באקומען אַן

איינלאַדונג אויף אַ באַל. ער האָט אַרויסגענומען די איינלאַדונג, איבערגעלעזען, זיך איבערצייגט, אַז דער באַל איז אַ געהויבענער, לויט זיין שטאַנד, און באַשלאָסען צו גײן...

ער איז אַריין צו בערטע׳ן אין צימער.

— בערטע, ווייסט וואָס איך וואָלט פאָרגעשלאָגען? — האָט ער זיך צו איהר געווענדעט מיט אַ שמייכעל.

— צום ביישפּיעל? — האָט בערטע ניט געקענט טרעפען, און געטראַכט, אַז ער מיינט אודאי עפּעס וועגען אַ הויזיגען מעבעל איבערשטעלען, ווי זיין שטייגער איז.

— מיר זאָלען גײן אויף אַ באַל... אַ רייכער באַל...

בערטע האָט זיך ווי פאַרשעמט.

— מיין גאָט! אַ באַל! איך בין כמעט קיינמאָל אויף אַ באַל ניט געווען...

זי האָט אַ זיפץ געטאָן און זיך שטיל באַקלאָגט:

— איך האָב ניט קיין רעכט קלייד אפילו...

— וועל איך דיר באַשטעלען... די שענסטע קלייד!

באָריס האָט זיך, ניט נאָך זיין שטייגער, צופלאַמט:

— איך וועל דיר מאַכען אַזאַ קלייד און קויפען דיר אַזאַ מאַנטעל, וואָס דיר האָט זיך עס קיינמאָל ניט גע׳חלומ׳ט...

— איך וועל דיר זעהר דאַנקבאַר זיין — האָט זיך בערטע גערויטעלט.

ערב באַל האָט די שניידערין געבראַכט פאַר בערטע׳ן דאָס קלייד און דעם מאַנטעל.

בערטע איז מיט אַ קלאַפּענדיגען הארצען אַריין אין איהר צימער, נאָך איהר די שניידערין, און דאָס אָנטאָן זיך האָט זיך אָנגעהויבען...

באָריס האָט מיט אונגעדולד געוואַרט אויף איהר אַרויסקומען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אַרויסקומען וועט ניט בערטע, נאָר עפּעס אַן אַנדערע, אַ נייע, אַ פרעמדע, אַ ווייטע. זיין האַרץ האָט זיך געשראָקען...

ענדליך איז בערטע ארויס, נאָך איהר מיט א שטראַהלענדען פּנים די שניידערין.

באָרים האָט צוטומעלט אויסגערופען:

— בערטע!

— וואָס איז דען? — האָט בערטע ניט פארשטאַנען זיין אויסרוף...

— גאָר נישט... — איז ער שוין געקומען צו זיך... — עפּעס זעהסטו דאָך אויס, ווי א... ווי א... ווי א...

ער האָט ניט געקענט געפינען דעם פּאַסיגען פארגלייך...

— זאָגט, ווי א מיידעל פון אכצעהן יאָהר... — האָט די שניידערין איהם ארויסגעהאָלפען...

דערווייל איז אריינגעלאָפען מיט דער דיענסט דאָס פינף־יעהריגע קינד.

דאָס קינד האָט באטראַכט די מוטער און ניט געקענט באַגרייפען, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען — עפּעס יאָ די מאמע און ניט די מאַמע. ענדליך האָט זי דערקענט אויף זיכער: די מאמע!

און זי איז צוגעפאַלען צו איהר קלייד.

— פאַרזיכטיג! — האָט זיך באָרים געבייזערט. — וועסט צוקנייטשען...

צום באַל איז דר. באָרים זאַלקינד געפאָהרען אין א „דראָזשקע", נעבען זיין רעכטער האַנט איז געזעסען בערטע. ער האָט פון צייט צו צייט געוואָרפען אויף איהר בגנבה א בליק, געוואָלט איהר עפּעס זאָגען און ניט געקענט... ענדליך האָט ער ארויסגעשטאַמעלט:

— ווייסט, בערטע, ביזט א שעהנע... איך האָב גאָר ניט געוואוסט...

און דאָס הארץ האָט זיך איהם א וואָרף געטאָן...

בערטע האָט זיך געפיהלט אונבאקוועם. זיכער איז זי א שעהנע... זי האָט אין שפּיגעל זיך ניט דערקענט... וואָס־זשע איז דאָס גליק? און אפשר, ווער ווייסט — אויף א באַל...

נייע מענשען... — אַך, ווען זי וואָלט געקענט טאַנצען... אַ ביסעל גערענקט זי... אַ וואַלצער וועט זי נאָך טרעפען...

* * *

דער זאַל, וואו דער באַל איז פאָרגעקומען, איינער פון די רייכסטע אין שטאָדט, איז געווען פאַרגאָסען מיט ליכט און פרייד. די יונגע פּאָרלעך האָבען פאַרנומען זיין גלענצענדיגען מיט, ביי די זייטען זענען געזעסען די, וואָס האָבען גאָר ניט געטאַנצט, אָדער די, וואָס האָבען זיך איינגעמידט, און די הערדען האָבען דערווייל געפלירטעוועט מיט זייערע דאַמען און די דאַמען האָבען קאָקעטיש געשמייכעלט...

אַז באָרים זאַלקינד מיט בערטע׳ן זענען אריין, נאָכדעם ווי זיי האָבען אויסגעטאָן זייערע מאַנטלען ביים אריינגאַנג, איז דער טאַנץ געווען צו ענד... די פּאָרלעך האָבען זיך צושאָטען איבער׳ן גרויסען זאַל און פיעל האָבען זיך געלאָזען צום בופעט, וואָס איז געלעגען, ווי אַ באַזונדער מלוכה, אָן אַ זייט... דר. זאַלקינד האָט זיך באַגריסט מיט אַ פּאָר באַקאַנטע דאָקטוירים און מאַנכע פון זיי פאָרגעשטעלט זיין פרוי...

און ער האָט געמערקט, ווי די אינגערע פון זיי נעהמען ניט אַוועק די אויגען פון איהר.

און איינער אַ הויכער, שלאַנקער יונגערמאַן, וואָס האָט ניט לאַנג געענדיגט דאָקטאָר, האָט מיט אַ ליעבען שמייכעל אויף די ליפּען זי געפרעגט:

— איהר טאַנצט, מאַדאַם?

בערטע האָט אויסגעשטאַמעלט אַ פאַרשעמטע:

— עטוואָס...

— איז גענוג... — האָט דער יונגער עלעגאַנטער דאָקטאָר זיך אָנגעבאָפּט... אויב איהר קענט ניט, וועל איך אייך פיהרען...

זאַלקינד האָט פאַרביסען מיט די ליפּען און ניט געוואוסט ווי אַזוי צו האַנדלען. ער האָט געוואָרפען אַ בליק צו בערטע׳ן, ווי איינער זאָגט: צו וואָס טאַנצען?

אָבער באַלד איז געגעבען געוואָרען אַ סיגנאַל צו אַ צווייטען

טאנץ... דער יונגער דאָקטאָר האָט א כאַפּ געטאָן בערטע'ן און זיך מיט איהר אוועקגעלאָזט איבער'ן זאַל.

באָרים האָט זיי נאָכגעפאָלגט מיט די אויגען, ביז זי איז אינגאַנצען פארשוואונדען אין שטראָם פון די טאַנצענדע פּאָרלעך...

ער האָט זיך געלאָזט צום בופעט, געוואָלט נעהמען א גלאָז וויין, אָבער זיך באַרעכענט, אַז דאָס וועט איהם שאַדען צום גע־זונט, האָט ער באַשטעלט א גלאָז לעמאָנאַד. ער האָט אויסגע־טרונקען א העלפט, אוועקגעשטעלט צוריק אויפ'ן בופעט און איז אוועק זוכען זי...

דער טאַנץ איז שוין געווען צו ענד... די פּאָרלעך האָבען ווידער ארומגעשפּאַצירט אין פארשיעדענע ווינקלען. מאַנכע האָבען איהם געשטויסען און ניט דורכגעלאָזט...

ער האָט זיך ענדליך דערשלאָגען צו א ווינקעל. הארט איינע נעבען די אַנדערע איז געזעסען דער יונגער דאָקטאָר מיט זיין ווייב... ער האָט איהר געגלעט די האַנט און איהר געקוקט, ווי א פארליעבטער, אין די אויגען אריין...

„אָט אזוי הויבט זיך עס אָן"... האָט איהם דורכגעבליצט אין קאָפּ. ער ווייס... ער ווייס... דער גאַנצער פונדאַמענט וואָס ער האָט געלעגט, איינצופונדעווען זיך — פאַלט איין...

— בערטע! — האָט ער א רוף געטאָן...

ער האָט דערפיהלט, ווי זי האָט זיך דערשראָקען... זי האָט זיך ענטשולדיגט פאר'ן יונגען דאָקטאָר, זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צו באָרים'ן:

— וואָס שלעפּסטו מיך, עס איז ניט שעהן? — האָט זי איהם גע'מוסר'ט...

— ניט שעהן?... — האָט באָרים געברומט אין דער שטיל... איך ווייס ניט וואָס עס איז מיאוס'ער... רופען דאָס ווייב, צי זיצען מיט א פרעמדען, אָן אָרימען, נאָר־וואָס „געענ־דיגטען" סטודענט אין א ווינקעלע...

דערוויילע האָט דער אָרקעסטער ווידער גענומען שפּיעלען א וואַלצער.

דער יונגער דאָקטאָר האָט שוין באַנוצט זיין רעכט אויף זיין דאַמע, ער האָט זיך געווענדט צו באָריס'ן מיט אַ שמייכעל:

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען...

און ער האָט זיך ווידער אוועקגעטראָגען מיט בערטע'ן און זיך אויסגעמישט מיט די איבעריגע פּאָרלעך און בערטע איז ווידער פאַרשוואונדען פון זאַלקינד'ס אויגען.

זאַלקינד האָט זיך געלאָזט צום בופעט.

— אַ גלאָז וויין!

דער מאַן פון בופעט האָט איהם גלייכגילטיג דערלאַנגט.

ער האָט אויסגעטרונקען מיט איין אָטעם...

דער קאָפּ האָט זיך איהם גלייך פאַרדרעהט, און די קניה האָבען זיך איהם אָנגעהויבען צו בויגען... מיט וואַקעלדיגע טריט האָט ער זיך געלאָזט איבער דעם זאַל...

און ער האָט דערפיהלט ווי נישטיג עס איז געווען זיין גאַנצע מיה, וואָס ער האָט אוועקגעלעגט, איינצופונדעווען זיך אין לע־בען... אַזוינע קלייניגקייטען: אַ באַל, אַ נייע קלייד, אַ יונגער שלאַנקער דאָקטעריל, און אַלע פאַלט איין, פאַלט איין...

די באשערטע

דער ערשטער שידוך, וואָס מען האָט יעקב'ן פאָרגעשלאָגען אין א דערבייאיג שטעדטעל, איז געווען א גאַנץ ניש'קשה'דיגער. די כלה איז געווען א יונגע און א חנ'עווודיגע, געצעהלט האָט מען נדן ביז טויזענד רובעל און מתנות פון א טלית ביז א גאָלדענעם זייגעריל מיט א קייט, — אָבער אזוי ווי ביים ערשטען שידוך־רעדען איז יעקב אלט געווען ניט מעהר ווי 20 יאָהר און דערצו א בן־יחיד, האָבען זיך טאַטע און מאַמע ניט געאיילט און מען איז זיך צופאָהרען מיט גאָרניט. דער תירוץ איז געווען, אז דער מחותן געפעלט זיי ניט, ניט אזא מחותן האָט דעם חתנ'ס מוטער זיך פאָרגעשטעלט. און פאָהרענדיג צוריק פון דעם „זעהן זיך" האָט זי גע'חוזק'ט:

— גענעהן א ביסעל א מחותן, וואָס זעהט אויס אליין ווי א יונגער מאַן א יאָהר נאָך דער חתונה. דאָס הייסט, דער מחותן איז צו יונג געווען און יעקב'ס מוטער, וואָס איז שוין געווען אין די עלטערע יאָהרען, האָט געוואָלט האָבען א מחותן, וואָס זאָל טאַקע אויסזעהן ווי א מחותן, עס זאָל זיין מיט וועמען צו ריידען. — איך האָב ליעב א מחותן — האָט זי ערקלערט איהרע אנשויאונגען — זאָל האָבען א פנים ווי א מחותן...

און יעקב'ס טאַטע האָט איהר נאָכגעגעבען. ער האָט איהר געמוזט נאָכגעבען, ווייל אריינפאַלען אין איהר מויל איז פאַר איהם געווען ניט פון די אנגענעהמע זאַכען. דער טאַטע איז דוקא

געווען ניט קיין אויסקלייבער, אבי מען זאָל נאָר צעהלען דאָס געלט...

יעקב'ן אליין האָט ניט געאַרט. פאַרקעהרט, ער איז נאָך צופריעדען געווען, וואָס ער איז דערווייל קיין חתן ניט געוואָרען. עס איז נאָר דאָ עטליכע שדוכים וואָס מען האָט איהם פאָרגעשלאָגען און ער איז טשיקאַווע צו זעהן זיך אויך מיט יענע כלות און מחותנים און אין איינוועגס, אָנקוקענדיג כלות, וועט ער שוין אָנזעהן א וועלט מיט שטעדטלעך... די צווייטע כלה, וואָס מען רעדט איהם, וואוינט אין אַן אַנדער שטעדטעל, און לויט מען דערצעהלט, איז דאָס זעהר אַ שעהן שטעדטעל, דאָרטען איז דער בית־מדרש א געמויערטער און איין גאַס איז דאָרטען געברוקירט... אזוינס האָט ער נאָך ניט געזעהן. ווידער רעדט מען איהם צווישען די אַנדערע שדוכים אויך פון סלוצק... סלוצק זאָגט מען, איז א כרך... עס איז בלויז אַ שאָד וואָס דאַרט גיט מען נאָר פינף הונדערט רובעל נדן... ביי איהם וואָלט מען גע־פועל'ט ווענינער געלט, אבי ער זאָל אָנזעהן סלוצק. אָבער די עלטערען וועלען צוליעב דער נסיעה קיין סלוצק ניט אראָפּלאָזען קיין פינף הונדערט רובעל, און אין אמת'ן זענען זיי דאָך גערעכט, ווי אזוי קען מען דאָס האָבען א הארץ צוליעב דעם יצר־הרע אָנצוקוקען א נייע שטאָדט פאַרלירען פון קעשענע אזא גוואַלדיגע סומע.

אָבער אויך פון דעם שידוך, וואָס ער איז געפאָהרען אין דער שטעדטעל מיט'ן געמויערטען בית־מדרש און די געברוקירטע גאַס, איז אויך גאָרניט געוואָרען. דער געמויערטער בית־מדרש איז איהם טאַקי געפעלען געוואָרען, אין זייער שטעדטעל איז אזא ניטאָ, אויך די געברוקירטע גאַס האָט אויף איהם געמאַכט א זעהר גוטען איינדרוק, אָבער די כלה איז געווען עלטער פאַר איהם מיט אַ יאָהר צעהן און ער האָט מורא געהאַט, אז חברים אין דער היים וועלען פון איהם לאַכען. אויך טאַטע און מאַמע האָבען געפונען פעהלערען אין דעם יחוס און אפילו די געברוקירטע גאַס איז ניט געפעלען געוואָרען, איבערהויפּט דער מאַמען.

— געהערט אַ ביסעל !... — האָט זי זיך גע׳רוגז׳ט צוריקפּאָה־רענדיג — איך האָב אויף די שטיינער די גאַנצע פּיס צודרעהט — אַ בעלנות פון מענשען, מען זאָל נעהמען אַנזעצען אַ גאַס מיט שפּיציגע שטיינער...

און אזוי האָט זיך יעקב צוזאַמען מיט זיינע על־טערען ארומגעדרעהט פון שטעדטעל צו שטעדטעל אין אַ משך פון פינף יאָהר אַנצוקוקען כלות. אין מאַנכע שטעדטלעך האָט ער פאַרבראַכט צו פּאָר טעג און האָט שוין געקענט אַלע גאַסען, וואָס די דאָזיגע שטעדטלעך האָבען פאַרמאָגט. מאַנכע גאַסען האָבען זיך ביי איהם פאַרפּלאָנטערט און האָבען אויסגעזעהן, ווי די גאַסען פון אַנדערע שטעדטלעך, וואָס ער האָט באַזוכט, און איז ענדליך ווי צוטומעלט געוואָרען, און אַז מען איז איהם געקומען פאַרשלאָגען אַ נייעם שידוך אין אַ שטעדטעל, פלעגט ער פאַרקנייטשען דעם שטערען און זיך וועלען דערמאָנען צי איז ער שוין דאָרטען ניט געוועזען.

— וואו זאָגט איהר איז דאָס ? — פלעגט ער פרעגען דעם שדכן אָדער שדכנ׳טע.

— אין באַראַנאָוויטשע... אַכט מייל פון דאַנען...

— באַראַנאָוויטשע... באַראַנאָוויטשע... — פלעגט ער אָנהויבען שטאַמלען און דער נאָמען איז איהם געווען ווי יאָ און ניט באַקאַנט.

— מאַמע, אין באַראַנאָוויטשע זענען מיר שוין געוועזען ?... — ווענדט ער זיך נאָך הילף צו דער מאַמען.

— אין באַראַנאָוויטשע דאַכט זיך נאָך ניט — ענטפערט זי אין ספק און מאַכט איהם פאָרוואורף, וואָס ער אליין, אַ בחור אָהן דאגות, זאָל דאָס ניט געדענקען.

און דער טאַטע, אַ שטילער איד דוקא, אָבער ביי אַזאַ פאַל ווערט ער אויך בייז און גיט צו מיט רוגזא פון זיין זייט:

— ביי לייטען אַ בחור פאַרשרייבט אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער אַלע שטעדטלעך וואו מען איז שוין געוועזען און פאַרשפּאַרט צו

ברעכען דעם קאָפּ... וואָס איז, איך האָב דיך ניט געלערנט? ווי ווייניג האָסטו געקאָסט?

און יעקב דערפיהלט זיך שולדיג. געוויס האָט ער שוין גע־דאַרפט אָנהויבען פאַרשרייבען. אָט למשל איז מיט באַראַנאָוויקע א קאָפּ־דרעהעניש: איז מען שוין דאָרט געווען, צי ניט געווען.

אָבער דאָס אומגליק איז ניט אַזוי גרויס, ווען ער פאָהרט א צווייטען, צי אפילו א דריטען מאָל אין איין און דעמזעלבען שטעד־טעל. דער עיקר איז דאָך, נאָך אַלע זאַכען, ניט דאָס שטעדטעל אַליין, נאָר די כלה און די מחותנים, און מען קען אין איין און דעמזעלבען שטעדטעל פאָהרען הונדערט מאָל אפילו אָנקוקען פאַר־שיעדענע כלות.

ער האָט זיך ענדליך אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז ניט נאָר די שטעדטלעך האָט ער פאַרגעסען, נאָר אויך די כלות. אַז מען איז געקומען איהם רעדען א שידוך, האָט זיך איהם שוין געגומען דאַכטען, אַז דעם דאָזיגען שידוך האָט מען איהם שוין גערעדט. ער האָט שוין די כלה געזעהן און עס איז ניט געפעלען געוואָרען.

און ער האָט ווידער גענומען רופען צו הילף די עלטערען:

— מאַמע, איז דיר ניט באַקאַנט א מחותן מיט'ן נאָמען אריה לייזער'ס?

— אריה לייזער'ס, — קנייטשט די מוטער דעם שטערן — וואָרט אָקאָרשט—אריה לייזער'ס, צי איז דאָס ניט אַמאָל דער מיט דער פאַרברענטער רויטער באַק...

— ניין, דער איד איז דאָך געווען אין „כאַסלעריטשע", און געהייסען האָט ער אריה גימפּעל'ס און די כלה האָט זיך א ביסעל זאַאיקעוועט...

— יאָ, יאָ... דו ביזט גערעכט, מיין זוהן... אָבער אריה לייזער'ס איז מיר אויך באַקאַנט... מיר דאַכט, אַז ער האָט גע־באָטען אכט הונדערט רובעל מיט א זילבערנעם זייגעריל...

— איז דאָס ניט דער, — כאַפּט זיך יעקב, — ווייל דער גיט ניט מעהר ווי זעקס הונדערט רובעל...

— איז וואָס איז די ראיה? — שלאָגט אָפּ דער פאָטער מיט

א גמרא ניגון. — עס קען טאקע זיין, אז עס איז דער זעלביגער און ער איז אָרימער געוואָרען, — עס איז דאָך אַ מעשה פון יאָהרען!...

און אזוי האָט מען זיך געבראָכען די מוחות, צי האָט מען שוין דעם דאָזיגען שידוך „אָנגעקוקט“, צי ניט, און אום ניט צו ריזיקירען מיט אַן אומזיסטיגער נסיעה, האָט מען דעם שידוך פאַרוואָרפען און מען איז געפאָהרען אָנקוקען אַ כלה אין אַנאַנדער שטעדטעל.

דאָס דאָזיגע שטעדטעל איז געווען, לויט דער מיינונג פון דער מאַמען, אַ שפּאָגעל נייע, לויט דער מיינונג פון טאַטען — אַ ספק, צי איז מען שוין דאָרטען יאָ געווען, צי ניט. און יעקב אליין האָט פאַרצווייפעלט געמורמעלט:

— איך בין צוטומעלט... איך קען מיך ניט דערמאָנען...

אריינקומענדיג איז שטעדטעל שוין פאַרנאַכט, האָט ער אין דער דונקעלהייט ניט געקענט באַשטימען, צי ער איז שוין דאָ אַמאָל געווען, צי ניט. דער קלויסטער, וועלכער האָט ווי אַפּשרעקענדיג גרויסגעשטאַרט פון אַלע הייזלעך, איז איהם ווי געווען באַקאַנט, אָבער פון קלויסטער אַליין איז קיין באַוויז ניט. אַלע קלויסטערס האָבען כמעט איין פּנים. נאָר אָט איז די פוהר אריינגעפאָהרען אין אַ גאַס מיט שפּיציגע שטיינער. יעקב'ן האָט אָנגעכאַפּט אַ שרעק: צי איז דאָס אַמאָל ניט יענע שטעדטעל מיט'ן געמויער־טען בית־מדרש און די געברוקירטע גאַסען... ער האָט אָבער זיין שרעק אין זיך באַהאַלטען און גאָרניט געזאָגט פאַר די עלטערען, וועלכע זענען געווען איינגעוויקעלט אין זייערע קליידער און האָ־בען אויך איבערגעלעבט דיזעלבע שרעק...

אז זיי זענען אריינגעקומען צו די מחותנים אין שטוב, איז זיי אַנטקעגען ארויס דער מחותן, און גלייך איז פון יעקב'ן און די עלטערען אַראָפּגעפאַלען ווי שטיינער פון הארצען. עס איז געווען אַ שפּאָגעל נייער מחותן, וועלכען זיי האָבען קיינמאָל ניט געזעהן, דערפאַר זענען זיי זיכער געווען, אז אויך די כלה וועט

געווים זיין א שפּאָגען נייע, און אזוי ווי דער מחותן איז זיי גלייך פון דער ערשטער מינוט געפעלען געוואָרען, סיי לויט די בגדים און סיי לויט זיין אויסזעהן, האָבען זיי שטילערהייט באשלאָסען דעם דאָזיגען שידוך ניט אָפּלאָזען:

— גענוג שוין ארומצופאָהרען ווי ציגיינער פון שטאָדט צו שטאָדט און זוכען א כלה!

נאָך מעהר האָט פארשטארקט זייער זיכערהייט, אז דער דאָזיגער שידוך איז באמת א נייער, וואָס אויך די מחותנת׳טע האָט זיי אויסגעזעהן פרעמד, ווי מען זעהט א מענשען דאָס ערשטע מאָל.

— וויבאלד אזוי, — האָט זיך יעקב׳ס טאטע מיט א שמייכעל אָנגערופען — זאָל מען שוין ווייזען די כלה.

די כלה, וועלכע האָט זיך אָנגעטאָן אין א זייטיגען חדר׳ל, איז שוין געווען גרייט ארויסצוגעהן. מען האָט נאָר געווארט, אז די מחותנת׳טע זאָל זיי ארייַנפיהרען.

גלייך ווי זי איז אריין האָט פריהער יעקב נאָכדעם די עלטערען זי באטראַכט, און מיט שרעק זיך איבערגעקוקט...

די כלה איז זיי אלעמען אזוי באקאַנט...

אויך די כלה פון איהר זייט האָט זיי דערקענט און האָט זיך מיט שרעק אָפּגערוקט אויף הינטער.

— איך האָב אייך שוין דאכט זיך געזעהן — האָט דער חתן גענומען שטאַמלען...

— מיר דאכט זיך אויך אזוי... — האָט זי צוריק געשטאַמעלט...

— אָבער דער מחותן איז דאָך אונז גאָר ניט באקאַנט...— האָט די מוטער פון איהר זייט זיך גע׳חדוש׳ט...

— און איך קען אייך דוקא... — האָט דער מחותן ביטער געשמייכעלט... — מיט זיעבען יאָהר צוריק גערענקט איהר?...

— טאַטע! — האָט יעקב אויסגעשריען — איך דערמאָן מיך שוין — דאָס איז דאָך מיין ערשטע כלה!...

— די ערשטע כלה... די ערשטע כלה... — האָט די מוטער געשטאַמעלט... — יאָ, יאָ, איך דערקען זי טאַקע. אָבער

דער מחותן... דער מחותן איז דאָך גאָר אַנאַנדערער. יענער איז דאָך געווען אַ יונגערמאַנטשיק... דער איז דאָך אַ גרויער איד...

— אַז מען דאַרף אויסגעבען אַ טאָכטער ווערט מען גרוי — האָט דער מחותן ווידער געשמייכעלט...

— אויב אַזוי איז דאָך ניט שייך — האָט דעם חתנ׳ס פאָטער געריהרט וועהרענד געשטאַמעלט... — וויבאַלד אַז אַזוי, איז דאָך דאָס טאַקע אַ באַשערטע זאַך... דעמאָלט איז עפּעס מיין אַלטער ניט געפעלען געוואָרען דער מחותן, אַ צו יונגעטשקער... נו, איצטער זענט איהר מיט גאָט׳ס הילף גרוי געוואָרען...

און ווירקליך האָט דער מחותן מיט דער גרויער באָרד באַקומען אין דעם חתנ׳ס מוטער׳ס אויגען דעם זיבעטען חן און זי האָט צוגעגעבען, אַז די זאַך איז אַ באַשערטע.

דער חתן אַליין, וועמענס קאָפּ עס האָט זיך געהויבען אין דער לופטען פון די פיעלע נעמען פון שטעדטלעך, כלות און מחותנים, איז מיט אַמאָל ווי באַפרייט געוואָרען פון אַ שווערען פּלאָנטער. ער האָט זיינע אויגען אויסגעשטעלט אויף דער כלה און האָט פריינדליך געשמייכעלט.

פאַר די זיבען יאָהר האָט זי זיך נעבאַך שטאַרק געענדערט.

און זיין האַרץ איז פול געוואָרען מיט רחמים און גנאָד צו איהר, און צו איהר טאַטען, וואָס איז גרוי געוואָרען פאַר דער צייט. ווער ווייס צי ניט צוליעב איהם?...

ווי אזוי זי איז געוואָרען אַן אַקטריסע

.1

דאָס ערשטע מאָל האָט פייגע געזעהן טעאטער, ווען זי איז אַלט געווען פערצעהן יאָהר. דאָס איז געווען אַ וואַנדערענדע רוסישע טרופּע, וועלכע האָט אין אַ מיטען זומער פאַרבלאָנזשעט צו זיי, אין דער ניט גרויסער אידישער שטאָדט. געשפּיעלט געוואָרען איז דאָס דאָזיגע „טעאַטער“ ביי די הירשפּאַנס אין דער גרויסער „סטאַדאָלע“, וועלכע איז, אַ דאַנק עטליכע סטאָליארס און דעם „מאַשיניסט“, וואָס די טרופּע האָט מיטגעפיהרט, פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַן אמת'ן טעאַטער, אפילו מיט אַ גאַלעריע, וואו דער איינטריט האָט געקאָסט 15 קאָפּיקעס. אַ דאַנק דעם ביליגען פּרייז איז פייגע, בגנבה פון איהרע פרומע עלטערען, געווען דאָרטען צוויי מאָל מיט איהרער אַן עלטערער חבר'טע. די עלטערע חבר'טע האָט געצאָהלט און פייגע האָט איהר דערפאַר דערקלערט די שווערע ווערטער, וואָס די אַקטיאָרען „רעדען“, ווייל פייגע האָט אַ דאַנק איהר פאָטערס געשעפט זיך געלערנט און געקענט רעדען און לייענען רוסיש.

אָבער פייגע האָט ניט אַזוי לייכט געקענט ערפילען איהר פליכט צו איהר חבר'טע, צו פאַרטייטשען איהר אַלע ווערטער, וועלכע די לעצטע האָט ניט פאַרשטאַנען. פייגע איז געווען אַזוי פאַרכאַפּט מיט'ן שפּיעלען פון די אַקטיאָרען, אַז זי האָט אפילו ניט געהערט וואָס די חבר'טע איהרע דולט איהר דאָרטען אַ קאָפּ און ציהט זי פאַרן אַרבל; ווען די חבר'טע פלעגט איהר שוין

אזא שלעפּ טאָן פאַרן ארבעל, אז פייגע פלעגט שיער ניט אראָפּ־פאַלען פון איהר „זיץ“, וועלכער איז אזוי אויך געווען „בחזקת סכנה“, ערשט דאַן פלעגט פייגע ערוואַכען און פלעגט זיך בעטען:

— שטער מיר ניט, איך בעט דיך. אין דער היים וועל איך דיר דערקלערען.

— אָבער וואָס האָט „ער“ איהר „געזאָגט“? — פאַרשט די חבר׳טע, מיינענדיג דעם ערשטען געליעבטען, וועלכער איז געפאַלען אויף די קניה פאַר דער פּרוי.

— ער בעט איהר, זי זאָל מיט איהם אַנטלויפען... אַנט־לויפען... פאַרשטעהסט... ער האָט זי ליעב און דער טאַטע איהרער לאָזט ניט... „דאוואי אוביעזשים!“ דאָס הייסט לאָמיר אַנטלויפען, און מעהר דול מיר ניט קיין קאָפּ, אין דער היים וועל איך דיר אַלץ דערצעהלען...

און אָפּטשעפּענדיג זיך פון דער חבר׳טעס פראַגען האָט זיך פייגע ווידער אריינגעטרונקען מיט איהרע צוויי גרויסע, נאָך קינ־דערשע, אָבער באַגעהרענדע אויגען און ניט דורכגעלאָזט קיין מינדסטע באוועגונג, וואָס אויף די ברעטער איז פאָרגעקומען.

און א לאַנגע צייט נאָכדעם, ווי די טרופּע איז אוועקגעפאָה־רען, פלעגט זי קומען צו איהר חבר׳טע און דאָרטען איבערשפּיעלען דאָסזעלבע, וואָס זי האָט געזעהן ביי די גרינשפּאַנס אין „סטאַראָלע“.

— אומאַליאיו וואָס, איוואַן סטעפּאַנאָוויטש — פלעגט זי ארויפלעגען דאָס הענטעל איהרס אויפ׳ן הארצען און נאָכמאַכען יענער אַקטריסע, ווען זי האָט זיך ביי איהר געליעבטען עפּעס געבעטען.

די חבר׳טע, וועלכע האָט די דאָזיגע סצענע געדענקט, האָט איהר צוגעגעבען מוט:

— דו שפּיעלסט, פייגע, פּונקט ווי יענע, זאָל איך אזוי לעבען... דו קענסט זיין אַן אַקטריסע.

דעמאָלט פלעגט פייגע אָנהויבען ארומצוגעהן הין און צוריק איבער׳ן שטוב, צוגעהן צום אָפענעם פענסטער, ארויסקוקען ווייט ערגעץ הינטער׳ן שטאָדט, הינטער׳ן געדיכטען וואַלד, וואָס איז

געשטאַנען ווי אַ גרינע וואַנט, און אומקוקענדיג זיך צוריק מיט׳ן פּנים צו דער חבר׳טע, פלעגט זי איהר אָנגעהמען פאר די ביידע הענט, דריקען זיי, אז יענע פלעגט אַזש אַ קרעכץ געבען און פלעגט שטיל אָבער אויסדרוקספול מורמלען:

— איך וואָלט אַזוי געוואָלט זיין אַן אַקטריסע! . . . — און ניט געפינענדיג מעהר קיין ווערטער, וואָס זאָלען אויסדריקען איהר שטאַרקען פאַרלאַנג, פלעגט זי צולעגען אַ לאַנגען, באדייטענדען אַך־דך! ! !

קיין צווייטע טרופּע האָט אָבער מעהר ניט פאַרבלאָנדזשעט אין פייגע׳ס שטאָדט. די הירשפּאַנס סטאַדאָלע האָט ווידער געדיענט, ווי איידער די טרופּע איז געקומען, פאַר פערד און וועגען. אַז פייגע פלעגט אַמאָל פאַרבייגעהן די דאָזיגע סטאַדאָלע, פלעגט זי זיך אָפּשטעלען ביים אָפענעם טויער און ווייט אַריינקוקען אינווייניג . . . אפשר איז ווידער אַ טרופּע פאַרפאָהרען. אויב יאָ, וואָלט זי אַריינגעגאַנגען צום „גלאַוונעם" און וואָלט איהם געבעטען ער זאָל זי פאַרהערען, צי קען זיך אויך שפּיעלען.

— אומאַליאַיו וואס איוואַן סטעפּאַנימש . . .

אָבער אויסער פערד און וועגען האָט פייגע מעהר גאַר ניט געפונען, און אַ פאַרבענקטע, אַן אומעטיגע, פלעגט זי זיך אומקעהרען אהיים, אָדער צו איהר חבר׳טע, און שפּיעלען טעאַטער פאַר זיך אליין . . .

2.

אין אַ יאָהר אַרום איז אין שטאָדט פאָרגעקומען אַזוינס, וואָס האָט פייגע׳ן געגעבען האָפנונג אויסצופיהרען איהר פאַרלאַנג. ערפאַהרען האָט זי עס דורך אַ קליינער געשריבענער אַפּישע אויף דער וואַנט פון „פּאָסט", וועלכע געפינט זיך ניט ווייט פון זייער הויז.

אין דער אַפּישע איז געווען געזאָגט, אַז אין שטאָדט האָט

זיך געגרינדעט א טרופּע ליעבהאָבער, וועלכע וועלען אויפפיהרען פון צייט צו צייט רוסישע דראַמען. אונטען איז, מיט גרעסערע ווערטער, אונטערגעשטראָכען געוואָרען, אז „ליעבהאָבער" ווערען אָנגענומען מיט דאַנק, — און עס איז געווען אָנגעוויזען דער אדרעס צו ווענדען זיך.

דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי דער קריסטליכער לעהרער פון דער שטאָדטישער אוטשילישטשע, פעדאָר קאַלמיקאָוו, א הויכער בלאָנדער מאַן, מיט לאַנגע וואָנסעס און גרויע שטרענגע אויגען... זי האָט איהם שוין עטליכע מאָל באגעגענט אין גאַס פאַרבייגעהן. איינמאָל האָט ער איהר אפילו צו שטאַרק אָנגעקוקט. זי האָט געהערט, אז ער פיהרט א ליעבע מיט'ן פּאָטשמייסטערס טאָכטער...

און איבערלעגענדיג זיך די זאַך עטליכע טעג און עטליכע נעכט, איז זי ענדליך צום באשלוס געקומען, אז געהן צו דעם דאָזיגען מענשען מיט איהרע פּלענער איז א צו ריזיקאַלער שריט. ווער ווייס, וואָס דער דאָזיגער קריסט קען פון איהר מאַכען. ער קען זי נאָך צום שמד טרייבען...

און אין איהר פאַנטאַזיע האָבען ערוואַכט אַלע יענע געשיכטען, וואָס חבר'טעס האָבען צווישען זיך דערצעהלט פון גרויסע אַקטריסעס, וועלכע האָבען זיך אַלע ביז איינער אויסגע'שמד'ט, ווייל אז מען שמד'ט זיך נישט, קען מען ניט דערגרייכען קיין גרויסע ראָליע, און אפילו די גרעסטע אַקטריסע אין דער וועלט, סאַראַ בערנאַרד, פון וועלכע אויך ביי פייגע'ן אין שטאָדט האָט מען גערעדט, איז אויך א גע'שמד'טע...

— ניין — טראַכט פייגע — שמד'ען זיך וועל איך ניט...

אָבער אויף דער צווייטער וואָך, אז פייגע איז ווידער דורכגעגאַנגען די פּאָסט און ווידער איבערגעלעזען די פריינדליכע איינלאַדונג צו די יעניגע, וואָס ווילען זיך אָנשליסען, האָט זי ניט געקענט מעהר באהערשען איהר נייגיערדע, זי האָט אָנפאַנגס מיט וואַקלענדע, באַלד אָבער מיט שנעלע און שנעלערע טריט זיך געלאָזט צום קריסטליכען לעהרער פעדאָר קאַלמיקאָוו.

אוועקשטעלענדיג זיך ביי זיין טיר, האָט זי אין זיך אריינ־געצויגען אָטעם, און ווי איינע וואָס געהט דאָס ערשטע מאָל אריין אין קאלט וואסער, וואָס עס דאַרף אָפּקיהלען, האָט זי געגעבען שנעל אַן עפען די טיר, און ניט קוקענדיג וואָס זי האָט שוין גלייך חרטה געהאַט, האָט זי שוין געמוזט בלייבען, ווייל, דערהערענדיג איהר אריינגאַנג, איז פעדאָר קאַלמיקאָוו ארויס צו איהר און שטרענג אָבער העפליך זי באַגריסט, באַטראַכטענדיג זי פון קאָפּ ביז די פיס.

זיין שטרענגער טאָן האָט איהר אין גאַנצען בארוהיגט. אויב אַזוי קען זי נאָך זיך פאַרכאַפּען. זי קען זאָגען, אַז זי וויל ביי איהם נעהמען אַן אורּאָק אין רוסיש...

— אַלזאָ, וואָס ווילט איהר באַפעהלען? — האָט ער איהר פריינדליכער אָנגעקוקט...

— איך וויל זיך לערנען רוסיש... — האָט זי אויסגעפּלאַצט.

— אַ, מיין ליעבע... — האָט ער זיך הויך צולאַכט, — דאָס קען איך ניט... איך בין צופיעל פאַרנומען.

פייגע האָט איהם שוין דרייסטער אָנגעקוקט. ער זעהט זיך אָן ניט קיין שלעכטער... זי וועט איהם אַלעס דערצעהלען.

אָבער ווי נאָר זי האָט געפּרובט אָנצוהויבען רעדען, האָט איהר גלייך פאַרשטיקט אין האַלז און די אויגען זענען איהר פול גע־וואָרען מיט טרעהרען.

— איהר וויינט?... — האָט זיך דער לעהרער דערשראָקען און זי אָנגענומען פאַר דער האַנט. — דערצעהלט, וואָס איז מיט אייך.

פייגע האָט זיך פאַרשעמט פאַר איהר נאַרישען האַלטען זיך. זי האָט זיך אין געדאַנק פאַרווירפע געמאַכט, וואָס זי האַנדעלט ווי אַ קליין מיידעל. אַן אַקטריסע דאַרף אַנדערש זיך האַלטען. און גלייך האָט זי זיך געמוטיגט און זיך צורעדט:

— איך בעט אייך ענטשולדיגען: איך וויל ניט קיין אורּאָק... רוסיש קען איך... איך וויל שפּיעלען...

— וואָס, איהר ווילט שפּיעלען?... — האָט דער לעהרער

זי אָנגעקוקט מיט פאַרדעכטיגע בליקען. — וואָס מיינט איהר שפּיעלען. איך פאַרשטעה אייך ניט...

דאַן האָט פייגע זיך ווידער ענטשולדיגט:

— איך מיין אייער טרופּע, וואָס איהר גרינדעט... איך פיהל, אז איך האָב טאַלאַנט... איך האָב שוין געזעהן טעאַטער פאַר־א־יאָהרען...

— אָך, איך פאַרשטעה — איז דעם לעהרער אַלץ קלאָרער געוואָרען... — איהר ווילט, הייסט עס, צו אונז אין דער ליעב־האָבער טרופּע... שעהן, זעהר שעהן! איך וועל אייך פאַרשריי־בען... דאָס איז עפּעס אַנדערש! אָבער קיין אוראָקען געבען האָב איך קיין צייט ניט און קיין געדולד ניט... כע־כע... כע... מיר זענען פויל... איהר פאַרשטעהט, מיין ליעבע.

און ער האָט זי מיט אַ פינגער אָנגעריהרט ביים האַלז.

זי האָט זיך פאַרשעהמט, אָבער זי האָט ניט געוואַגט דערויף איהם וואָס צו באַמערקען...

ער האָט ווייטער גערעדט:

— הייסט עס, איהר ווילט ווערען אַן אַקטריסע... יאָ... דאָס איז שעהן... איהר זעהט אוים דערצו ווי געבוירען... אייער גאַנצע פיגור!... דערצו אייער יוגענד... אייער טעמפּע־ראַמענט... יאָ, איהר זענט מיט אַ הייסען טעמפּעראַמענט... דאָס איז די הויפּט זאַך: טעמפּעראַמענט!... נו, לאָמיר צוםביישפּיעל זעהן: ערקלערט זיך מיר אין ליעבע...

פייגע האָט געשוויגען און ניט געוואוסט וואָס פאַרצונעהמען...

— נו, ווארום ווילט איהר ניט?... איהר מוזט דאָך וויזען וואָס איהר קענט... אָט, צום ביישפּיעל, איז די ביהנע... דאָר־טען זיצען מענשען און מיר שפּיעלען. איהר זייט אין מיר שרעק־ליך פאַרליעבט, איך אין אייך ניט, אָדער, איך אין אייך אויך, נאָר איך האָב שוין אַ געליעבטע... איהר פאַרשטעהט... איהר נעמט מיך ארום, און בעט זיך: פאַרלאָז מיך ניט...

פייגע האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. זי איז גע־שטאַנען די גאַנצע צייט, וואָס דער לעהרער האָט אונטעררידכטעט

און געשמייכעלט. דאן האט ער גענומען אן אנדער ווענדונג:

— אויב אזוי, לאמיר זאגען, בין איך דער געליעבטער און איך דערשלאג מיך אייער ליעבע.

און דא האט דער לעהרער אויסנעצוינען זיינע הענט און זי גערופען.

פיינע איז צו איהם צוגעגאנגען נעהענטער, דאן האט ער זי ארומגענומען און א שטארקען קוש געטאן איהר אין די ליפען.

זי האט זיך פון איהם גענומען רייסען, אבער ער האט זי ניט אזוי שנעל אפגעלאזט.

נאכ'ן קוש האט ער איהר באמערקט:

— וויבאלד, אז איהר ווילט זיין אן אקטריםע, מוזט איהר זיך לאזען...

און כאטש דער קוש איז כלומר'שט געווען צוליעב „לערנען זיך" צו זיין אקטריסע, האט ער דאך פיינע'ן באליידיגט... זי האט גלייך דערפיהלט, וואס עס שטעהט איהר פאר, און זי האט זיך שנעל אפגעזעגענט מיט'ן לעהרער.

אויף מארגען איז זי אבער צוריק געקומען.

.3

אין דעם ערשטען ספעקטאקל, וואס איז פארגעקומען, האט זי געשפיעלט אלס דיענסט־מיידעל. עס איז געווען א לייכטע ראליע צו שפיעלען, אבער זעהר א שווערע צו פארטראגען. אין יעדען אקט איז זי געקושט געווארען פונ'ם „בעל־הבית" פון דעם שטיק, דא פון זיין זוהן, דא פון א גאסט. אזוי ווי זי האט עס באמת ניט געוואלט און זיך ניט געלאזט, זיך געריסען פון זיי, — איז אויסגעקומען איהר שפיעלען זעהר טריי. דאס פובליקום, וואס איז באשטאנען פון דער קריסטליכער און אידישער אינטעליגענץ, האט איהר שטארק אפלאדירט. דאס האט איהר צוגעגעבען מוט און געלינדערט איהר דעם שמערץ פון די ניט־גע־זוכטע קושען.

ערגער איז שוין געווען הינטער די קוליסען, וואו דער לעה־רער האט זי ערגיץ אין א פינסטערען ווינקעל נעארעמט און גע־קושט. זי האט זיך געריסען פון איהם מיט אלע כחות און איהם גע'מוסר'ט אז עס איז נים שעהן. דאן האט ער איהר באמערקט, אז ער צווייפעלט צי וועט פון איהר ארויס א רעכטע אקטריסע, ווייל זי האט גאר נים קיין טעמפעראמענט... ווייל די הויפט זאך פלעגט ער איהר ערקלערען, איז אין שפיעלען טעמפעראמענט...

זי האט זיך נאכדעם אליין פארווירפע געמאכט, פאר וואס זי האט נים קיין טעמפעראמענט. אפשר מוז מען טאקע אזוי זיין, ווי דער „לעהרער" זאגט איהר. אבער ביי יעדען מאל, ווען דער לעהרער פלעגט צו איהר צוגעהן הינטער די קוליסען און אנפאנגען זיינע אומארמונגען, האט זי דערפיהלט, אז דער דאזיגער מאן איז איהר דערווידער. זי האט זיך דערמאנט אן איהר פרומען טאטען, אן איהר גוטער, שטילער מאמען, וועלכע מיינען, אז זי איז איצט ביי חבר'טעס, און האבען נים די מינדסטע פארשטע־לונג וואו זייער טאכטער געפינט זיך און צו וואס זי איז אונטער־ווארפען... א גליק וואס פון דער ליעבהאבער־טרופע איז ענדליך גאר נישט געווארען. פייגע האט זיך דערפיהלט די ערשטע צייט גליקליך און באפרייט, ווי פון א שווערען יאך. דאס באהאלטענע לעבען, בשתיקה פון די עלטערען, די באליידיגונג פון דעם לעהרער און אויך פון די איבריגע יונגע לייט פון די ליעבהאבער, האבען זי גייסטיג מיעד געמאכט.

אבער אז עס איז אוועק א קורצע צייט, האט איהר אנגע־הויבען ציהען צוריק צו דעם דאזיגען לעבען... עס האט זיך איהר פארגעשטעלט די סצענע מיט איהר פרעהליכקייט, דאס פובליקום, וועלכע פאלגט נאך איהר יעדע באוועגונג, די אפלאדיסמענטען, נאך יעדען מאל, ווען דער פארהאנג פאלט, און עס האט איהר גענומען ציהען צוריק, צוריק.

א בענקענדיגע, א פאר'חלומ'טע איז זי אומגעגאנגען גאנצע טעג. צו וואס זי האט זיך גענומען, איז ביי איהר פון די הענט געפאלען. דער שטרענגער טאטע האט געפארשט מיט בייזע

די גוטע מאמע מיט גוטען, זי אָבער האָט ניט געקענט ענטפערען.

אין אַ קורצער צייט ארום איז אין שטאָדט ווידער געקומען אַ טרופּע. די דאָזיגע טרופּע איז שוין אָבער געווען אַ אידישע. פייגע האָט ווי אויפגעלעבט. אַן אַקטיאָר מיט אַן אַקטריסע האָבען זיך באזעצט קעגענאיבער זייער הויז, און פייגע האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען צו באַקענען זיך מיט זיי. ניט געפינענדיג קיין שום אויסרייד, איז זי איינמאָל, וועןביידע האָבען געשפּאַצירט פאַרביי זייער הויז, אַליין צוגעגאַנגען און זיך פאָרגעשטעלט.

די אַקטריסע האָט זי אָנגעקוקט אַ ביסעל מיט פאַראַכטונג און האָט געוואָלט ווייטער געהן, דער אַקטיאָר אָבער, אַ מאַן אין די דרייסיגער, מיט לעבעדיגע, שעלמישע אויגען, האָט פאַרהאַל־טען זיין פרוי און זיך אָנגערופען:

— דו ביזט דען אין איהרע יאָהרען קליגער געווען?...—

און ווענדענדיג זיך צו פייגע'ן האָט ער געשמייכעלט:

— אזוי... הייסט עס, איהר האָט חשק צו דער ביהנע?...

— איך האָב שוין געשפּיעלט אין אַ רוסישער טרופּע פון ליעבהאָבער... — האָט פייגע זיך באַריהמט מיט שטאָלץ און באשיידענהייט צוזאמען.

— אָ, אויב אזוי, איז דאָך גאָר עפּעס אַנדערש — האָט דער אַקטיאָר שעלמיש געוואונקען צו זיין ווייב. — הייסט עס, זענט איהר אַ פאַרטיגע אַקטריסע... וואָס־זשע ווייזט איהר זיך ניט אין טעאַטער צו אונז... וואָס? אייך שטעהט ניט אָן צו קומען אין אידישען טעאַטער... איך אַליין האָב אויך אָנגעהויבען אין אַ רוסישער טרופּע... אָבער איך האָב זי אוועקגעוואָרפען און בין אוועק צו די אידען... מיין אייגענע שפּראַך... מיין אייגען פאָלק... איך בין, פאַרשטעהט איהר מיך, אַ פּאַטריאָט...

נאָך דער דאָזיגער דרשה, פון וועלכער פייגע האָט ניט פיעל פאַרשטאַנען, האָט זי זיך דערפיהלט ווי צוגעקניפּט צו דעם דאָ־זיגען ווייטען און דאָך אזוי נאָהענטען מענשען... זי האָט אויס־געשטאַמעלט פון פאַרווירונג און אינערליכער אויפרעגונג:

— געוויס... איך בין אויך אַ אידישע טאָכטער...

— דאָס זעהט מען אָן אייערע שווארצע אויגען! — האָט דער אַקטיאָר זי אָנגעקוקט און ניט געקענט שוין אוועקנעהמען זיינע בליקען פון איהר, און ער האָט מיט פייער צוגעגעבען:

— אָט, ווען איהר ווארפט אוועק די דאָזיגע נארישע שטאָדט אייערע... און איהר פאָהרט מיט אונז... אין דער גרויסער וועלט אריין... איהר פארשטעהט...

— געוויס פארשטעה איך... — האָט פייגע ניט געהאַט קיין מוט עפּעס אנדערש צו ענטפערען.

איבריגענס האָט איהר שוין לאַנג געצויגען אין א גרויסער שטאָדט, וואו זי זאָל פריי זיין פון איהרע עלטערנס השגחה און זיך איבערגעבען אינגאנצען איהר באַליעבטער אידעע: שפּיעלען טעאַטער.

— דו הערסט, מיננע, — האָט זיך דער אַקטיאָר געווענדט צו זיין ווייבעל, — אָט פון דער מיידעל וועט אויסוואַקסען א גרויסע שוישפּיעלערין. איך זעה עס אין איהרע אויגען.

דאָס ווייבעל האָט גאָר ניט געענטפערט זי האָט נאָר בייז אָנגעקוקט פייגע'ן און דעם אַקטיאָר, וועלכער האָט געזאָלט זיין איהר מאַן, און האָט איהם גערופען צו געהן.

אויף מאָרגען האָט שוין דער אַקטיאָר פייגע'ן אויפגעזוכט אליין.

— איך בין עקסטרא געקומען צו אייך אָהן איהר — האָט ער אָנגעהויבען, — ווייל איך וויל מיט אייך עפּעס רעדען...

פייגע'ן האָט עס שטארק געשמייכעלט, זי האָט זיך נערוי־ טעלט און געענטפערט:

— איך דאַנק אייך זעהר.

און אָנקוקענדיג איהם, האָט זי שוואך איהם געפרעגט:

— איך בעט אייך, ווער איז די נעכטיגע פרוי געווען... ס'איז אייער ווייב?

— איך זאָל אייך זאָגען דעם אמת, ווייס איך אליין ניט — האָט דער אַקטיאָר געענטפערט דיפּלאָמאַטיש. — ביי אונז אַק־ טיאָרען איז ניט שייך צו זאָגען... עס ווענדט זיך לויט דער

ראַליע וואָס מיר שפּיעלען, איהר פערשטעהט... איך שפּיעל איצט דער ערשטער ליעבהאָבער און זי איז די פּרימאַדאָנע... נו, איז שוין במילא... עס איז דאָך טעאַטער... דאָס גאַנצע לעבען איז דאָך טעאַטער.

— הייסט עס, אַז זי איז נישט אייער ווייב? — האָט פייגע נאָכגעפּאָרשט...

— וואָס האָט דאָס צום שפּיעלען? — האָט דער אַקטיאָר זיך אָפּגעווענדט פון צו געבען אַ ריכטיגען ענטפער. — איך זאָג דאָך אייך: זי איז די פּרימאַדאָנע...

און ארייגקוקענדיג פייגע'ן אין די אויגען, האָט ער איהר נאָך־זאָגט ווי אַ סוד שמייכלענדיג דערביי:

— אַז איהר וועט זיין די פּרימאַדאָנע, איהר פאַרשטעהט... וואָס איז דאָ צו רעדען. איהר פאָהרט מיט אונזער טרופּע און איהר וועט ווערען גרויס... איך זעה אָן אייך, אַז איהר האָט טאַלאַנט...

אוועקגעהענדיג פון אַקטיאָר האָט פייגע לאַנג נאָכגעדענקט וועגען דעם, וואָס איהר שטעהט פאַר. זי האָט זיך נים געקענט באַשליסען צו מאַכען אַזאַ געוואַגטען שריט: פאַרלאָזען טאַטע און מאַמע, ברידער און שוועסטער, און פאָהרען מיט ווילד־פרעמ־דע מענשען, וואָס פיהרען עפּעס אַזאַ מאָדנעם לעבען. איבער־הויפּט האָבען איהר געשראָקען די ווערטער פון אַקטיאָר וועגען זיין ווייב... עס הייסט, עס אי זיאַ אַ ווייב, און נים קיין ווייב, עס ווענדט זיך לויט די ראַליען וואָס מען שפּיעלט. אויב זי, פייגע, וועט דאַרטען שפּיעלען די ראַליע פון אַן ערשטער געליעבטער, וועט זי, הייסט עס... זי האָט זיך געשעהמט צו ענדיגען איהר געדאַנק מיט ווערטער. זי האָט זיך אומגעקוקט און האָט דער־זעהן נעבען זיך איהר חבר'טע...

— דו הערסט — האָט זי זיך צו איהר אַ צוטומעלטע און דערשראָקענע געווענדעט, — אַ מאָדנע וועלט ביי זיי...

— ביי וועמען?

— ביי די אַקטיאָרען — האָט פייגע געשמייכעלט. — זיי האָבען דאָך ניט חתונה ווי געוועהנליכע מענשען.

— ווי דען ? — איז די חבר'טע נייגעריג געוואָרען.

— אַקוראַט ווי אַזוי, ווייס איך ניט — האָט פייגע ווי נאָכדענקענדיג געזאָגט, — נאָר עפּעס ניט ווי עס דאַרף צו זיין... מיר געפעלט עס ניט.

— פון וואַנען ווייסטו ! ?... — האָט די חבר'טע מיט פאַרדאַכט געפרעגט.

— איך ווייס טאַקי ניט — האָט פייגע זיך פאַרשעהמט. — אָבער זיי געפעלען מיר ניט... אַ מאָדנע פאָלק !... מען קען, דאַכט זיך, שפּיעלען אויף דער ביהנע וואָס מען וויל, אָבער נאָכ'ן שפּיעלען קען מען לעבען ווי אַלע...

אָבער די חבר'טע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס פייגע אינטערעסירט זיך אַזוי, און דריקענדיג מיט די פּלייצעס איז זי אוועק.

.6

אין דער גרויסער שטאָדט איז פייגע פאַרפאָהרען מיט דער טרופּע אין מעבלירטע צימערען. אַ גאַנצען טאָג האָט געטומעלט פון די אַקטיאָרען און אַקטריסעס, וואָס האָבען פראַנק און פריי אַרומגעשפּאַצירט פון איין צימער אין צווייטען. פייגע אפילו האָט כלומר'שט געהאַט אַ באַזונדער צימערעל, אָבער ביינאַכט האָט מען איהר געבראַכט אויף איבערנעכטיגען אַ כאָריסטקע, וועלכע האָט דערוויייל זיך ניט געהאַט וואו אהין צו טאָן. צו דער כאָריסטקע איז געקומען פאַרברענגען אַ יונגער אַקטיאָר, אַ דאַרער און אַ הויכער, מיט אַ לאַנגער נאָז. זיינע גרויסע אויגען האָבען זיך געוואָרפען אין אַלע זייטען. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר פייגע'ן פאַר דעם גרעסטען קאָמיקער און איהר געפרעגט, צו וואָס פאַר אַ ראָלען עס ציהט איהר.

— צו טראַגישע — האָט פייגע געענטפערט און האָט מיט שרעק אָנגעקוקט דעם קאָמיקער...

— יאָ, טראַגישע ראָלען ווערען זעהר גוט באַצאָהלט... אָבער מען דאַרף זיך דערצו דערדיענען — האָט דער קאָמיקער געזאָגט מיט אַן איראָנישען טאָן, קוקענדיג דערווייל אויף דער כאָריסטקע מיט שעלמישע אויגען.

— ווי אַזוי פאַרדיענט מען זיך? — האָט פייגע געפרעגט און גלייך אַליין געענטפערט: — אַז איך וועל גוט קענען די ראָלען און וועל אַרויסווייזען טאַלאַנט...

— טאַלאַנט...טאַלאַנט — האָט דער קאָמיקער געלאַכט. — איהר מיינט טאַקע אַז דער עיקר איז טאַלאַנט? נאַטירליך, טאַלאַנט שאַדעט ניט דערצו... אַז מען האָט טאַלאַנט, איז ניט קיין חסרון... אָבער דער עיקר איז גאָר אַנדערע מעלות פון אַן אַקטריסע...

דער קאָמיקער האָט נאָך לאַנג גערעדט וועגען זאַכען, וואָס פייגע האָט עס ניט דייטליך פאַרשטאַנען, אָבער געפיהלט האָט זי, אַז לייכט ווערען אַן אַקטריסע איז שוין ניט... מיעד און צו־בראָכען פון וועג האָט זי געוואָלט בלייבען אַליין, ווענינגסטענס אָהן דעם קאָמיקער, וועלכער האָט הויך גערעדט און זיך געוויצעלט מיט דער כאָריסטקע. זי האָט איהם געבעטען אַרויסגעהן, ווייל זי וויל זיך אויסטאָן און לעגען שלאָפען.

— לאָז איך אייך דען ניט? — האָט ער זי פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. אָבער באַמערקענדיג איהר שטרענגען בליק, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— נו, האָט מיר אַ הייליגע און גוטע נאַכט... און האָט גוטע חלומות... און אויב איהר ווילט ווערען אַ „טראַגישע“ שפּיעלערין, זאָלט איהר ניט זיין אַזוי קאָמיש צנועה'דיג...

און צולאַכענדיג זיך איז ער אַרויס פון צימער, צוזאַמענ־דיג דער כאָריסטקע אַ גרוס מיט דער האַנד.

די ערשטע ראָלען, וואָס פייגע האָט געקראָגען, זענען געווען קליין און אונבאַדייטענד אָבער אויך אין די קליינע און אונבאַדיי־

טענדרע ראָלען האָט זי זיך ארויסגעצייגט אלס א צוקינפטיגע גלענ־צענדע שוישפּילערין. דער אנטרעפּעניאָר פון טעאטער, א מאַן אין די מיטעלע יאָהרען, האָט איהר באשטימט א קליינעם געהאַלט. זי האָט זיך גענומען א קליינעם צימער ווייט פון די איבריגע אַק־טיאָרען און זיך געסטארעט ווי עס איז אויסצוקומען, אז זי זאָל ניט דארפען אַנקומען צו איהרע קאָלעגען נאָך הילף.

אויסצאָהלענדיג איהר איינמאָל איהר געהאַלט, האָט דער אנ־טרעפּעניאָר איהר א קניפּ געטאָן אין בעקעל, פון וואָס פייגע האָט זיך באליידיגט און בייז געוואָרען. דאַן האָט ער איהר געזאָגט:

— דו וואָלסט שוין לאַנג געווען ביי מיר איינע פון די באַ־ריהמטע, ווען דו זאָלסט זיך ניט שעהמען אזוי...

— אויף דער ביהנע שעהם איך זיך דאָך ניט — האָט פייגע ווי טראָציג געענטפערט.

— יאָ, אויף דער ביהנע ביזטו גוט — האָט דער אנטרע־פּעניאָר איינגעשטימט, — אָבער הינטער די קוליסען און איבעראַל, טוינגסטו ניט... דו ביזט צופיעל צנועה; דאָס טויג ניט פאר אַן אַקטריסע... קיינער אכטעט דיך ניט. די אַקטיאָרען לאַכען פון דיר, און מיר אליין איז א שאַנדע צו האָבען אזא מין מיידעל אין מיין פערסאָנאַל... איך ווייס גאָר ניט, וואָס טראַכטסטו זיך, א שוישפּילערין מוז ווייזען איהר טעמפּעראַמענט...

און ניט קענענדיג ענדיגען טעאָרעטיש זיין אונטערדריכט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, זי ארומגענומען און געדריקט זי אין זיינע פעסטע אָרעמס.

פייגע האָט זיך געריסען פון איד מיט אַלע כחות.

ער האָט זי אָפּגעלאָזט, ווי איינער זאָגט: עך, פון איהר וועט שוין קיין גוטס ניט ארויסקומען; און האָט איהר אויסגעצאָהלט איהר קליינעם געהאַלט...

זי האָט זיך געפיהלט באליידיגט און דערשלאָגען. און אָפּ־געהענדיג עטליכע טריט פון טעאטער, האָט זי זיך ניט געקענט באהערשען און האָט זיך צואוויינט.

זי האָט ניט באמערקט ווי הינטער איהר געהט נאָך א מאַן.

אז זי האָט זיך אומגעקוקט, האָט זי זיך פאַרשעהמט. זי האָט אויף גיך אָפּגעווישט די טרערען און האָט זיך געלאָזט געהן שנעל.

דער מאַן האָט איהר אָבער נאָכגעיאָגט מיט נאָך שנעלערע טריט.

— פריילין פעני! — האָט ער זי אָנגערופען מיט איהר ביהנע נאָמען.

דאָס איז געווען דער קריטיקער פון דער אידישער צייטונג, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט געבען קירצערע און לענגערע נאָטיצען וועגען אידישען טעאַטער. דעם דאָזיגען מאַן האָט פייגע פאַרגעטערט. זי האָט נאָר געוואַרט אויף דער צייט, ווען ער וועט איהר דערמאָנען צווישען די אַלע נעמען, וואָס ער רעכענט אַמאָל אויס אין צייטונג.

זי האָט זיך אומגעקוקט און באַגעגענט זיך מיט זיינע דורכדרינגליכע בליקען.

— איהר האָט געוויינט? — האָט ער זי ווי אַ נאָהענטער פריינד געפרעגט.

די פריינדשאַפט זיינע האָט איהר נאָך מעהר גערירט. זי האָט, אַנשטאָט צו ענטפערען, זיך פונאַנדערגעוויינט.

— מיין גאָט, וואָס איז מיט אייך, פריילין פעני? אין מיטען גאַס, עס איז דאָך ניט שעהן. אָך, איך פאַרשטעה אייך... באַליידיגטע אַמביציע... געוויס, זיי שעצען אייך ניט אָפּ... טאָ וויינט זשע ניט... אָט וועלען מיר נעהמען אַ דראָזשקע... איך וועל אייך באַגלייטען... העי, פורמאַן, שטעלט אויף די ביידעל...

ער האָט זי מיט עלעגאַנטער העפליכקייט אַריינגענומען אין דראָזשקע. דער פוהרמאַן האָט געפרעגט וואוהין.

— וואוהין? — האָט דער קריטיקער זי געפרעגט.

זי האָט אָבער ניט געקענט ענטפערען. דאַן האָט דער קריטיקער דעם פוהרמאַן געזאָגט זיין אייגענעם אַדרעס.

די דראָזשקע האָט זיך געלאָזט איבער דער שטיינערנער גאַס. פייגע האָט פאַר דער לאַנגער צייט, וואָס זי געפינט זיך דאָ, דערפיהלט זיך נעבען אַ נאָהענטען מענשען, וואָס האָט זי ענדליך פאַר־

שטאַנען און וואָס האָט אין זינען בלויז די קונסט. זי האָט זיך צו איהם מיט דאַנקבאַרקייט געדריקט און געטרונקען זיינע בליקען, ווי דערקוויקענדען וויין.

— וואָס, זיי האָבען אייך באַליידיגט? — האָט דער קרי־טיקער זי ווידער געפרעגט.

— אָך, זיי לאָזען מיך ניט רוהען... זיי באַליידיגען מיך אויף יעדען שריט. איך בין פאַר זיי צופיעל צנועה... מיין יוגענד, מיין ריינקייט...

— אָך, אָט די גראָבע ציניקער! — האָט זיך דער קריטיקער צושריען. — איך וועל זיי אָנלערנען. איך וועל זיי אָנלערנען. איך וועל שרייבען אַן אַרטיקעל...

און גלעטענדיג איהר איבער די פייכטע באַקען, האָט ער זי געטרייסט...

— פריילין פּעני, זייט רוהיג. איך וועל אייך פאַרטיידיגען... און וואָס אנבאַטרעפט ראָלען, וועל איך זעהן מען זאָל אייך געבען די גרעסטע, איהר פאַרשטעהט... די גרעסטע!

און צוהיצענדיג זיך, האָט ער אויסגעשריען:

— איך וועל פון אייך מאַכען אַן אַקטריסע!...

* * *

אין זיין צימער איז געווען אַזוי געמיטליך, אנגענעהם. זי האָט זיך דערפיהלט ווי ניי געבוירען. ער איז דער שעהנסטער מענש, וועלכען זי האָט געטראָפען. איצט, פיהלט זי, וועט זי ווערען אַן אַקטריסע...

— רוהט זיך אָפּ אביסעל! — האָט ער איהר פאַרגעלעגט די זאָפע, וועלכע איז געשטאַנען ביים וואַנט פון צימער...

— אָ, ניין, איך דאַנק אייך... איבריגענס, בין איך טאַקע מיעד... איך האָב גאָר געזאָלט אַהיים געהן. אָבער איהר האָט ניט געוואוסט מיין אַדרעס, איך האָב אַליין ניט געקענט רעדען,

— אָ, איהר קענט ביי מיר זיך גוט אויסרוהען, ליעבע פּעני, עס וועט מיר זיין זעהר אנגענעהם זאָגאַר, ווען איך זאָל אייך מיין גאַנצען צימער אָפּטרעטען. איך שעץ אַזוי אייער טאַלאַנט.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר, און האָט איהר גע־גלעט איהרע לאַנגע דופטענדע האָר.

— מעג איך אייך אַ קוש טאָן, ליעבע פעני? איך מיין ניט אייך, נאָר די קינסטלערין אין אייך.

זי איז פון זיינע ווערטער ווי באַרוישט געוואָרען. אנשטאַט אַן ענטפער, האָט זי איהם אויסגעצוינגען איהרע שמאַכטענדע הענט...

— מיין טייערע, מיין טייערע! — האָט ער גערופען. — איך האָב אייך... איך האָב דיך ליעב... ליעב...

און מעהר האָט זי שוין גאָרנישט געהערט —

אויפ'ן צווייטער אָבענד איז זי געפאָהרען מיט איהם צוזאַמען פון טעאַטער אַ פרעהליכע און אַ גליקליכע צו איהם אַהיים. זי האָט באַטראַכט די בילדער אויף די ווענט און אָהט זיך ענדליך אָפּגע־שטעלט ביי איין פאָטאָגראַפיש בילדעל, וועלכע האָט צוגעצויגען איהר אויפמערקזאַמקייט.

זי האָט איהם געפרעגט:

— ווער איז די פרוי?...

— די פרוי... — האָט דער קריטיקער געענטפערט מיט אַ שמייכעל, — דאָס איז מיין ווייב. זי איז אין אויסלאַנד...

פייגע האָט אויף איהם אויסגעשטעלט פאַרווירט די אויגען.

— אייער פרוי?... — האָט זי אויסגעשריען, — וואָס הייסט, און איך... מיט מיר?...

— איהר?... איהר וועט זיין מיין געליעבטע... איך וועל אייך גרויס מאַכען...

פייגע איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער, דאָ געקוקט אויף איהם, דאָ אויף דעם בילד פון זיין פרוי, און ענדליך, ווי עס וואָלט איהר עפּעס מיט אַמאָל קלאָר געוואָרען, האָט זי שטיל זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן סאָפע און רוהיג געשמייכעלט...

אין אַ יאָהר אַרום איז פעני געווען דער געשפּרעך פון אַלע

טעאטער־באזוכער. זי האָט געשפּיעלט טראַגישע ראָלען, און דער קאָמיקער האָט איהר הינטער די קוליסען זעהר אָפט דערמאָנט:

— געדענקט איהר, פעני, וואָס איך האָב אייך אַמאָל נע־זאָגט אין די מעבלירטע צימערען?

וואָס אנבאטרעפט דעם אנטרעפּרעניאָר, האָט ער געהאַלטען, אז אַזאַ שוישפּיעלערין ווי פעני איז ניטאָ אפילו ביי די גוים. ער וואָלט נאָר געקאָנט איהר צאָהלען ווי יענע. אָבער ער האָפט, אז מיט דער צייט וועט ער זעהן, אז זי זאָל נעהמען דעם העכסטען געהאַלט.

אויך די איבריגע אַקטיאָרען האָבען פעני'ן אָנגעהויבען שעצען. זי האָט פון זיך אינגאַנצען אראָפּגעוואָרפען דאָס קליינשטעדטעל־דיגע צניעות, און איז געוואָרען אַן אמת'ע אַקטריסע, מיט וועלכע מען דאַרף זיך נים שעהמען פאַר לייטען...

מעהר פון אַלע אָבער האָט געשמאָלצירט מיט איהר דער קרי־טיקער. זיצענדיג מיט זיין פרוי, וועלכע איז שוין געקומען פון אויסלאַנד, אין טעאַטער, האָט ער, ווען יענע האָט זיך ענטציקט פון פעני'ס שפּיעלען, מיט גרוים שטאָלץ אויסגערופען:

— ווייסט, מיין לעבען, וועמען זי האָט צו פאַרדאַנקען איהר שפּיעלען? טאַקע מיר, איך האָב זי געמאַכט פאַר אַן אַקטריסע...

און ער האָט דערביי צווידייטיג געשמייכעלט.

דער אוצר

אַ גאַנץ יאָהר איז אין שטוב זעלטען געוועזען אַ מזומנ'ע מטבע. זעליג אַליין, פון פאַך אַ שניידער, האָט קוים געקענט זיך אָפּשפּאָרען איין מאָל אין צוויי וואָכען אַ גריוונע צו קויפען אַ פּעקעל טאַבאַק פאַר אַכט קאָפּיקעס און פאַר אַ פיערטעל אַ ביכעלע פּאַפּיראָס־פּאַפּיער. דאָס דאָזיגע פּעקעל טאַבאַק האָט ער געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. גערויכערט האָט ער דאָס געמאַכטע פּאַפּיראָסעל ביז'ן סוף, דערפאַר זיינע פינגער און ליפּען געוועזען צעברענט. אויסער זיין שוואַכקייט צו רויכערען האָט ער געהאַט, אמת, אַ קלענערע שוואַכקייט צו ביסעל בראַנפען אויף שבת. דאָס קלענסטע פלעשעלע, וואָס מען האָט געקענט קריגען אין „מאָנאָפּאָלקע", האָט געקאָסט פינף קאָפּיקעס מיט אַ האַלב. ווען מען ברענגט צוריק דאָס לעדיגע פלעשעלע, דאַרף מען האָבען נאָר 4 קאָפּיקעס. אָבער דאָס רוב פלעגט דאָס פלעשעלע פון פאָריגען מאָל פאַרלאָרען געהן, און זעליג פלעגט מוזען האָבען טאַקי די גאַנצע סומע — פינף מיט אַ האַלב קאָפּיקעס. אזוינס האָט ער שוין ניט אַלע וואָך געקענט באַווייזען. דערצו האָט חיה, דאָס ווייב, געשטערט. חיה, פון דער נאַטור ניט קיין שלעכטע, האָט זיך אָבער אויף די ביסעל בראַנפען שטאַרק געבייזערט:

— עס איז אַן עבירה! — האָט זי גע'מוסר'ט — אָהן בראַנפען קען מען זיך אויך באַגעהן.

כאָטש, אַז ער פלעגט שוין יאָ קויפען, פלעגט זי אויך ליעב האָבען איינצוטונקען אַ שטיקעל חלה אין דעם קעלישעס און נאָכ־

דעם פלעגען איהרע אויגען באקומען א גלאנץ און די דארע בלייכע באקען פלעגען זיך אביסעל צערויטלען, — אָבער אין גאנצען שכור איז זי ניט געוואָרען; ווייל, אַז זעליג פלעגט איהר וועלען דעמאָלט א קוש געבען, אזוי אויף קאָטאָוועס, פלעגט זי זיך טאַקי ניט לאָזען.

— וואָס מיינסטו, איך בין שוין טאַקי שכור? — פלעגט זי איהם אָפּשטופּען.

אויף אנדערע מותרות איז שוין ניט געווען. זעליג האָט, למשל, ליעב געהאַט א מרחץ אַלע וואָך; אָבער צוליעב געלט־מאנגעל פלעגט ער זיך מוזען באנוגענען מיט א מרחץ איינמאָל אין צוויי וואָכען און אמאָל, אין ערגערע צייטען, איינמאָל אין א חודש. ווייל ווי זעליג איז געווען אָרים, האָט ער דוקא געהאַט א ברייטען כאראקטער, האָט ליעב געהאַט צו שטעלען זיך אין באַר ברייט: א שטיקעל זייף, א בעזימעל און טאַקי דעם „שמיי־סער" לאָזען א זעקסערעל... ארום־און־ארום טרייבט עס אריין אין א גריוואניע... און די גריוואניע איז אין שטוב זעלטען דאָ און אויב זי איז דאָ, רוקען זיך אונטער בילכערע זאכען; כאָטש, צוריק גערעדט, איז א באָד פאר זעליג'ם „געבליטען" געווען א זעהר נויטיגע זאך.

עס זיינען געווען טעג, און אמאָל וואָכען, ווען אין זעליג'ם שטוב פלעגט זיך ניט געפינען קיין איין מטבע. פון פּאַפּיערען־געלד איז שוין אָפּגערעדט. דעמאָלט האָט אין שטוב געהערשט א גוואַלדיגער טרויער. און זעליג פלעגט אין אזוינע ענגע צייטען דרייבערען און רויבערען... דאָס נויטיגסטע, וואָס מען האָט גע־מוזט האָבען צום לעבען, פלעגט חיה ווי עס איז קריגען געבאָרגט אין קרעמיל, וואו זי האָט געהאַט קרעדיט ביז פיער גילדען. פלעגען די פיער גילדען ווערען פול, פלעגט זי שוין ניט וועלען געהן נעהמען עפּיס נאָך.

— איך קען שוין מעהר ניט...

— געה נעהם נאָך א הערינגעל! מען וועט דיר ניט אָפּ־זאָגען.

— אז איך וועל וויסען, אז איך וועל שטארבען!

און מען פלעגט שיקען א קינד. דאס קינד פלעגט דאס הער־רינגעל ברענגען, אבער אז מען פלעגט דאס קינד פרעגען, ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען, האט עס געענטפערט:

— זי האט זיך געקרימט.

האט שוין חיה'ן פארברענט: זאל זי פארקרימט און פאר־לאמט ווערען... „העני אביסעל"! איך וועל איהר דען אנזעצען... יענע איז אנגעשלאגען מיט גאלד... ביי איהר איז דאך אן אמת'ער אפטייק. א הערינג, ווי א ברעטעל, רעכענט זי א זעקסער...

אמאל פלעגט זיך חיה'ן אויסדאכטען, אז ביי איהר דארף זיך ערגעץ וואלגערען א פיערער... זי געדענקט, אז עס איז איהר גע־בליבען א פיערער... אלע אין שטוב, פון דער דערוואקסענער מיידעל ביז דעם אינגסטען לייבעלע'ן, פלעגען זיך נעהמען צו דער ארבייט זוכען דעם אוצר — דעם פיערער... איינער האט גע־זוכט אין גראטקע, צווישען די געפעס; א צווייטער — אויפ'ן קוימען, וואו חיה פלעגט האבען א געוואוינהייט אמאל אוועקצו־לעגען א מטבע, וואס עס איז איהר געבליבען, קומענדיג פון מארק. א דריטער האט געזוכט אונטער'ן בעט... זעליג אליין, וואס האט דאס דאזיגע פיערערעל געדארפט אויף עפּיס זעהר נויטיגעס, האט גענעבען א פלאן, אויפצורייסען א ברעט פון דער פאדלאגע, וועלכע איז פול מיט שפאלטען. זעליג איז געווען זיכער, אז ווען מען זאל עפענען עטליכע ברעטער פון דער פאדלאגע, וועט מען דארטען געפינען אן אוצר... פיערערלעך מיט זעקסערלעך מיט צעהנערלעך...

אבער רייסען ברעטער האט חיה ניט געלאזען... „משוגע, מיינע שונאים!"; און אז זי פלעגט זיך פארקנייטשען דעם אזוי אויך פארקנייטשטען שטערן, פלעגט זי זיך דאס רוב דערמאנען, אז זי האט פיערער נאך נעכטען אויסגעגעבען...

איז די לעצטע האפנונג פארשוואונדען... און ווידער איז די שטוב געבליבען אהן איין מזמנ'עם גראשען... און זעליג האט

צוזאמענגעדרעהם א דיקערן פאפיראס: אויסרויכערען דעם דלות...

דערפאר האט זיך באוויזען געלד ביי זעליג'ען אין שטוב א פאר טעג פאר פסח... און ניט נאר געלד, נאר טאקע גאלד... די עשירות האט זיך גענומען ערב־פסח דערפון, וואס זעליג און זיין הויזגעזינד האבען פון נאך פורים אן געארבייט אין א „פאד־ריאד" פון מצות־באקען... אויב זעליג איז געווען ניט פון די געהויבענע שניידער, אז אפילו גוים פלעגען איהם ניט געטרויען זייערע פעלצלעך, דערפאר איז ער אבער א „זעצער" געווען א מושלם. די דריי שטעדטעלשע פאדריאדען האבען זיך געשלאגען פאר איהם. ער פלעגט אבער ארבייטען דארטען, וואו דער גביר חיים־מאיר האט געבאקט זיינע מצות... די גביר'טע, וועלכע פלעגט אליין זיין אין פאדריאד ביי די מצות באקען, פלעגט טאקי לאזען איהם א שעהנע מטבע...

דאס ווייב וויעדער, חיה, איז געווען באקאנט אלס א קנע־טערין. איהרע א „מיירע" איז געווען צו שיקען אויף דער ווים־מאוועקע... ניט שטייף און ניט שוואך, און עס האט זיך געוועל־גערט כמעט אליין... די עלטערע טאכטער, וויעדער, איז געווען א באקאנטע וועלגערין... ווען זי זאל ארבייטען פון מצה, פון שטיק הייסט עס, וואלט זי געגאנגען אין גאלד... צום באדויערען האט מען אין שטעדטעל ניט געוואוסט פון שטיק־ארבייט, און זי פלעגט נעהמען פון טאג, אבער בעסער געזאגט — פון מעת־לעת, ווייל אין יענעם פאדריאד האט מען געארבייט כמעט פיער און צוואנציג שטונדען. און די פאר שעה, וואס מען האט געגעבען אויף שלאפען, האט זי געוועלגערט אין חלום... אזוי אריינגעטאן איז זי געווען אין איהר ארבייט...

די דריי, דער פאטער, די מוטער און די טאכטער, זיינען גע־ווען די הויפט־פארדיענער. דער פאטער, אלס „זעצער", האט באקומען נאר, נאר א געהויבענעם געהאלט: צעהן גילדען א טאג, אויסער מאכען... חיה, אלס קנעטערין, האט שוין גענומען ווע־

ניגער, אָבער אַלץ אַ פּרייז, וואָס באַקלאָגען זיך קען מען ניט; אויך די טאָכטער, די וועלגערין, האָט אויסגעמאַכט ניט צו פאַר־זינדיגען...

דערצו איז נאָך דאָס יונגע בחור׳על, זעליג׳ס יורש, געווען אַ פּאַמאַטשניק־רעדלער און האָט אויך געמאַכט זיינע צוויי גילדען אַ טאָג; גאָר דער קליינער איז געווען אַ שיטערל און האָט באַקומען, אמת, ניט קיין סך, אַ גריוונע אַ טאָג; אָבער נאָך דעם, ווי די ארבייט האָט זיך געענדיגט, האָט די דאָזיגע פאַ־מיליע געצעהלט איהר קאַפּיטאַל ביז...

עס איז שווער אָנצורופען די גענויע סומע, ווייל חיה האָט אַליין ניט געוואָלט קיינמאָל אויסזאָגען; זי האָט מורא געהאַט פאַר אַן עין־הרע... זעליג, ווידער, האָט געצעהלט און געצעהלט און זיך צעטומעלט, ביז ער האָט באַשלאָסען, אַז ניט צעהלען איז מזל׳דיגער...

און אַזוי האָט יעדער מיטגליעד פון זעליג׳ס פאַמיליע איינ־מאָל אין יאָהר פאַרמאָגט צו גרויסע סומען געלד. ער אַליין האָט געהאַט אין דער הינטערשטער וועסטען־טאַש איינגענעהט אַ גאַנץ צעהן־רובעל׳דיגע... דאָס איבריגע, קלענערע געלדער, האָט ער געהאַלטען אין די הויזען־טאַשען. אָבער איידער ער האָט זיי אריינגעלעגט אהין, האָט ער די טאַשען גוט ארומגעזעהן און האָט זיי גוט אויספאַרריכט.

ביים אויסגעבען אַ ביסעל פון די פאַרדיענטע סומען, פלעגט זיך יעדער זעצען ווידער צעהלען, וויפיעל עס איז געבליבען. צעהלענדיג, פלעגט זיך אַ מטבע אראָפּקייקלען, און אַלע פלעגען זיך לאָזען זוכען. טאָמער פלעגט מען אַ קלענערע מטבע ניט אַזוי שנעל געפינען, פלעג זעליג אַ זאָג טאָן:

— נענוג צו זוכען... מען וועט עס געפינען נאָך יום־טוב...

און ער פלעגט זיך נעהמען צעהלען די פּאָר פּאַפּיערען — אסיגנאַציעס; און אויב איינע איז געווען אַ נייענקע, פלעגט ער צורופען חיה׳ן און זיך ריהמען:

— זעהסט, חיה, א נייער סארט רובעל... מיר דאכט, אז טאקי האר־יאָהר געמאכט...

— איז וואָס איז דער חילוק? — וויל חיה ניט נתפעל ווערען...

— עס איז שוין א חילוק — דינגט זיך זעליג — א נייע איז זיכער ניט קיין פאלשע; צווישען די עלטערע זיינען דאָ א סך נאָכגעמאכטע... מען דארף זיין א מבין אויף פאפיער־געלד...

— און מיר — קלאָגט זיך חיה מיט אנגעוויסען שטאָלץ — האָט מען, דאכט זיך, ארייננגערוקט א פאלשען גילדען... זעה, גיב א קוק... ער טויג?...

ווערט זעליג נייגעריג און נעהמט די זילבערנע מטבע, בייסט זי פריהער מיט די ציינער, נאָכדעם ווארפט ער זי אויף דר'ערד, בויגט זיך צו און הערט זיך צו צו איהר קלונג, און ענדליך זאָגט ער ארויס, ווי אן עקספערט:

— א גוטער גילדען... הלואי האָב איך טויזענד אזעלכע...

באלד אָבער כאפט ער זיך, אז ווערליג זיין ערב־פסח'דיגען מעמד, איז טויזענד גילדען ניט קיין סך, און ער פאררירכט זיך...

— וואָס איז טויזענד גילדען?... אין גאנצען ק"ן רובעל... אויך מיר געלד!...

און אז חיה טראָגט איהם צו נאָך א מטבע, א גריוונ‌יע, פרעגען, צי עס איז א גוטע, מאכט ער ווידער כשר און ווינשט זיך שוין ברייטער:

— הלואי פארמעג איז אזעלכע צעהן זעק!

נאָך פסח, בלייבען נאָך עטליכע קיילעכדיגע מטבעות, קר־פערנע און א צוויי זילבערנע... צעהלען זיי איז פארשפאָרט, מען ווייס ריכטיג: ארום־און־ארום איז דאָס א זיבעציג קאָפּיקעס. זעליג רעכענט שוין צו פארקוועטשען א גריוונ‌יע אויף טאבאק, און חיה חשבונ'ט זיך, צי וועט זי האָבען גענוג אויף שבת, זי זאָל ניט דארפען געהן אין קרעמעל נעהמען אויף באָרג...

אין אַ וואָך שפּעטער איז שוין אין שטוב ווידער נישטאָ קיין גראַשען מזומן, אָבער מען געדענקט, אַז ערב־פּסח, ווען דאָס געלד האָט זיך געשאָטען, איז איין מטבע אַראָפּגעפּאַלען און מען האָט זי ניט אויפגעהויבען... די דאָזיגע מטבע איז דער באַהאַלטענער אוצר פון שטוב... עטליכע טעג נאָכאַנאַנד זוכט מען זי און מען גלויבט נאָך אין איהר עקזיסטענץ, ביז וואַנען די האָפענונג צו געפינען זי ווערט קלענער, קלענער, ברענט אויס ווי אַ ליכטעל און פאַרלעשט זיך.

דעמאָלט נעהמט זיך זעליג ווידער צו זיין אַלטען פּלאַן: אויפרייסען אַ ברעט פון דער פּאָדלאָגע...

אָבער דאָס טוט ער קיינמאָל ניט... דערצו פעהלט איהם שוין די נויטיגע ענערגיע און דער שטאַרקער גלויבען...

אָבער ער גלויבט, אַז אונטער דער פּאָדלאָגע ליגט אַן אוצר...

דער שלאַפראַק

עס איז געווען אַן אמת'ער גביר'שער שלאַפראַק. געקויפט האָט איהם אהרן־לייזער ווען ער איז נאָר וואָס אראָפּ פון קעסט און האָט געהאַט דעם גרויסען נדן נאָך אין גאַנצען. דער שלאַפראַק האָט איהם זעהר געפּאַסט. אין שלאַפראַק האָט ער אויסגעזעהן פאַרנעהמער און רייכער... אין יענער צייט האָט ער פאַרמעגט צווישען זיינע מלבושים אַ שוואַרצען ראָק, אַ גוטען פוטערל אויף ווינטער, אָבער קיין בגד האָט אהרן־לייזער'ן אַזוי ניט געפּאַסט צום פּנים און צו דער פיגור, ווי דער שלאַפראַק.

טראָגען פלעגט ער איהם אין שטוב אַלע אין דער פריה אַ שעה פאַר'ן דאַווענען. אַמאָל פאַרגאַרטעלט און אַמאָל אָפּגעגאַרטעלט. עס האָט זיך געווענדט אָן דער שטימונג. זיינען די געשעפטען גוט געגאַנגען, פלעגט ער ליעב האָבען צו טראָגען איהם אָפּגעגאַרטעלט און האַלטענדיג די הענד אין די טאַשען פלעגט ער אומגעהן איבער'ן שטוב און פאָכען מיט די צוויי פּאָלעס און אָנמאַכען אַ ווינד. אויב דאָס געשעפט איז ניט אַזוי גוט געגאַנגען, פלעגט ער איהם פאַרגאַרטלען און די הענד באַהאַלטען אין די אַרבעל, ווי ער וואָלט זיך געשיצט פון קעלט...

עס זיינען צעהנדליגע יאָהרען אַוועק. אהרן־לייזער האָט שוין פאַרגעסען, אַז ער האָט אַמאָל נדן געהאַט... ער האָט זיך שוין לאַנג גערעכענט צווישען די געפאַלענע בעלי־בתים פון גאַס.

די אלע איבערבלייבונגען פון די בעסערע יאָהרען זיינען ביס־לעבווייז פארשוואונדען געוואָרען. דער זילבערנער קידוש־בעכער איז פארזעצט געוואָרען און דער קוויטעל איז פארלאָרען גע־גאנגען... דער שווארצער ראָק איז אזוי אויסגעריבען און ער־טערווייז צעהאקט געוואָרען, אז אָנטאָן איהם האָט ער ניט גע־קענט אפילו אין מיטען וואָך, און מען האָט פון דעם דאָזיגען ראָק איבערגענעהט האלבע מייטקעלעך פאר'ן אינגסטען אינגעל... דאָס פוטערל האָט זיך קיינמאָל ניט צעריסען, עס איז פשוט צעגאנגען און מען האָט פון איהם קיין שום תכלית ניט געקענט מאכען, ניט קוקענדיג וואָס זעלדע, אהרן־לייזער'ס ווייב האָט געהאט א גאונ'ישען קאָפּ אין הלכות איבערנעהען און איבערניצעווען אלטע קליידער...

דער איינציגער בגד, וואָס האָט זיך געהאלטען פעסט און האָט זיך אפילו ניט אויסגעריבען אין די ארבעל, איז געווען דער שלאָפראָק...

אהרן־לייזער האָט זיך פון אויפקומען, רייך ווערען, לאנג מיאש געווען... ער האָט שוין לאנג פארלאָרען די אמונה אין גליקען... אָבער ווען ער האָט אָנגעטאָן דעם שלאָפראָק, האָט אָנגעהויבען קלאפּען אָן אָדער פון האָפנונג.

דער שלאָפראָק איז געווען לאנג און ברייט, ברייטער ווי געווען, ווייל אהרן־לייזער איז פאר די לעצטע יאָהרען פון אָרימ־קייט שטארק איינגעדאַרט געוואָרען. דער שלאָפראָק האָט איהם ארומגעוויקעלט דריי מאָל... און א דאנק די לענג האָט איהם דער שלאָפראָק פארדעקט פון קאָפּ ביז די פיאטעס... אזוי, אז טראָגענדיג דעם שלאָפראָק פלעגט אהרן־לייזער אויסזעהן ווי א רייך־געקליידעטער מענש. צום גליק האָט זיך די סאמעטענע יארמולקע אויך געהאלטען לייטיש און איז ניט אָפּגעריבען גע־וואָרען, און טראָגענדיג דעם שלאָפראָק פלעגט שוין אהרן־לייזער אויך אָנטאָן, ניט די אלטע היטעל, נאָר טאקי די סאמעטענע יארמולקע...

אנשטאט דער אמאָלינער שעה אין דער פריה האָט ער אָנ־

געהויבען צו טראָגען דעם שלאָפּראָק אַ פּאָר שעה לענגער, ביז אַ זייגער צוועלף. און אַזוי ווי דער זייגער אין הויז איז שוין אויך געשטאַנען יאָהרען און קיין זוניגע טעג זייגען אַמאָל ניט געווען און אהרן־לייזער האָט די צייט ריכטיג ניט געוואוסט, פלעגט פּאַסירען, אַז ער פלעגט אָפּטראָגען דעם שלאָפראָק ביז אַ זייגער איינס מיטאָג...

אַמאָל פלעגט ער זיך מתיר מאַכען און אַרויסגעהן אין שלאָפּ־ראָק אויך אויפ'ן הויף... ער האָט זיך געוואָלט ווייזען פאַר דער וועלט אין זיין אַמאָליגען גלאַנץ... זאָל די וועלט זעהן און דערמאָנען זיך, אַז עס זייגען אַמאָל געווען גוטע צייטען. אַ שכן פלעגט צוגעהן און זאָגען אַ ברייטען גוט־מאָרגען. אַ צווייטער פלעגט אַ טאַפּ טאָן די סחורה, און אַ דריטער האָט איהם געשאַצט אין אַ גרויסער סומע...

און אהרן־לייזער האָט געזעהן באַשיינפּערליך, אַז דער שלאָפּ־ראָק האַלט איהם אויף, שטעלט איהם אויף די פיס. אין שלאָפּ־ראָק, שטעהענדיג אויפ'ן הויף, האָט ער אַמאָל שוין געכאַפּט ביי אַ שכן אַ גמילת חסד... דער שכן האָט ניט געהאַט קיין מוט איהם אָפּצוזאָגען... אהרן־לייזער האָט עס געזעהן באַשיינפּער־ליך... ער איז זיכער, אַז ווען ער קען געהן אין גאַס אין שלאָפּ־ראָק און לאָזט זיך אַזוי אַוועק צום גביר, וואָלט איהם יענער גאָר אַנדערש אויפגענומען, גאָר אַנדערש גערעדט מיט איהם. אַ שאָד, אַ גרויסע שאָד, וואָס אין אַ שלאָפּראָק קען מען בלויז אַרומשפּאַ־צירען אין שטוב און העכסטענס אַוועקשטעלען זיך אויפ'ן הויף... ווען אין שלאָפּראָק וואָלט מען געקענט אַרומשפּאַצירען אין גאַס וואָלט ער אויפגעטאָן גרויסע זאַכען...

און וואָס טיעפער אהרן־לייזער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין דעם דאָזיגען ענין, האָט ער אַלץ מעהר באַגריפען, ווי ווייט דער שלאָפּראָק קען איהם ראַטעווען. ביז וואַנען ער איז געקומען צו דער אידעע, אַז די וועלט איז בכלל אומגערעכט צו אַ שלאָפּראָק, מען באַהאַנדעלט איהם ניט נאָך זיין גרויסען ווערטה...

— אַ שלאָפּראָק איז פּונקט אַזאַ בגד ווי אַ פּוטער, ווי אַ

מאַנטעל, און פאַרוואָס זאָל מען אין אַ שלאָפראָק ניט טאָרען גענן אין שוהל דאַוונען און טאַקי צום גביר מיט אַ וויזיט?...

שפּעטער האָט ער די דאָזיגע אידעע אנטוויקעלט פאַר׳ן ווייב, אביסעל פּאָרזיכטיג, אָבער גענוג דרייסט...

— פאַרשטעהסט... זעלדע... פאַרשטעהסט... איך האָב שוין גאָר ניט וואָס אָנצוטאָן...

— טאַקי שלעכט... — האָט זעלדע געבראָכען די הענד.

— נו... נו... וואָס־זשע ברעכסטו די הענד... אָט דער שלאָפראָק איז נאָך גאַנץ ניי, גאַנץ שעהן און ער פּאַסט מיר...

— יאָ... פאַר׳ן שטוב איז ער טאַקי גוט...

— און פאַרוואָס ניט אַמאָל אין גאַס?...

זעלדע האָט זיך דערשראָקען:

— אהרן־לייזער?... וואָס מאַכסטו שפּאַס...

— שפּאַס! — האָט אהרן־לייזער מאָדנע געשמייכעלט...— וואָס איז דאָ פאַר אַ שפּאַס... אז מען וויל איז אַ שלאָפראָק אזא בגד, ווי אַ פעלץ, ווי אַ מאַנטעל...

זייט דעמאָלט האָט איהם זעלדע גענומען נאָכקוקען. אָבער זי האָט גאָרנישט באמערקט... ניין, איהר האָט זיך געדאַכט...

אָבער איינמאָל, ווען זי איז אַרוים פון שטוב און איז אין אַ ווײַלע צוריק געקומען, האָט זי אהרן־לייזער׳ן ניט געטראָפען. איהר האַרץ האָט איהר עפּיס פאָרגעזאָגט ניט קיין גוטעס...

זי איז מיט אַ קלאַפּענדיגען האַרצען אַרויסגעלאָפען איהם זוכען.

געפונען האָט זי איהם אויפ׳ן מאַרק נעבען גביר׳ס הויז. ער איז געשטאַנען אין פאַרגאַלטעלטען שלאָפראָק מיט דער יאַרמולקע אויפ׳ן קאָפּ, אויסגעצויגען ווי אַ סטרונע, און אַרום איהם אַ מחנה פון מאַנסביל, ווייבער און קינדער...

משוגע געוואָרען!...

דער בריעף־זאַמלער

(דערצעהלט פון א שריפטשטעלער)

פאַסירט האָט מיר די דאָזיגע מעשה אין א שטאָדט אין גאַליציען.

דאָס איז געווען אויף מאָרגען נאָכ'ן „אָוועגד" אין דעם גרעסטען זאַל, וואָס די שטאָדט האָט פאַרמאָגט.

עס זיינען אין איהם אריין ביז צוויי הונדערט מענשען, אויסער די קרעפטע וואָס האָבען מיר אַרויסגעהאָלפען.

איך האָב פאָרגעלעזען בילדער פון דער אָרימקייט אין ליטא און דאָס פובליקום האָט געפּאַטשט בראַוואָ. ס'האָט ביי זיי געהייסען: פונקט ווי ביי אונז!

איך בין געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל. איך האָב דערפון געדרונגען, אַז אידען זיינען איין נאַציאָן און פאַרשטעהען זיך זעהר גוט, ווען מען דערצעהלט זיי פון אָרימקייט!

נאָכדעם איז געגעבען געוואָרען א באַנקעט לכבוד מיר. קיין שטאַרקע געטראַנקען זיינען ניט געווען.

מיר האָט מען מכבד געווען מיט א גלאָז מאַלץ־ביער.

אָבער די רעדעס זיינען געווען גענוג שטאַרק! נאָכ'ן באַנקעט בין איך געגאַנגען צו מיין „האָטעל" און זיך געוואַקעלט אויף די פיס! די רעדעס האָבען מיך ווי פאַר'שכור'ט... די רעדעס זיינען געווען עכטע אַלקאָהאָל!...

גליקליך מיט מיין גרויסען ערפאלג, האב איך ניט געקענט איינשלאפען. איך האב מיך געווארפען פון איין זייט אויפ'ן צווייטען און פאר די אויגען האט מיר געשוועבט דאס קלוגע גע־זיכט פון פארזיצענדען. אין די אויערען האבען געקלונגען די שבחים פון די טאסט־האלטער און אין מויל האב איך נאך אלץ געפיהלט דעם טעם פון די מאלץ־ביער!

עס איז דאך גוט צו זיין א שרייבער. ענדליך ווערט מען דאך באלוינט.

און ענדליך בין איך אויך איינגעשלאפען און געזעהן הערר־ליכע חלומות...

אבער אין רעכטען מיטען פון א חלום האט מיך א קלאפען אין טיר אויפגעוועקט.

עס איז שוין טאקי געווען שפעט. און איך האב מיך פאר מיין באזוכער ענטשולדיגט, וואס איך ערלויב מיר אזוי שפעט צו שלאפען. איך האב איהם פארזיכערט, אז אין דער היים ביי מיר שטעה איך אויף א סך פריהער און זעץ מיך גלייך פאר מיין ארבייטס־טיש...

דער באזוכער האט מיר ענטשולדיגט און האט בלויז בא־מערקט, אז א אידישער שרייבער דארף ארבייטען מעהר ווי א גוי־אישער, ווייל דאס אידישע פאלק...

אבער וואס ער האט אויסגעדרונגען ווייטער האב איך שוין נים געהערט, ווייל אנקוקענדיג דעם באזוכער'ס געזיכט האט ער מיך איבערראשט.

ער האט אויסגעזעהן ווי א קברות־מאן אין די רייכערע אי־דישע קהלות... זיינע אויגען האבען געגלאנצט מיט א טויטען גלאנץ און זיין פנים האט געהאט אן ערד־קאליר.

— מיט וועמען האב איך די עהרע צו שפרעכען? — האב איך מיך אין מיטען דערמאנט איהם צו פרעגען און האב אויף איהם געקוקט ניט אהן שרעק.

— איך וועל אייך שוין דערצעהלען! — האט ער מיט א

רוהיגקיים, וואָס האָט מיך געשראָקען, ארויסגעזייט פון זיינע צווי גראָבע ליפּען.

— אפשר אַ שרייבער? — האָב איך געפּרואווט ערשטענס טרעפען און צווייטענס האָט מיר זיין מלאך־המות'דיגע געזיכט דערמאָנט אָן אַ געוויסען אידישען הומאָריסט...

— כמעט! — האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכעלע, וואָס האָט מיר געשטאָכען אין דער זיבעטער ריפּ.

— וואָס הייסט עס כמעט?...

— עס הייסט, — איז זיין שמייכעל נאָך פאַרדעכטיגער גע־וואָרען — איך אַליין גיב זיך ניט אָפּ מיט שרייבען; דאָס איז ניט מיין פאַך...

— זיינט איהר אפשר אַן ארויסגעבער? — פּרואוו איך טרעפען, ווייל זיין שרעקליך פּנים האָט אויך מיך דערמאָנט אָן אַ אידישען פאַרלעגער...

— דאָס אודאי ניט... — שמייכעלט ער נאָך שפּיציגער. — אָבער איך האָב צו טאָן מיט שרייבער... ס'הייסט, איך באַקום פון זיי בריעף...

— אַזוי... — באַרוהיג איך מיך שוין — ס'הייסט איהר שרייבט זיך דורך מיט שרייבער... און פון וואַנען לעבט איהר?...

— פרעג איך ווייטער ניט אָהן שרעק...

— טאַקי דערפון גופא... פון די בריעף...

איך קוק איהם אָן ערשטוינט:

— וואָס האָט איהר דערפון?

— קיין סך ניט — ענטפערט ער און קוקט מיך אָן מיט פאַרשעמדע בליקען און באַדויערט ערנסט:

— איהר האָט שוין גראָהע האָר...

— יאָ, מען ווערט אַלט... — ווער איך טרויעריג...

— ווי אַלט זיינט איהר דען?

איך זאָג איהם מיינע יאָהרען.

איך זעה, אז ער בלייבט ניט צופריעדען און ענדליך מור־מעלט ער ווי מיט א זיפץ:

— נאך גאר א יונגער מאן!

—אבער אייערם א בריוועלע צו מיר, — בעט ער זיך, — וואלט איך געוואלט האבען...

איך קוק איהם אן פאר'חדוש'ט, און ער רעדט ווייטער:

— איך האב אייך שוין לאנג געוואלט שרייבען, נאר איך האב ניט געוואוסט אייער אדרעס... איהר דארפט וויסען, אז איך האב בריעף פון כמה אידישע שרייבער. איך האב שוין פון עטליכע בריעף פיין געלד פארדיענט... פאר א בריעף פון יהודא ליב גארדאן האב איך באקומען פון די ארויסגעבער 20 קרוין...

— יהודא ליב גארדאן איז דאך שוין געשטארבען! — רוף איך מיך אפ דערשראקען...

— אט דאס איז דאך טאקי... — קוועלט אן מיין באזור־כער — נאכ'ן טויט זאמעלט מען די בריעף. דעמאלט שיק איך עס צו און בעט דערפאר געלד...

איך האב א שוידער געטאן, אבער דער באזוכער מיינער האט ווייטער רוהיג גערעדט:

— מיט גאלדפאדענ'ען האב איך זיך אויך דורכגעשריבען. פאר זיינעם א בריעף האב איך באקומען בלויז צהן קרוין... דער־פאר האב איך באקומען פאר א בריעף פון דר. הערצל גאנצע פערציג קרוין, און איך האב איהם פארנארט! — ווערטה געווען א הונדערט קרוין! איך האב איהם געפרעגט וועגען א וויכ־טיגען ענין... דער בריעף האט געהאט שטארקע דרייסיג שורות... איצט האב איך בריעף פון מאקס נארדוי, פון שלום־עליכם, פון פרץ'ען און פון נאך און נאך... יא, מחשבות'ן, איך בעט אייך ווי אלט איז — ? (ער האט אנגערופען א נאמען —)... אין איין ענציקלאפעדיע שטעהט ער געבוירען אין דעם און דעם יאהר און אין א צווייטער — אין אן אנדער יאהר, איך קען ניט דער־געהן קיין טאלק... מילא בכן, זייט אזוי גוט און גיט מיר אייער

אדרעס... איך וועל אייך עפּים דורך אַ בריעף אָנפרעגען, איך וועל שוין געפינען אַן ענין... איהר זאָלט מיר אָבער ענטפערען באריכות... אייך קאָסט דאָך דאָס קיין געלד ניט...

— איך בין דאָך אָבער צוויי מאָל אינגער פאר אייך — לאַך איך און די האָר שטעלען זיך מיר קאַפּויר: מיר דאכט, אז דער איד וואַרט שוין אויף מיין טויט...

— אינגער, עלטער, — ענטפערט מיין באַזוכער רוהיג...— וואָס מיינט איהר, איך בין טאַקי אויסען חלילה איהר זאָלט שוין שטאַרבען... איך האָב דוקא אידישע שרייבער ליעב. ניט מעהר ס'איז גוט צו האָבען עפּים לזכרון... ניט מיר אייער אדרעס... איך וויל זיך מיט אייך דורכשרייבען...

— מיין בריעף וועט ביי אייך קיינער נישט קויפען...— פּרואוו איך זיך וויצלען.

— כי־כי־כי! — האָט זיך צעלאַכט מיין באַזוכער און אין די אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַ פּייערל — הלואי פּארמעג איך דאָס איצט, וואָס אייערער אַ בריעף וועט אַם ירצה השם ווערטה זיין... גיט מיר אייער אדרעס... אָט האָט איהר מיין ביכעלע. אָט דאָ זיין מוחל שרייבט אריין... ביי מיר געהען זיי אַלע נאָכ'ן אלף־בית... אָט דאָ זייט מוחל...

אַ ברירה האָב איך געהאַט! איך האָב מיט אַ פארקלעמט הארץ גענומען די פעדער אין האנד און אריינגעשריבען מיין אד־רעס אין זיין ביכעלע...

איך האָב אויפגעהויבען די אויגען און אָנגעקוקט מיין באַ־זוכער. זיין פּנים האָט געשטראַהלט פאר גליק, נאָר אין די אויגען האָט געבליצט אַ מאָדנער פּייערל...

ער האָט בנעימות געבלאָזען אויף דאָס געשריבענע, עס זאָל זיך גיכער אָפּטריקענען, האָט דאָס ביכעלע אריינגעלעגט אין טאַש אריין און האָט מיט זיכערהייט גערעדט:

— איך האָף, אז איהר וועט מיר זיכער ענטפערען, ווי ענט־פערען מיר אַלע...

און אָפּזעגענדיג זיך פריינדליך מיט מיר האָט ער זיך געלאָזט צו דער טיר מיט לאַנגזאַמע אָבער זיכערע טריט...

שטעהענדיג שוין אויף יענער זייט טיר האָט ער זיך צו מיר אומגעקעהרט מיט'ן פּנים און האָט מאָדנע געשמייכעלט...

דאָס איז געווען אַ שמייכעל, פון וועלכען עס איז מיר געוואָרען קאַלט אין אַלע גליעדער. אַ שמייכעלע, וועלכעס האָט מיר געבראַכט אַ גרוס פון יענער וועלט...

דער גוי מיט דער ביקס

נאָכדעם ווי יעקב איז אַראָפּ פון קעסט, וואָס ער האָט גע־געסען צוויי יאָהר ביי זיין פרוי׳ס עלטערען, האָט ער אָנגעהויבען זוכען געשעפט. אין שטעדטעל גופא איז געווען „טויט”. דערצו, אַליין געבוירען אין אַ דאָרף, האָט איהם געצויגען צום דאָרף. דערפאַר האָט ער געזוכט עפּיס אַ מיהל, אַ פּאַקט, אַ קרעטשמע און דאָסגלייכען דאָרפיגע באַשעפטיגונגען.

צום גליק האָט זיך געמאַכט אַ מיהל. די מיהל האָט זיך גע־פונען אין גאַנצען אַ פיער־פינף וויאָרסט פון שטעדטעל. די אַרענדאַ, וואָס מען האָט גענדאַרפט צאָהלען פאַר איהר, איז געווען דוקא ניט טייער. אַרום און אַרום זיינען געווען צעשפּרייט פיעל דערפער אין נאָהענטער שכנות. די גוים פון די דאָזיגע דערפער האָבען אָפילו גע׳שמ׳ט פאַר אָרימע, אָבער דאָס איז דוקא געווען די מעלה. וואָס דען? אַ רייכער פויער וועט ברענגען אַביסעלע קאָרן צעמאָלען? זיי פאַרקויפען עס די תבואה־הענדלער. בלויז די אָרימע ברענגען אַליין דאָס ביסעלע קאָרן אָפּצעמאָלען.

און יעקב האָט זיך גלייך אַריבערגעצויגען אין דאָרף אַריין מיט זיין ווייב, מלכה, מיט זיין איין־יעהריגע קינד — אַ אינגעלע.

דאָס הויז, וואו ער האָט געהאַט די דירה, איז באַשטאַנען פון צוויי מיילען: פון האַרענט האָט געוואוינט דער בעל־הגוף

אליין, אנדרעי, וואָס האָט פאַרמאָגט, אויסער דער מיהל, אויך פיעל פעלדער און אַ שטיק וואלד. אָפּגעטיילט האָט יעקב'ן פון זיין גוי בלויז אַ קאַלטע פיר־הויז, וואו עס איז געשטאַנען פאַר־שיעדענע בעל־הביתישקייטען פוןביידע צדדים.

נאַטירליך, דאָס וואַסער און אנדערע כלים, וואָס מען נוצט צום עסען און צום טרינקען, האָט יעקב געהאַלטען אין שטוב ביי זיך. אין דער שותפות'ער פירהויז איז נאָר געלעגען זיין האָלץ און אנדערע בעל־הבית'ישקייטען, וואָס קענען ניט טריף ווערען...

אנדרעי אליין איז געווען, פון אויבען־אויף, ניט קיין שלעכ־טער. רעדען האָט ער גערעדט זעהר פריינדליך, אביסעלע שוין צו פריינדליך. שטענדיג צוגעשמייכעלט... „טאַק, טאַק, נאָס־פאָדין יאַקאָב...", „טאַק, טאַק, מילאַיאַ מאַלקאַ..." דערצו איז ער געווען אביסעל געלערענט, האָט אליין געהערט צו דער קאַסטע פון דוואָריאַנעס. אין זיין הויז האָט זיך געפונען אַ שטיקעל ביב־ליאָטעק און דער יעוואַנגעליום אין צוויי־ערליי פאָרמאַטען: אַ קליינער און אַ גרויסער. יעקב האָט זיך משער געווען, אַז מיט אַזאַ גוי איז ניטאָ קיין סכנה צו וואוינען צוזאַמען.

נאָר וואָס דען?

הינטער'ן ביכער־שראַנק, אויף דער וואַנט, איז געהאַנגען עפּים אַ לאַנגע זאַך. איין זייט — דאָס הענטעל פון ברוינעם האָלץ, די צווייטע זייט, אין דער הויך — פון שטאָל. און געהאַט האָט עס אַזאַ רונדע פינסטערע עפענונג. לויט אַלע סימנים — אַ ביקס. געהאַנגען איז די דאָזיגע שווידערליכע זאַך אויף אַ דונקעלען דיקען טשוואָק און האָט געקוקט אויף יעקב'ן מיט איהר איינציגען שוואַר־צען אויג, ווי וואָרנענדיג און דראָהענדיג.

אנדרעי האָט באַמערקט ווי יעקב קוקט אויף דעם מיט שרעק. ער האָט געפיהלט פאַר זיין פליכט איהם צו פאַרשטעלען:

— דו קוקסט אויף דעם... דאָס איז אַ ביקס... שטענדיג אָנגעלאָדען...

ער האָט זי פאַרזיכטיג אַראָפּגענומען, און האַלטענדיג זי אין דער האַנד, האָט ער בארוהיגט:

— איך נוץ זי זעלטען... קיין גנבים זיינען דאָ ניטאָ... מיט די שכנים לעב איך גוט...

— הענג אויף! — האָט זיך יעקב ווי געבעטען.

— אָ, דאַרפסט קיין מורא ניט האָבען! דו זיי נאָר אַן עהרליכער מענש, צאָהל ריכטיג די ראַטע און... חי־חי־חי... איך וועל דיך ניט שיסען.

ער האָט גוטמוטיג געלאַכט און אויפגעהאַנגען צוריק די ביקס אויף דער וואַנט.

ווער רעדט מלכה אליין, האָט פאַר דער ביקס געציטערט ווי פאַר'ן טויט. און צו וואָס דאַרף זי גאָר וואוינען מיט אַ גוי בשכנות... ווייניג פרנסות איז דאָ אויף דער וועלט?... אָבער יעקב האָט איהר ערקלערט, אַז עס איז טאַקי דאָ ווייניג, און די מיהל געהט זעהר גוט און מיט דער צייט, גלויבט ער, אַז ער וועט מאַכען גאָר גוטע געשעפטען. אי, די ביקס? — איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען... אליין שיסט עס ניט און אַנדרעי איז ניט אַבי־ווער אַ גוי... אַ געלערענטער, און אַ יעוואַנגעליום ליגט ביי איהם שטענדיג אויפ'ן טיש, און די קינדער זיינע געהען אין שקאָלע און פיהרען זיך אויף גאָר פיין...

צייטענווייז אָבער פלעגט אַנדרעי זיך אָנ'שכור'ן. דעמאָלט איז טאַקי געווען שלעכט. ער אליין איז ניט אַזוי געפעהרליך, אָבער זיין ביקס... און גראָד דעמאָלט לאַדט ער איין יעקב'ן מיט מלכה'ן צו זיך אין הויז, און אויב זיי לאָזען זיך בעטען, קומט ער אליין אריין מיט דער ביקס אויף דער פלייצע...

יעקב און איבערהויפט מלכה שמייכלען צו איהם מיט אַלערליי לייטזעליגקייטען. און כאָטש טרינקען איז פאַר איהם שוין געפעהרליך, אָבער דאַך שטעלען זיי אַוועק די פלאַש בראָנפען, וואָס ביי זיי געפינט זיך שטענדיג צוליעב פרנסה, און מען איז איהם מכבד...

אַנדרעי'ס אויגען ברענען דעמאָלט ווי ביי אַ חיה... די פינגער ציטערען אין קאָנוואולסיע... מען זעהט באַשיינפערליך, אַז

ער וואָלט זיך מחיה געווען ווען ער שיסט אוים... אָבער מלכה ווייסט שוין, אַז מיט גוטע ווערטער קען מען איהם אָפּקיהלען. זי שמייכעלט פריינדליך און דערמאָנט איהם, אַז זיין גרישקאָ איז גאָר אַ וואוילער כלאָפּעץ, און די פּאַנעקאַ איז גאָר־גאָר אַ קראַסאַוויצע און אַזאַ'ן איידעלע, אַז עס איז אַ פאַרגעניגען. זי האָט זיי נעזעהן היינט פריהמאָרגען קומענדיג פון קלויסטער...

דעמאָלט באַרוהיגט זיך אביסעל אַנדרעי. ער וויל שוין נים שיסען... נאָר אַזוי זיך, חוזק מאַכען...

— אַז איך וויל, מלכה־טויב, שים איך דיך!

מלכה'ן פאַלט איין דאָס בלוט. אויסערליך אָבער בלייבט זי רוהיג און לאַכט:

— שיסען? אַלמאַי ווענסטו דאָס טאָן? אַ מענש אַ געלערענטער... אַן ערעלמאַן...

— יאָ, דאָס איז אמת... — איז זיך מודה אַנדרעי — אַ געלערענטער בין איך און שטאַם פון די שעהנסטע ערעללייט... אָבער, צו אַל־די טייוועל, עס ציהט צו שיסען... איך וועל מאָרגען נעהן אין וואַלד, אפשר וועל איך אַ קוראָפּאַטקע טרעפען...

אַזוי זיינען געגאַנגען יאָהרען. יעקב האָט שוין געצעהלט זיין פאַרמעגען פיער קינדער, אין הויז איז שוין געווען אַ מלמד פאַר זיי, וועלכער האָט מיט זיי געלערענט תורה און אביסעלע וועלט־זאַכען. דער מלמד אַליין איז געווען אַן עלטערער איד, וואָס האָט געהאַט עפּיס צרות פון אַ ווייב, און דערפאַר איז ער געווען נוטה צו חקירה. יעקב האָט ליעב געהאַט אמאָל, אין די לאַנגע ווינטער־אָוועגדען, צו שמועסען מיט איהם.

— איז, הייסט עס, וואוינט איהר שוין דאָ יאָהרען, ר' יעקב, און נאָר נישט...

— גאָר נישט קען מען נים זאָגען... בשכנות מים אַ גוי... און דער גוי האָט אַ ביקס... ער האָט שוין וויפיעל מאָל געוואָלט שיסען... נאָר אַ דאַנק מיין קענען זיך אומגעהן מיט איהם ראַ־

מעוועס: א גוט וואָרט... אַ מתנה... ער איז אפילו רייכער פאַר מיר, אָבער עשו האָט אַלע מאָל ליעב אַ מתנה...

— יאָ, יאָ, ר' יעקב... — האָט דער מלמד געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — אָט דאָס איז עס דאָך, שטענדיג אַזוי... אָבער גאָט העלפט... מען איז טאַקי אין סכנה... אַ גוי מיט אַ ביקס... אָבער ווי זאָגט מען: פּרנסה איז דאָ, די מיהל געהט גוט...

— די מיהל, גאָט צו דאַנקען, געהט גאָר גוט. זי אַרבייט שוין ביי מיר אויף פיער שטיינער... איך קען מיך ניט באַקלאָגען...

— וואָס דען! — האָט צוגעשטימט דער מלמד — אַי, וואָס? דער גוי מיט'ן ביקס? טאָ לאַכט זיך אויס... איהר וועט זעהן, אַז אייער עלטערער בחור'על וועט נאָך זיין אַ מאָל אַ רב.

— הלואי! — האָט מלכה פון איהר זייט צוגעוואונשען — מע קאָסט געבוג בלוט און שרעק... אַ קליינינגקייט, אונטער איין דאָך מיט אַ גוי, מיט אַ ביקס... דאָס לעבען איז אַמאָל ניט כּדאי...

— עט... — האָט יעקב געוואָלט עפּיס זאָגען, נאָר באַלד האָט זיך דערהערט אַ קנאַל.

— וואָס איז דאָס? וועה איז מיר...

— דאַכט זיך אויסגעשאָסען... — האָט דער מלמד זיך משער געווען.

זיי זיינען אַלע אַריינגעלאָפען אין צווייטען הויז.

אַנדרעי איז געזעסען דעם קאָפּ פאַרוואָרפען און געקרעכצט פאַר יסורים. פון דער רעכטער האַנט, ביים אָרעם, האָט גערונען בלוט.

— זיך געשפּיעלט מיט דער ביקס... — האָט ער ערקלערט מיט אַ ציטערדיגער שטים.

— נאָר פאַרוואונדעט די האַנד — האָט אַנדרעי'איכע געטרייסט.

— דאַנקען גאָט — האָט מלכה פרום געגלאָצט די אויגען.

אויף מאָרגען, ווען אַנדרעי האָט זיך געפּיהלט בעסער, האָט יעקב איהם באזוכט:

— נו, זעהסטו... צו וואָס איז די ביקס?... קיין גוטס קומט ניט ארויס...

אַנדרעי איז אָבער געווען בייז און ווימענד. ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטען זיך צו באהערשען. ענדליך האָט ער טאַקי ניט אויסגעהאַלטען און זיך צעשריען:

— געה ארויס, וואָרים איך שיס!

דעמאָלט האָט יעקב שוין טאַקי אויף אַן אמת באשלאָסען זיך ארויסצוציהען: נענוג איינצושטעלען זיך דאָס לעבען צו־ליעב פּרנסה. אָבער דער מלמד האָט איהם אָפּגעהאַלטען:

— ר' יעקב, האָט נישט קיין מורא... איהר זעהט דאָך וואָס דער סוף איז: האָט ער זיך אַליין פאַרוואונדעט. איהר וועט זיך עלטערען אין עושר און כבוד... איהר וועט זעהן...

און אזוי איז געווען.

דער פאַרפּלאָנטערטער אַדרעס

פּאַסירט האָט עס מיט הערמאַנ'ען אין אַ גרויסער שטאָדט אין וועסט אייראָפּא.

ער איז דעמאָלט געווען יונג, פאַר דרייסיג. עס האָט איהם געצוינגען צו לעבען און צו ליעבע, צו פאַרגעניגען און גענוס.

און דאָס אַלץ האָט זיך געדרעהט ארום דער פרוי.

און וואָס ער האָט געטאָן איז דאָס געווען פון איהרעט וועגען.

איז ער געווען אין ארבייטס־פעהיגען צושטאַנד, איז עס צו־ליעב איהר געווען. האָט ער זיינע ארבייטער פאַרנאַכלעסיגט, איז עס ווידער צוליעב איהר געווען.

איז ער געזעסען לאַנג אין איין שטאָדט, און האָט זיך ניט געקענט שיידען מיט איהרע גאַסען און פּלעצער, איז די אורזאַך געווען אַ פרוי; האָט ער די שטאָדט פאַרלאָזט און זיך געלאָזט וואַנדערען, וואַנדערען און פאַרגעסען זיך, איז עס אויך צוליעב אַ פרוי געוועזען.

פריינד האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ לייכטזיניגען. פון אויבען־אויף איז ער ווירקליך לייכטזיניג געווען. אָבער אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה האָט ער באַגעהרט דאָס גרויסע און דאָס וויכטיגע און דאָס ערהאַבענע...

פון אַלע פריידען איז איהם שטענדיג אומעטיג געווען און שטענדיג האָט איהם עפּיס געפעהלט.

ביז ער האָט זיך געטראָפען מיט נאָך איינער... דאָס האָט פּאַ־סירט אין אַ גרויסער שטאָדט אין וועסט אייראָפּאַ.

ער איז געזעסען מיט זיינעם אַ באַקאַנטען אין אַ נאַכט־קאַפע, איינע פון די רייכסטע אין דער גרויסער שטאָדט. אין מיטען פון גרויסען זאַל זיינען געזעסען די מוזיקאַנטען. אכט אין צאָהל. אין דעם פרייען שטח האָבען ארומגעשוועבט ווי שמעטערלינגען מיידלאַך, געקליידט אין זעהר לייכטע און דורכזיכטיגע קליידער. זיי האָבען קאָקעטירט מיט יעדען פון די געסט, וואָס זיינען גע־זעסען ביי די טישלאַך אָהן פרויען. הערמאַן האָט זיי באַטראַכט, ווי איינער וואָס איז ערפאַהרען און מען קען איהם ניט אָפּנאַרען... זיין באַקאַנטער האָט איהם פון צייט צו צייט פאַרגעשלאָגען צוצר־רופען איינע פון די ארומפלאַטערענדע שמעטערלינגען.

הערמאַן האָט זיך ענטזאָגט, שמייכלענדיג מיט אַ שמייכעל פון אַ סקעפּטיקער.

— זיי געפעלען מיר ניט...

— אָט די בלאָנדע איז הערליך! — האָט דער באַקאַנטער מבינות געזאָגט...

— יאָ, ניט שלעכט... — האָט הערמאַן, בעאָבאַכטענדיג, געמורמעלט. — אָבער עס איז ניט דאָס, וואָס עס גלוסט מיין האַרץ, איהר פאַרשטעהט — מיין האַרץ!... זי איז שעהן, אָבער עס פעהלט אין איהר דאָס מיסטעריעזע... איך האָב ליעב אַ פרוי מיט אַ סוד...

און ווי ער האָט אזוי גערעדט און באַטראַכט די אַלע פאַרביי־שפּאַציערענדיגע, וועלכע האָבען צו איהם געמאַכט אַלערליי חנ׳־דלעך און זיך געצווינגען צו איהם, ווי שמעטערלינגע צום פייער, איז פּלוצלינג זיין בליק געפאַלען אויף אַ יונגע דאַמע, וואָס איז געזעסען נעבען די מוזיקאַנטען, אָנגעטאָן אין מאַנטעל און אין הוט... אָנפאַנגס האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זי איז איינע פון די לייכטזיניגע, וואָס איז נאָר וואָס אריין און ועט זיך באַלד אָראָפּנעהמען דעם מאַנטעל און הוט און וועט זיך פאַר־מישען מיט די איבעריגע איהרע שוועסטער. אָבער באַלד האָט

הערמאַן באַמערקט, אַז זי איז דאָ גאָר אַן אַנדערע, אַ פאַרבלאָנ־דזשעטע. ער האָט פון איהר ניט אַראָפּגענומען די אויגען.

— אַ וואונדערבאַרעס ווערזן! — האָט ער באַמערקט, ווי פאַר זיך, ווענדענדיג זיך צום באַקאַנטען.

— רופט זי צו... — האָט ער דעם באַקאַנטען פאָרגע־שלאָגען.

ער האָט ווידער געשיקט זיינע בליקען צו איהר, רופענדיג, בעטענדיג און פול מיט אינערליכען באַגעהר.

זי האָט זיינע בליקען באַמערקט און נאָך אַ לאַנגען דועל מיט די בליקען, האָט זי זיך ענדליך אונטערגעגעבען: זי האָט אַ שמייכעל געטאָן, אַ שמייכעל פון אַ פרוי, וואָס איז אי זינדיג, אי צנועה׳דיג, וואָס ווייס שוין אַלעס און ווייס דאָך גאָרנישט.

איהר שמייכעל האָט הערמאַנ׳ס הארץ באַלויכטען אין אַלע ווינקעלעך...

— איך בעט אייך, רופט זי צו צו אונזער טישעל! — האָט ער זיך געבעטען.

דער באַקאַנטער איז צוגעגאַנגען צו איהר, האָט איהר עפּיס איינגערוימט. הערמאַן האָט געזעהן, ווי זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. באַלד האָט זי איהר קאָפּ צוריק אויפגעהויבען, געשמיי־כעלט צו הערמאַנ׳ען און האָט זיך אויפגעשטעלט.

הערמאַן האָט זיך אויפגעהויבען פון פּלאַץ און האָט זי באַ־געגענט שטעהענדיגערהייט מיט אַ שמייכלענדיגען געזיכט.

ער האָט איהר אויסגעצויגען די האַנד און זי געבעטען זיך זעצען.

זי האָט זיך געזעצט לעבען איהם און געשמייכעלט אַזוי קינדיש...

הערמאַן איז פאַר גרויס גליק, ווי צוטומעלט געוואָרען, האָט איהר געשטעלט פראַגען איינע נאָך די אַנדערע.

זי האָט אויף יעדער פראַגע געענטפערט האַלב. הערמאַן האָט ניט געקענט באַגרייפען ווער זי איז.

— וועט איהר טרינקען וויין?

— אַביסעלע...

— געווים, אַביסעלע... איך וועל אייך ניט אַנ׳שכור׳ען.

— איהר זייט אַ גוטער... — האָט זי איהם אַנגענומען פאַר׳ן האַנד בשתיקה פון באַקאַנטען.

— אַ, יע! צו אייך...

און פּלוצים האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— וואו וואוינט איהר?

— איך וועל אייך זאָגען...

— איך וואוין — האָט ער געפּלאָפּעלט... — איך וואוין אין אַ שעהנעם געגענד...

ער האָט זיך אָפּגעהאַקט און באַלד צוגעגעבען:

— וועט איהר פאָהרען צו מיר?

זי האָט גלייך געענטפערט:

— יע...

הערמאַן איז צוטומעלט געוואָרען. זי וועט פאָהרען. גע־ווים... זי וועט פאָהרען... ווער איז זי?...

— קומט איהר אָפט אַהער?

— דאָס ערשטע מאָל!...

— דאָס ערשטע מאָל? — האָט הערמאַן זי באַוואונדערט...

— ביי גאָט!

— אָ, שווערט ניט, איך גלויב אייך...

ער האָט ניט געוואוסט ווי צו האַנדלען און געפרעגט:

— געהען מיר?...

— אויב איהר ווילט... — האָט זי שטיל געענטפערט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ...

הערמאַן האָט געוואָרפען אַ בעטענדען בליק צום באַקאַנטען.

— אַך, איהר קענט געהן, איך וועל אייך ניט שטערען.

הערמאַן האָט איהם געדריקט די האַנד און איז אַרויס מיט זיין גליק אויף דער גאַס.

ער האָט זי אַוועקגעזעצט אין אַ פאַרמאַכטען אויטאָמאָביל,

וועלכער איז געשטאַנען ביים טראָטואַר. געזאָגט דעם שאָופער די נאָס און דעם נומער און האָט זיך אויך אריינגעזעצט.

— מיין ליעבע...

זי האָט איהם אַלס ענטפער אַ קוש געטאָן.

— זאָג מיר ווער ביזטו?

— צו וואָס? — האָט זי געענטפערט.

— איך האָב אזא ווי דו קיינמאָל ניט געטראָפען. און פּלוצלינג האָט ער זיך ווי פון אַ חלום אויפגעכאַפּט...

— ווערסטו וועלען אַ סך געלד...

— אָ, רעד נישט... איך שעהם מיך... — האָט זי זיך צעוויינט...

ער האָט געווישט איהרע טרעהרען און זי באַשאָטען מיט קושען...

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין האָטעל. ער האָט שנעל באַצאָהלט דעם שאָופער און זיך שנעל געלאָזט אויף די טרעפּ.

— געפעלט דיר ביי מיר? — האָט ער איהר געפרעגט, אז זיי זיינען ביידע אריין אין זיין וואוינונג, נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט ליכטיג.

— יע... שעהן... — האָט זי נאָכגעגעבען ווי אַ קינד.

ער האָט איהר אַראָפּגענומען פון קאָפּ דעם הוט... נאָכדעם דעם מאַנטעל.

עס איז פאַר איהם געשטאַנען אַ הערליך יונגעס בליהענדעס לעבען... פול מיט אינערליכע אונערשעפּטע פריידען, האָפנונגען און ערוואַרטונגען...

— ווער ביזטו? — האָט ער זי געדריקט צו זיך.

— און דו?

— איך... איך... איך ווייס ניט...

— איך ווייס אויך ניט... — האָט זי געשמייכעלט.

— אין דיר איז עפּיס דאָ אזא מין טרויער... — האָט ער איהר אריינקוקענדיג אין די אויגען געזאָגט...

— אַ טרויער? מעגליך...
— אָבער אויך אַזאַ מין פרייד...
— אַ פרייד?... מעגליך... — האָט זי נאָכגעגעבען...
. . . .

אין פענסטער האָבען אָנגעהויבען אַריינשיינען די ערשטע שטראַהלען פון טאָג...
זי איז שוין געשטאַנען אָן אָנגעטאָנענע און האָט זיך גע־איילט...
— איך מוז דיך זעהן נאָך אַמאָל... איך וועל קומען צו דיר... — האָט זיך הערמאַן געבעטען.
— געוויס... — האָט זי געשמייכעלט...
— לאָז מיר איבער דיין אַדרעס...
זי איז צוגעגאַנגען צום טישעל און האָט עפּיס אָנגע־שריבען אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער.
— איך דאַנק דיר...
— איצט מוז איך געהן...
— איך וועל דיך באַגלייטען...
— ניין... — האָט זי ניט ערלויבט... — לאָז מיך אַליין.
— דאַרפסטו געלד?...
— געלד? מיין גאָט... — האָט זי זיך צעוויינט. — איך וויל ניט...
— בלויז אויף אַן אויטאָמאָביל...
ער האָט איהר אַריינגעוואָרפען אין איהר האַנד־טאַש צוויי גאָלדענע מאָנעטען. זי האָט אַ שמייכעל געטאָן און איז שנעל אַרויס...
איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז דורכ'ן טיר אַרויס דאָס גליק און די ליעבע...
ער האָט זיך געוואָרפען צום טישעל, גענומען דאָס שטיקעל פּאַפּיער... איהר אַדרעס.
ער האָט זיך גענומען לעזען...
אָבער ווי אַ מלאך וואָלט עס געשריבען, ער קען ניט פאַנאַנ־

דערנעהמען די בוכשטאבען. דער נומער פון הויז איז אויך אזוי אונדייטליך. פון אלע ציפערען איז נאר בולט געווען א ציפער דריי. די איבעריגע פארפלאנטערט.

א טיעפע בענקשאפט האט איהם ארומגענומען. דער אדרעס, דער אדרעס... ער מוז דאך זי געפינען...

ער האט א גאנצען טאג געלעזען דאס שטיקעל פאפיער, געוואלט ארויסבאקומען פון די אותיות זיין גליק, געמאכט פאר־שיעדענע קאמבינאציעס.

עס איז ניט ארויס קיין דייטליך ווארט... ניט איהר נאמען, ניט איהר גאס, ניט איהר הויז...

זי האט עס טאקע אזוי שנעל געשריבען. ער האט ניט גע־כאפט זיך גלייך אכטונג געבען... זי איז גלייך ארויס און איהם געלאזען א פארפלאנטערטען אדרעס...

און צו וועמען ער האט זיך געווענדעט איבערצולעזען איהר אדרעס, האט קיינער ניט געקענט...

אזוי האט ער זי קיינמאל ניט מעהר באגעגענט און עס דאכט זיך איהם, אז זי איז געווען די איינציגע, וועלכע וואלט איהם גע־קענט געבען גליק און רוהע און דוקא צו איהר קען ער ניט קומען.

אנשטאט איהר — האט ער א שטיקעל פאפיער מיט אונדייט־ליכע ווערטער פון ערגעץ א גאס, א הויז, א טיר און א נאמען, וועלכע זיינען זיכער דא, אבער ער קען עס ניט געפינען. דער אדרעס איז פארפלאנטערט...

די שאַנד פון גוטסקייט

אַ קנאַפּע העלפט פון זיין לעבען האָט ליכטמאַן אָפּגעלעבט מיט איין וועג. פון דער נאַטור אַ גוטהאַרציגער, האָט ער זיין גוטסקייט אַנטוויקלעט ביז דעם העכסטען גראַד. ער האָט, קען מען זאָגען, געאַרבייט איבער זיך צו דערגרייכען די השלמה...

טאָן גוטס איז ביי איהם געוואָרען אַ געווענהייט און צייטענ־ווייז האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער איז ניט יוצא; ער האָט דאָך פון זיין גוטסקייט אַליין הנאה. און ווען ער פלעגט עפּיס טאָן אַזוינס, וואָס איז איהם זעהר שווער אָנגעקומען, האָט ער ערשט זיך געפיהלט צופריעדען. הייסט עס אָבער ווידער, אַז ער האָט דאָס געטאָן צוליעב זיך... און ער האָט ווידער איבער זיך גע־אַרבייט, אַז די גוטסקייט זאָל זיין ריין, אָהן פּערזענליכע עלע־מענטען.

פון דער וועלט האָט ער ניט ליעב געהאַט צו נעהמען. ער האָט ליעב געהאַט צו געבען. געבען איז געווען זיין העכסטער גענוס. עס האָט ניט אויסגעמאַכט אין וואָס דאָס געבען איז באַשטאַנען. ער פלעגט געבען אַ סיגאַרעטעל מיט דעמזעלבען גע־פיהל, ווי ער פלעגט געבען אַ מיידעל אַ וואָרט, אַז ער האָט זי ליעב... דער עיקר איז דאָס געבען, דאָס ניט ענטזאַגען...

נעהמען פלעגט ער פון מענשען נאָר דאַן, ווען דעם געבער האָט עס הנאה געטאָן.

— אויב עס מאַכט אייך פאַרגעניגען, נעהם איך... — אַזוי פלעגט ער ענטפערען.

ער האָט ליעב געהאַט צו געבען מענשען צייט. ווייל אַ מענש אויסרעדען זיין האַרץ, און עס דאַרף דויערען ביי אַ צוויי שטונדען — האָט ליכטמאַן די צוויי שטונדען גרייט פאַר איהם, און ער שענקט זיך איהם אַוועק אינגאַנצען: מיט די אויערען צו הערען, מיט די אויגען צו קוקען אויף איהם, און מיט'ן האַרצען מיטצופיהלען. אַמאָל אויך מיט'ן קאָפּ, צוצושאָקלען און צו באַדויערען...

ער האָט זיין גוטסקייט אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט... ליידעט ערגיץ אַ פאָלק, מעג עס זיין ווייט אין אזיען — ליכטמאַן ליידט מיט מיט'ן פאָלק און זוכט עצות, ווי אַזוי צו העלפען. איז ערגיץ אַ הונגער אין אַ לאַנד, געהט שוין ליכטמאַנ'ען ניט איין דאָס עסען, און יעדער ביסען שטעלט זיך איהם אַוועק אין האַלז און ער קען ניט אַראָפּשלינגען. ברענט אָפּ ערגיץ אַ שטאָדט, זעהט ער בולט ווי די מענשען וואַלגערען זיך אונטער'ן פרייען הימעל, און ליכטמאַן קען שוין ביינאַכט ניט רוהען אויף זיין געלעגער און ער טראַכט עצות, ווי אַזוי אַריבערצוטראָגען זיין בעט מיט זיין צימער אַהין און אַוועקשענקען עס די דאַכלאָזע...

און ניט נאָר צו מענשען, — צו חיות האָט זיין גוטסקייט דערגרייכט. די הינט זיינען ניט אַלע פאַרזאָרגט מיט בעלי־בתים, עס זיינען דאָ אַ סך היימלאָזע, וואָס בלאָנקען זיך אַרום אין די גאַסען און די מערק מיט פאַרצווייפלונג אין די אויגען און זוכען און נישטערען... מען וועט זיי זיכער כאַפּען און דערשיסען... זיי זיינען צופיעל... ער האָט שוין אַמאָל געזעהן אַ וואָגען מיט הינט, און דער הינטשלעגער איז געזעסען פאָראויס און זיי געפיהרט הינטער'ן שטאָדט, אָפּטאָן זיי זייער רעכט..' ליכטמאַן איז געווען מאַכטלאָז קעגען דעם הינטשלעגער, וועלכער איז אַ געצייג אין די הענט פון געזעץ. אָבער זיין האַרץ פלעגט דאַן בלוטיגען...

דערצו זיינען אויף דער וועלט דאָ אַזוי פיעל פערד, וואָס

געהען אַפּ זייער גאַנץ לעבען אין שפּאַן און פיהרען די שווערסטע משאות... היינט שאַף און קעלבער, וואָס האָבען אַזוי ליעב דאָס לע־בען און זינגען אוים אויף זייער שטום־לשון אַ לויב צו דער וועלט, און די וועלט שעכט זיי אוים אין די טויזענדער... ליכטמאַן האָט די אַלע באַשעפענישען מיטגעפיהלט, געוואָלט זיי פאַרהיטען פון דער שטענדיגער געפאַהר וואָס לויערט איבער זיי און, נאַ־טירליך, ניט געקענט, און דערפאַר געפיהלט זיך אומבאהאָלפען...

ליכטמאַן האָט זיין גוטסקייט אויסגעשפּרייט אויך אויף דאָס וואָס לעבט ניט... כאָטש אין זיין פאַרשטעלונג האָט אַלץ געלעבט און געליטען. די טויטע אויף די בית־עלמינ׳ס פוילען אין זייערע קברים, די בוימער זיינען ווינטער פאַרשאָטען מיט שנעע, די בלומעהן וועלקען און די גראָזען ווערען אָפּגעשניטען... די גאַנצע וועלט דאַרף האָבען הילף, רחמים, גרויס רחמים, און ליכטמאַן איז אַזוי מאַכטלאָז... ער קען בלויז זיין גוט צו איינציגע, טאָן פאַר זיי וואָס ער איז אימשטאַנד און ניט אימשטאַנד... בלויז פאַר איינציגע.

אַזוי האָט עס זיך געצויגען יאָהרען, יאָהרען... זיינע פריינד און באַקאַנטע האָבען ניט אַלץ געוואוסט וועגען איהם, אָבער דאָס ביסעל וואָס זיי האָבען יאָ געוואוסט איז גענוג געווען, אַז זיי זאָלען ליכטמאַנ׳ען האַלטען פאַר אַ גוטען. זייער באַציהונג צו איהם איז דאָך געווען אַן אינדיפערענטע. פלעגען זיי איהם ברויכען, פלעגען זיי איהם אויסנוצען און שמייכלען זיך צו איהם; טאָמער ניט, איז ער געזעסען שטיל אַן אַ זייט און פון ווייטען זיך צוגע־קוקט, ווי אַזוי מענשען לעבען, און ער האָט קיינמאָל קיין פאַר־איבעל ניט געהאַט און גאַרנישט געפאָדערט...

ער האָט ליעב געהאַט צו געבען, אָבער ניט צו נעהמען.

אפילו זיין געליעבטער פלעגט ער וואָרענען:

— דו דאַרפסט מיך ניט שטאַרק ליעב האָבען; דו ערלויב מיר בלויז, איך זאָל דיך שטאַרק ליעבען, פאַרשטעהסט?

צי זי האָט פאַרשטאַנען צי ניט, איז שווער געווען צו וויסען.

אָבער די װאַרנונג איז געװען איבעריג, װייל סיי־װי איז אַזוי געװען: ער האָט זי ליעב געהאַט פיעל מעהר, װי זי איהם. זי איהם בלויז אַביסעלע, און מאַנכעסמאָל אַביסעלע אויך ניט...

ביז ער האָט עס דערפיהלט, און מיט זיין געװעהנליכער גוטסקייט האָט ער זיך מיט איהר צעשיידט... אָבער כדי זי זאָל ניט ליידען האָט ער איהר בארוהיגט:

— איך װייס, אַז דו געפינסט שוין אין מיר ניט מעהר קיין אינטערעס, דו ביזט פריי און קענסט ליעבען װעמען דו װילסט, נאָר װען דו װעסט דאַרפען מיין הילף, זאָלסטו קומען...

און װירקליך האָט זיך ארויסגעװיזען, אַז דאָס מיידעל האָט איהם נאָך איינגיכען געדאַרפט. דער צװייטער איז געװען אַ גרויזאַמער מענש, און אָט איז ליכטמאַן געקומען איהר צו הילף און איהר װידער געװאָרענט:

— איך פאַרלאַנג ניט דיין ליעבע... דו ערלויב מיר נאָר, איך זאָל דיך שיצען...

— אַך, דו ביזט אַזאַ גוטער... — האָט זי געשמייכעלט...

ענדליך איז געקומען דער קריזיס... ליכטמאַן האָט דער־פיהלט, אַז װאָס װייטער װערט אַלץ איינזאַמער, פאַרלאָזענער, און דאָס װאָס ער האָט געהאַלטען פאַר אַ שטיצע אין לעבען — די גוטסקייט — הויבט זיך אָן צו װאַקלען...

אַלע װאָס רינגלען איהם אַרום זיינען שלעכטע, פאַלשע, ני־דעריגע, געמיינע... אונדאַנקבארקייט... חניפה, קליינליכע קעמ־פע און מחלוקות... איינער װיל דעם צװייטען פאַרניכטען און בלייבען אויף זיין פּלאַץ... און װער עס איז האַרטנעקיגער, בייזער און ערגער, דער װערט געשעצט, זאָגאַר געליעבט...

הייסט עס, אַז ער מיט זיין גוטסקייט איז אַ קריפּעל... אַן אַבנאָרמאַלע ערשיינונג...

ער האָט זיך דערשראָקען... און נאָך מעהר — זיך גע־שעהמט... ער האָט זיך דערמאָנט אָן די שמייכלען, װאָס מען פלעגט אויף איהם װאַרפען אין געװיסע מאָמענטען, װען ער האָט

זיך אנטפלעקט מיט זיין גאנצער גוטסקייט. דעמאלט האט ער עס ניט פארשטאנען; איצט אבער ווייס ער זיכער — דאס האט מען געלאכט פון איהם...

ניין! ער וועט שוין מעהר ניט זיין גוט! ער וועט נעהמען, נעהמען, נעהמען! געבען וועט ער שוין גארנישט... ניט ווייל ער זשאלעוועט, נאר ווייל ער שעהמט זיך... עס איז ניט די פאסיגע צייט פאר גוטס טאן. קיין ליגנער קען ער ניט זיין. ער וויל זיין עכט. קוים האט זיך דער צווייפעל בעזעצט אין איהם, אין שוין פארפאלען. גוט זיין קען ער שוין ניט.

אבער ווי אזוי הויבט מען אן ווערען שלעכט? ער האט געפרובט ענטזאגען אין א ביטע א נאהענטען מענשען... איז ער ארומגעגאנגען א טאג ווי צו־חלום און ער האט אויף מארגען געהאט אן ארבייט, אויפצוזוכען יענעם, איבערבעטען איהם און פארריכטען זיין פעהלער...

— שלעכט זיין קען ער ניט! — האט ער באשלאסען — אבער מען דארף שפיעלען ד' ראלע פון א שלעכטען... אט וועל איך זיי דערצעהלען וועגען זיך עפּיס שרעקליכעס... א צווייטע מיידעל האט איהם גראד אוועקגעלאזט, וועט ער דערצעהלען פארקעהרט.

— איהר ווייסט — האט ער זיך באריהמט אין א רוהיגען טאן פון א באקאנטען — איך האב היינט אפגעטאן א גרויזאמע זאך.

— איהר? — האט דער באקאנטער אויסגעשטעלט די אויגען און ניט געגלויבט.

— איך אליין — האט ליכטמאן זיך געמיהט קאלטבלוטיג צו שמייכלען. — וואס מיינט איהר, כ'בין טאקי אזא גוטער?...

— אזוי מיין איך... — האט יענער געגענעצט.

— האט איהר טאקי געלעבט אין טעות... אט שטעלט זיך פאר — האט ליכטמאן זיך באמיהט צו באקומען אן אויסדרוק פון א קאלטען גזלן — איך בין די וואך זיך צעגאנגען מיט... איהר קענט דאך זי... דאס בלאנדע, שלאנקע מיידעל... זי האט

געוויינט ווי א קינד... ליכטמאַן: איך קען אָהן דיר ניט לעבען, איך אָבער האָב קאַלט געענטפערט: דו ביזט מיר מעהר ניט אינ־טערעסאַנט... און איך בין אוועק. הינטער׳ן טיר האָב איך געהערט איהרע טרערען, זי האָט זיך צעוויינט אויפ׳ן קול... נאָר מיך האָט עפּיס, איך ווייס ניט פאַרוואָס, גאָר ניט גערירט...

— ווי איז דאָס מעגליך? — האָט זיך דער פריינד ווירקליך שוין פאַרוואונדערט, קענענדיג ליכטמאַנ׳ען שוין א צייט.

— אָט זעהסט איהר דאָך — האָט ליכטמאַן רוהיג געענט־פערט. — איך בין בטבע זעהר גרויזאַם, נאָר איך האָב זיך שטענ־דיג באַקעמפט... איצט האָב איך מיינע בייזע אינסטינקטען געגעבען א פרייען וועג...

— יאָ... — האָט דער באַקאַנטער געמורמעלט און צונע־געבען — אַזוי דאַרף מען האַנדלען... ס׳איז אפילו א רחמנות, זי איז אייגענטליך א גוט מיידעל... זי וועט ליידען...

— נו, וואָס איז אַז מען ליידט... — האָט ליכטמאַן זיך אָנגעצונדען — אַלע ליידען... ליעבע איז ליידען און דאָס גאַנצע לעבען איז א לאַנגעס ליידען.

און דערפּיהלענדיג, אַז אריינלאָזענדיג זיך צופיעל וועגען ליידען קען ער זיך ארויסגעבען צוריק מיט זיין גוטסקייט, האָט ליכטמאַן זיך אָפּגעהאַקט און זיך געזעגענט מיט׳ן באַקאַנטען...

ער האָט זיך געפיהלט ווי באַפרייט פון א שווערער לאַסט. ער איז געגאַנגען מיט פעסטע טריט און אריינגעטאָטעמט די לופט, מיט דעם געפיהל פון איינעם, וואָס איז נאָר־וואָס אויפ־געשטאַנען פון א לאַנגער קראַנקהייט און הויבט אָן ווערען געזונד.

פאַרביי איהם האָט זיך דורכגעשלייכט אַן אויסגעמאָגערטע קעצעלע, ער האָט מיט גוואַלד אָפּגעקעהרט די בליקען פון איהר און איז געגאַנגען זיין וועג...

דער צענזאָר

צווישען די אַלע פּאָעטען, וואָס האָבען געשריבען און זיינען ניט געוואָרען געדרוקט, האָט געשפּיעלט די ערשטע פּיעדעל דער פּאָעט שיינמאַן. אין דער צייט, ווען יענע זיינען אַלע ארומגע־גאַנגען נידערגעשלאָגען, פאַרביטערט און האָבען געהאַט טענות צו דער וועלט — איז שיינמאַן שטענדיג אומגעגאַנגען מיט א שמאָלצען, אָבער גוטמוטיגען שמייכעל אויף די רויטע ליפּען און האָט צו קיינעם ניט געהאַט קיין טענות. אדרבא, ער איז געוועזען זעהר צופריעדען, וואָס זיינע שאַפונגען ווערען ניט געדרוקט. ער פלעגט אפילו אָפטמאָל קוקען פון אויבען אראָפּ אויף די יעניגע, וואָס זייערע זאַכען דרוקט מען יאָ.

ער האָט זאָגאר אויסגעארבייט א באשטימטע אפאָריזם, וואָס ער פלעגט נוצען פון צייט צו צייט ביי ליטעראַרישע געשפּרעכען. די אפאָריזם האָט געלויטעט אזוי:

— עס איז ניט קיין קונץ צו זיין געדרוקט — עס איז אָבער א קונסט צו זיין ניט געדרוקט.

און נאָך דער דאָזיגער אפאָריזם פלעגט שיינמאַנ׳ס פּנים לויכטען.

די דאָזיגע אפאָריזם, וואָס פון אויבען־אויף איז זי געווען שמאַרק פלאַך, האָט אָבער געהאַלטען א גוואַלדיגע טיעפקייט. שיינמאַן האָט מיט איהר געציעלט צו צייגען, אַז זיינע זאַכען

ווערען ניט געדרוקט, ווייל זיי זיינען צו שארף און דער צענזאָר לאָזט זיי ניט דורך...

אזוי ווענינסטענס פלעגט איהם פארזיכערען דער רעדאקטאָר, ווען ער האָט די ערשטע צייט זיינע ווערק געטראָגען.

דער רעדאקטאָר איז געווען א מענש א העפליכער, סתם אָפ־זאָגען שיינמאַנ'ען האָט ער ניט געהאט קיין מוט, ווייל שיינמאן איז צופיעל געווען פארטראָטען אין דער דיכטערישער באוועגונג, וועלכע האָט זיך אין יענער צייט אָנגעהויבען. ער איז געווען כמעט דער פיהרער פון די ניט געדרוקט־געוואָרענע דיכטער... אין יענער צייט איז דאָס געווען א הויכע מדרגה... א פיהרער פון פארפאָלגטע, דערנידעריגטע און דערשלאָגענע יונגע לייט... אלס א פיהרער פון אזא גרופע האָט דער רעדאקטאָר פאר שיינ־מאַנ'ען געהאט רעספעקט... דערצו איז טאקי שיינמאן געווען אן עדעלער יונגער מאן... געקענט גוט לשון־קודש, געלעזען פוי־ליש, רוסיש און דייטש, אויך געקליידט איז ער געווען ווי אן אינטעליגענט, שטענדיג אין א ווייסען קראגען, מעג ער זיין א פאפיערענער. מיט די הענט טאפען דעם קראגען וועט דאך קיינער ניט וואגען... דער עיקר איז דער קראגען פא'רן אויג.

מיט איין וואָרט — מיט אזא יונגען מאן ווי שיינמאן האָט דער רעדאקטאָר געדאַרפט זיין פאָרזיכטיג, און ווען דער ערשטער פלעגט צו איהם די ערשטע צייט קומען נאָכפרעגען אויף זיין פאָעמע אין פראָזע (שיינמאן האָט דאָס רוב געשריבען פאָעמען אין פראָזע, ווי דער שטייגער איז פון אלע די יעניגע, וואָס ווערען זעלטען געדרוקט), פלעגט דער רעדאקטאָר ווערען צוטומעלט. זאָגען איהם דעם ריינעם אמת, וואָלט זיך שיינמאן באליידיגט. האָט נאָט איינמאָל אריינגעגעבען דעם רעדאקטאָר א גליקליכע אידעע:

דער צענזאָר!...

דער צענזאָר איז אין יענער צייט ווירקליך געווען א שטרענ־גער. דער עיקר א פייגלינג. האָט געהיט זיין שטעלע, ווי א פעלדהעבעל. אין יעדען וואָרט האָט ער געזוכט רמזים...

אָט אַ דאַנק דעם דאָזיגען צענזאָר האָט זיך דער רעדאַק־טאָר געראַטעוועט פון שיינמאַנ׳ס פּאָעמען אָהן גראַמען...

— איהר פאַרשטעהט, פאַני שיינמאַן... — פלעגט ער אָנ־הויבען צו שטאַמלען, ווי דער שטיינער איז פון אַ מענשען, וואָס קען ניט זאָגען גלאַט קיין ליגען... — איהר פאַרשטעהט, דער צענזאָר לאָזט אייער פּאָעמע ניט דורך... צו שאַרף! צו שטאַרק...

— אַזוי! — האָט זיך שיינמאַן דאָס ערשטע מאָל אָנגע־כאַפּט מיט פרייד, דערהערענדיג, ווי אַזוי זיין פּאָעמע איז גע־פעהרליך, און ער האָט מיט שטאָלץ נעטאַפּט דעם פּאַפּיערענעם קראַגען. — אַזוי... צום ביישפּיעל, וואָס געפינט ער דאָרטען?...

— ער געפינט זעהר פיעל! — איז שוין ביי דעם רעדאַקטאָר געגאַנגען גלאַטער די צונג... — אָט למשל, האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט אויפ׳ן עזעל... „וועמען מיינט ער מיט׳ן עזעל“... האָט ער מיך אַלץ געפּאַרשט... זייט פאָרזיכטיג, פאַני שיינמאַן...

פאַני שיינמאַן האָט אייגענטליך ביים שרייבען מיט׳ן עזעל קיינעם ניט געמיינט, אויסער דעם עזעל, אַן אמת׳ן עזעל, וועלכען ער האָט געוואָלט באַזינגען פאַר זיין גערולד, אָבער וויבאַלד אַז דער צענזאָר האָט אריינגעלעגט כונות, איז איהם די זאַך געפעלען געוואָרען. הייסט עס, אַז ער, שיינמאַן, איז טאַקי אַ ביטערער יונג... ער וועט נאָך אמאָל געהן אין טורמע פאַר זיינע הויכע און שאַרפע געדאַנקען...

עס האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ געוואַלדיגער שטאָלץ. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָסטאָיעווסקי איז געווען פיער יאָהר אין קאַ־טאָרגאַ פאַר זיין שאַרפער פעדער. נאָכדעם האָט ער זיך דער־מאָנט אָן קאָראָלענקאָ׳ן, אָן פּ. י., וועמעס ביאָגראַפיען ער האָט אַלע געקענט. און אָט איז ער איצט אויף איין מדרגה מיט זיי. אין זיין פּאָעמע איז דאָ אַן עזעל און אָט דער עזעל איז ניט סתם אַן עזעל, נאָר טאַקי יענער... דער צענזאָר האָט טאַקי ריכטיג פאַרשטאַנען זיין געדאַנק...

און שיינמאַנ׳ען האָט עס געטראָגען אין דער לופטען. ער איז גלייך אוועק צו די באַקאַנטע דיכטער, וואָס האָבען זיך שיינמאַן

ניט געדרוקט און פון וועלכע ער איז געווען דער אַטאַמאַן, דער פיהרער און דער וועגווייזער און זיי אָנגעזאָגט זיין גרויסע שמחה:

— דער רעדאַקטאָר קען מיין פּאָעמע ניט דרוקען.

די פאַרפּאַלגטע דיכטער האָבען געוואָלט אויסדריקען זייערע מיטליידס־געפיהלען צו זייער פיהרער, אָבער באַמערקענדיג אין זיינע אויגען אַ גרויסע פרייד, האָט איינער זיך אָנגערופען:

— ווי איך זעה, פאַני שיינמאַן, נעהמט איהר זיך ניט צום הארצען...

— פונקט קאַפּויר — עס פרעהט מיר... איך בין גליק־ליך... איך בין שטאָלץ... איך בין פול מיט זעלבסט־רעספּעקט...

און אַז ער איז געקומען אביסעל צו זיך פון דעם גרויסען גליק, וואָס איהם האָט געטראָפען, האָט ער פאַרטגעזעצט:

— מיין פּאָעמע איז מוסטערהאַפט. זי איז פול מיט שוואונג און הויכע געפליגעלטע פאַנטאַזיע... זי איז דורך און דורך אַלע־גאָריש! זי וואָלט אָנגעמאַכט אַ גערודער, דער רעדאַקטאָר וואָלט אוועק אין סיביר און איך וואָלט פאַרפוילט געוואָרען אין טורמע...

די פאַרפּאַלגטע דיכטער האָבען אויסגעהערט מיט שרעק און ערשטוינונג. איינער פון זיי, דער מעהר פאַרפאָלגטער פון אַלע, וועמען מען האָט נאָך אפילו קיין איינמאָל אין בריעף־קאַסטען ניט געענטפערט — איז געשטאַנען בלאַס ווי קרייד און קוים גע־קענט פרעגען:

— וואָס איז דאָרט אַזוינס דאָ?

— עס איז דאָ איין קליינינגקייט — האָט שיינמאַן מיט אַ זיעגער־שמייכעל געענטפערט — איין קליינינגקייט, אַן עזעל... איהר פאַרשטעהט? — אַן עזעל!...

— נו?... — האָבען די פאַרפּאַלגטע דיכטער ניט פאַר־שטאַנען.

— נו, אַט דעם עזעל האָט דער צענזאָר געכאַפּט, ער האָט פאַרשטאַנען וואָס איך מיין, איהר פאַרשטעהט?... און ער לאָזט מיין פּאָעמע ניט דורך...

האָבען איהם די פאַרפּאַלגטע דיכטער שטאַרק מקנא געווען.

זיכער איז דאָס אַ יחוס... דער צענזאָר לאָזט ניט דורך... מיט זיי האָט אַזאַ גליק קיינמאָל ניט פּאַסירט... זיי דרוקט מען ניט, ווייל, פּשוט, די „זאַכען" זייערע זיינען צו שוואַך... שיינמאַנ'ס וואָלט מען אודאי און אודאי געדרוקט, נאָר זיי זיינען צו שטאַרק, צו שאַרף, צו געפעהרליך...

און אַזוי האָט שיינמאַן געדיכטעט פּאָעמען אין פּראָזע. גע־טראָגען צום רעדאַקטאָר און צוריק באַקומען מיט אַ שמייכעל:

— דער צענזאָר לאָזט ניט דורך: צו שאַרף!... און ער פלעגט אַוועקגעהן מיט אַ גלקליכען שמייכעל און באַריהמען זיך:

— איך קען ניט שרייבען אַבי וואָס... איך מוז אַריינלעגען הויכע כונות... אָט, למשל, איז דער לעצטער זאַך מיינער — דאַכט זיך, אַן אומשולדיגע מעשה'לע — מיט אַ פיינעלע... מיינט איהר האָט דער צענזאָר ניט געטראָפען, אַז איך מיין מיט דער פיינעלע די פרייהייט?... ער האָט געטראָפען! ער האָט מיר אָנגעזאָגט דורכ'ן רעדאַקטאָר, אַז איך זאָל זיין פאָרזיכטיגער און ניט נאָר איך זאָל אַזוינע זאַכען ניט דרוקען, נאָר אפילו דעם מאַנוסקריפּט פאַרניכטען... ער איז אויסען מיין טובה... איהר ווייסט — איז שיינמאַן אַריין ענדליך אין באַגייסטערונג — דער צענזאָר איז דוקא אַ פיינער מענש, אַ נאָבעלער כאַראַקטער... איך בין איהם זעהר דאַנקבאַר...

אַזוי האָט זיך געצויגען שיינמאַנ'ס גדולה, ביז וואַנען עס איז נעגעבען געוואָרען דעם פאָלק אַ קאָנסטיטוציע.

דער צענזאָר האָט גלייך פאַרלוירען זיין שטעלע און צו־זאַמען מיט איהם האָט שיינמאַן פאַרלוירען די אַמביציע צו זיין אַ שאַרפער דיכטער. ווייבאַלד, אַז מען מעג שוין אַלץ שרייבען, לוינט איהם ניט צו מאַכען זיך נאַריש...

און ער האָט זיין פעדער איבערגעגעבען זיינע פאַרפאַלגטע חברים און אַליין איז ער אַוועקגעפאָהרען אין אַמעריקאַ מאַכען געלד...

ווייזט זיך אַרויס, אַז פון דעם אייגענעם מזל קען מען ניט

אַנטלויפֿען. די לעצטע צייט טראַגט זיך שיינמאַן אַרום מיט גוואַלדיגע אידעען, וועלכע ער וויל פֿאַרקערפֿערען אין פֿאָעמען אָהן גראַמען. ער וואַרט בלויז, עס זאָל אויך אין אַמעריקא איינגעפֿיהרט ווערען אַ צענזאָר, ווי אַמאָל דאָרטען.

דעמאָלט וועט ער ווייזען די היגע רעדאַקציעס וואָס ער קען.

לאָמיר האָפֿען, אַז שיינמאַן וועט ביי „גינסטיגע" באַדינגונגען צוריק ווערען אַ דיכטער אין אַמעריקא. אַ שאָד אַזאַ טאַלאַנט זאָל געהן צו גרונד!...

דער גרויסער פּאַסאַזשיר

יאָהרען לאַנג איז די אייזענבאַהן, וואָס האָט זיך געפונען הינטער׳ן שטעדטעל, קיינעם פון די איינוואוינער ניט אָנגעגאַנגען. עטליכע מאָל א טאָג פלעגען זיך דורכטראָגען פאַרשיעדענע צוגען און האָבען זיך קיינמאָל אפילו ניט אומגעקוקט. זיי פלעגען בלויז איבערלאָזען שטיקער רויך, וואָס פלעגען צייטענווייז אויסזעהן, ווי וואָלקען, און מאַנכע פלעגען זיך צוליעב דעם טועה זיין און מיינען אַז עס וועט רעגענען.

צו דער הויפּט־סטאַנציע, וואו די צוגען פלעגען זיך אָפּשטעלען, איז געווען ווייט. נאַטירליך, לויט דעם באַגריף פון די איינוואוינער. צוצופאָהרען צו דער דאָזיגער סטאַנציע מיט א פוהר און נאָכדעם מיט דער באַהן, האָט געדאַרפט קאָסטען אַן אייגענס, און דאָס האָבען זיך געקאָנט פאַרגינען בלויז די רייכע קרעמער און היים־מאיר דער וואַלד־סוחר... אָרימע קרעמער און סתם אידען, וואָס האָבען גע־ראַרפט פאָהרען אמאָל, איין מאָל אין א יובל, אין דער גרויסער שטאָדט, פלעגען שוין פאָהרען אינגאַנצען מיט דער „בויד״, וואָס דאָס האָט אויסגעמאַכט א העלפט געלד.

מאַכט זיך אמאָל א מעשה, אַז דער גראַף מישאַפּסקי, וועלכער האָט אליין געוואוינט אין זיין גוט עטליכע ווירסט פון שטעדטעל, שיקט אוועק א פּאַפּיער וואוהין מען דאַרף — ער האָט שוין גע־וואוסט וואוהין מען דאַרף שיקען — און שרייבט דאָרטען אריין א בקשה, אַז היות, ווי ער און זיין פאַמיליע דאַרפען פאָהרען אָפט אין דער גרויסער שטאָדט אריין און די הויפּט־סטאַנציע איז צו ווייט,

דעריבער פארלאנגט ער, אז די צונגע צווישען זיין נוט און שטעדטעל
זאלען זיך אפשטעלען אויף צוויי מינוט.

א גראף, האט ער נאטירליך אויסגעפיהרט — אמת, ניט איינ־
גאנצען. די צונגען האבען זיך אפגעשטעלט בלויז אויף איין מינוט.
אריבער די מינוט, איז שריי חירוקים — א פייף געטאן און נישטא...
אבער א מינוט איז געווען די ויותר, ווייל די ערשטע צייט זיינען
פאסאזשירען געווען ווייניג: ערשטענס, איז עס נאך אלץ געווען
צו טייער, מיט דער בויך האט פארט ביליגער אויסגעמאכט; און
צווייטענס, האבען די וואס זיינען שוין געפאהרען מיט דער באהן
זעהר געיאגט זיך. עס איז דאך פארט א באהן! מיט איהר שפיעלט
מען זיך ניט. נאטירליך, אמאל פלעגט א צוג פארשפעטיגען און
אנשטאט א מינוט פלעגען די עטליכע פאסאזשירען ווארטען צוויי
און דריי שעה. נאר אז דער צוג איז שוין אנגעקומען, האט ער זיך
שוין זעהר געאיילט. א קלייניגקייט — פארשפעטיגט צוויי שטונ־
דען, און ער האט געוואלט אניאגען די צייט און ער איז דערפאר
געשטאנען ניט מעהר ווי א האלבע מינוט, אדער ווי די וואס האבען
געהאט זייגערלעך פלעגען עס רופען, דרייסיג סעקונדען.

כאטש דאס איז ניט געווען קיין עכטע סטאנציע, און די
מלוכה האט זיהר קיין נאמען ניט געגעבען, האבען דאך די איינ־
וואוינער פון שטעדטעל זיך געגרויסט מיט איהר און האבען זי
גערופען גראף טשאפסקי'ס סטאנציע.

די ערשטע צייט האט מען געהאפט, אז א דאנק דער דאזיגער
געשעהעניש וועט דאס שטעדטעלע אויפגעריכט ווערען. עס געפינט
זיך איינגאנצען א פאר וויארסט פון דער נייער כלומר'שטדינער
סטאנציע, און אידען האבען געהאט א קבלה, אז וואו א באהן
שטעלט זיך אפ איז דאס א מזל־ברכה. אבער אז עס איז אריבער
א פאר יאהר און קיין פרנסה איז נאך אלץ ניט געווען, האבען זיי
זיך מיאש געווען פון אלע באהן־גליקען און האבען געהאפט אויף
אנדערע גליקען.

אבער אז די האלבע סטאנציע האט קיינעם קיין טובה ניט
געטאן, קאן מען דאך איינגאנצען ניט באהויפטען. א דאנק דעם, וואס

די דאָזיגע האַלב־סטאַנציע איז געלעגן אַ פּאָר וויאָרסט פון שטעדטעל, האָט דאָס אַרויסגערופן אַ נויטווענדיגקייט אין נייע בעלי־עגלות. ווי גאָרנישט, פלעגן דאָך דורכ'ן טאָג אַוועקפאָהרען מיט דער באַהן און קומען פון דער באַהן ביי אַ פּאָר מנינים אידען מיט נוים, להבדיל. געהן צופוס איז דאָך צו ווייט, כאָטש עס האָבען זיך געפונען אַנדערע, וואָס האָבען ליעב געהאַט צוליעב קאַרגשאַפט און אָרימקייט צו מאַכען אַ שפּאַציר מיט די אייגענע פיס. דאָס רוב פּאַסאַזשירען אָבער זיינען צוגעפאָהרען מיט די בעלי־עגלות, וואָס זיינען מיט דער צייט נתרבה געוואָרען אין די צעהנדליגער.

צווישען די דאָזיגע נייע בעלי־עגלות, וואָס זייער עובדא איז געווען צו פאָהרען בלויז צו דער באַהן און צוריק, האָט זיך געפונען אַ איד מיט דעם נאָמען הירשעל חאַשע'ס. אַ כלל איז, אַז אַ איד הייסט אויף זיין ווייב'ס נאָמען איז אַ סימן, אַז מיט איהם איז עפּיס דער מעהר. קיין גלאַטער איד איז דאָס שוין נים. דער דאָזיגער הירש איז אויך ניט געווען קיין אויסנאַהם. געהייסען האָט ער אויף זיין ווייב'ס נאָמען, ווייל ער אַליין איז ניט געווען קיין גרויסער בריה, און נאָר זי, חאַשע, איז געווען די שפּייזערין. זי האָט געהאַלטען אַ קליין שפּייז־קרעמעל, וואו הירשעל אַליין איז געווען אַ קנאַפּער שותף. אפילו אין אַ מאַרק־טאָג האָט חאַשע זיך ניט גענויטיגט אין זיין הילף.

האָט הירשעל זיך געלעבט זיין אייגען לעבעל. דאָס ווייב איז ברוגז, האָט ער אַ פערד. מיט די פערד האָט ער דוקא גוט געלעבט. די פערד, וואָס ער פלעגט קויפען אָדער חילופ'ן אַלע האַלב יאָהר, זיינען געווען שוואַך און אַלט און ער האָט זיי מיטגעפיהלט. פלעגט זיי גלעטען און לאַסטשען און רעדען מיט זיי אויף „דו" און מיט אַלערליי ליעבע־ווערטלעך: מיין קרוין, מיין אָדלער, מיין בן־יחיד'ל...

די ערשטע צייט איז מען מיט הירשעל חאַשע'ס געפאָהרען גערן. ערשטענס איז טאַקי ביי איהם געווען ביליגער — האַלב פּרייז. אַ צעהנער אַ פּאַסאַזשיר מיט פּעקלעך, און אַ זעקסער אָהן פּעקלעך. און טאָמער האָסטו ניט דעם צעהנער, צי דעם זעקסער,

איז הירשעל חאשע'ס א איד ניט קיין גזלן און ער וועט דיך אויפ'ן וואגען ניט פארהאלטען, אדער דיין פעקעל ניט פארנעהמען פאר א משכון. ער גיט בלויט א שמייכעל און מורמעלט:

— נישקשה. ס'איז נוט געלד. הלואי האב איך ביי אייך טויזענדער.

און צווייטענס איז ער א לוסטיגער און א וויצלינג. אהן א וויץ ריהרט ער זיך ניט פון ארט. האט אפילו א טאלאנט צו גראמען, און מאנכע פאסאזשירען האבען דאס דוקא ליעב געהאט.

איז אבער געווען א צרה, וואס מיט איהם איז מען ניט זיכער געווען, אז ער וועט קומען צו דער צייט. ער האט א טבע צו פארריידען זיך, אדער מיט א פאסאזשיר — אז ער קריגט איהם שוין, אדער מיט'ן פערדעל, אדער מיט זיך אליין. און דערצו איז טאקי זיין פערד דאס ערגסטע. אינמיטען שטעלט עס זיך אוועק און וויל ניט געהן. מוז הירשעל אליין אראפ און איינטענה'ן מיט איהם. שלאגען שלאגט ער ניט קיין פערד. גאט זאל אופהיטען. אבער אמאל העלפען ניט קיין טענות.

און דערצו האט ער גלאט קיין כח ניט געהאט צו קריגען פאסאזשירען. די איבעריגע בעלי־עגלות, אויסער דעם וואס זיי האבען געהאט בעסערע פערד, האבען זיי טאקי געהאט מעהר כח. א כאפ טאן פון א פאסאזשיר א פעקעל, ווי יענער שטעקט נאר ארויס דעם קאפ פון וואגאן, איז ביי זיי געווען א געלעכטער. יענער שרייט און וויל ניט, זאל ער שרייען. זיי נעהמען מיט כח. ער, הירשעל הייסט עס, וועט עס ניט טאן, ווען ער זאל אפילו וויסען, אז ער און זיין פערד דארפען שטארבען פון הונגער.

פלעגט טאקי הירשעל־חאשע'ס זעהר אפט פאהרען דער לעצטער פון באהן מיט א לעדיגען וואגען. פאראויס די שטאלצע, געזונטע בעלי־עגלות, און ער — אן עלענדער פון הינטען.

פונדעסטוועגען האט זיין הומאר דערפון ניט געליטען. ווי א פילאזאף פלעגט ער אננעהמען אלץ פאר ליעב און ניט טראגען אויף קיינעם קיין שנאה. פאהרענדיג מיט'ן לעדיגען וואגען צוריק, פלעגט ער ניט פארגעסען יעדען פוסגעהער, וואס ער פלעגט

באַנגענען, זאָגען גוט־מאָרגען אָדער גוטען־אָווענד — אויב די רייזע איז שוין געווען פון לעצטען צוג. אַמאָל פלעגט ער בעטען מען זאָל זיך אַריינזעצען אין וואָגען. סיי־ווי־סיי — פלעגט ער שמייכלען — פאָהרט מען אין לעדיגען. זאָל בעסער זיצען אַ מענש אינוועניג. עס איז פאָרט פרעהליכער...

און ער איז קיינמאָל ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלען. האָט אַלע־מאָל געשמייכעלט און געהאָפט אויף עפּיס אַ גרויסען גליק, וואָס וועט נאָך אַמאָל קומען.

* * *

איינמאָל איז ער געקומען צו דער באַהן ווי זיין שטייגער איז אין לעדיגען, אָהן אַ פּאַסאַזשיר. די אַי־בעריגע בעלי־עגלות האָבען דוקא געהאַט, ווער איינעם, ווער צוויי. אויפ׳ן הארצען איז אַביסעל אַנגעזאַלצען. אויפ׳ן וואָגען ליגט דאָס לעצטע ביסעל היי. דאָס פערדעל איז אפילו הונ־געריג. ער זאָל דאָס איהם אָבער איצט אַוועקגעבען, וואָס וועט ער איהם געבען מאָרגען פריה? ער קאָן אָבער ניט צוזעהן, ווי דאָס פערדעל, אַלט און מיעד, שטעהט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און קוקט מיט די גרויסע, געדולדיגע, ליידענדע אויגען...

דער צוג האָט גראָד פאַרשפּעטיגט, איז זיך הערשעל מישב, אַז ער וועט טאַקי דעם פערדעל אַוועקגעבען דאָס ביסעל היי: טאָמער מאַכען זיך, אַ קשיא אויף אַ מעשה, אַ פּאָר פּאַסאַזשירען צוריק, זאָל ער כח האָבען זיי צו פיהרען.

שטעהט ער אַזוי און קוקט, ווי דאָס פערדעל עסט און קוקט איהם אָן נאָך יעדער כראָמזשקע מיט דאַנקבארקייט: האָסט מיך, הירשעל, געראַטעוועט... דערווייל הערט זיך אַ סיגנאַל — דער פּאָיעזד! זאָגט הירשעל אָן דעם פערד.

דאָס פערד דערשלינגט דעם לעצטען ביסען, ווי עס וואָלט געפיהלט, אַז עפּיס וועט דאָ היינט געשעהן, און עס וואַרט צו־גלייך מיט׳ן בעל־הבית.

דערווייל שטעלט זיך אָפּ דער צוג. הירשעל לויפט ניט אַנט־קעגען. ער ווייס, אַז יענע זיינען געזונטער. ער האָפט אַזוי

אויף א באקאנטען פאסאזשיר, וואס וועט אריין צו איהם אין וואגען אוים פריינדשאפט. עס זיינען דא אזעלכע אויך.

עס לאזען זיך ארויס די עטליכע פאסאזשירען און זיי ווערען גלייך פארצוקט פון די איבעריגע בעלי־עגלות. הירשעל האט שוין בדעה צו פאהרען אין לעדיגען.

אבער דא זעהט ער, ווי עס רוקט זיך ארויס א רייכער מאן מיט א קליינעם לעדערנעם רייזע־טאש אין האנט, קוקט זיך אום אויף אלע זייטען און זיין בליק פאלט אויף הירשל'ען.

„דער גראף טשאפסקי! איז דאס מעגליך?!"

— נו, הירשקא! — ווענדעט זיך דער גראף צו איהם — וועסט זיך אונטערנעהמען מיך אוועקפיהרען אהיים? מיין קא־רעטע איז ניטא; זיי האבען ניט געוואוסט, אז איך וועל קומען.

און איידער הירשעל־חאשע'ס האט זיך צוזאמענגענומען מיט זיינע כחות אפצוענטפערען, איז שוין דער גראף געזעסען ווי א פריץ אין זיין וואגען, אויף דעם ביסעל שטרוי, און הירשעל איז ווי א יונגערמאנטשיק ארויפגעשפרונגען אויף דער קעלניע און דאס ערשטע מאל גענוצט די בייטש צום פערד.

דער עפעקט איז געווען אן אומבאשרייבליכער. די בעלי־עגלות ארום זיינען געבליבען זיצען אויף די קעלניעס ווי פארגלי־ווערט, און האבען זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט פאר ער־שטוינונג.

וויפיעל הירשעל־חאשע'ס האט פון גראף געקראגען, האט ער בשום אופן ניט געוואלט דערצעהלען. ער האט נאר אויף יעדערנס פראגע געענטפערט מיט א שמייכעלע:

— הלואי פארדיען איך דאס אלע חודש.

דערפון האט מען זיך געשטויסען, אז ער האט איהם גענעבען א פינפערעל...

שלמה „קהלת“

צי ווייל ער האָט געהאַט אַ שייכות צו קהלת, דערפאַר, וואָס ער האָט אויך געהייסען שלמה, צי ווייל ער איז בטבע געווען אַ בעל־ספק — אַזוי צי אַנדערש: אונזער שלמה פון ערגעץ אַ קליין־ליטוויש שטעדטעל, האָט שטאַרק געהאַלטען פון דעם ספר קהלת.

ווי אַזוי האָט זיך קהלת צוגעפּאַסט צו זיין לעבען, איז שווער צו וויסען. שלמה פון דער ליטווישער שטעדטעל האָט ניט גע־קענט זאָגען „מלך הייתי“... אפילו ביי זיין אייגענעם הויז־גע־זינד האָט ער קיין ראָלע ניט געשפּיעלט. די קראָם, וואָס האָט געגעבען די ביסעל חיונה, האָט געפיהרט דאָס ווייב און די פּאָר מיידלאַך האָבען צוגעהאָלפען. שלמה אַליין איז געווען אַ יושב אוהל, געזעסען אַ האַלבען טאָג אין בית־מדרש און די איבריגע צייט ביי זיך אין שטוב און אַריינגעקוקט אין ספרים... קיין דעה האָט ער דערפאַר ניט געהאַט ביי קיינעם פון זיינע הויזיגע און האָט בכלל ניט געהאַט קיין פאַרלאַנג צו רעגיערען, אויסער פּסח צו די סדרים, וואָס דאָס האָט ער געטאָן מעהר על פּי מוז... אַז דער דין איז צו קיניגען, קיניגט ער — אַ ברירה האָט ער!...

קיין גערטענער מיט אַלערליי פּרות, מיט אַלערליי אויסגעפּלאַס־טערטע שטעגעלאַך און קוואַלען האָט ער אויך ניט פאַרמאָגט. זיין שטוב, וועלכע איז דוקא געווען אַן אייגענע, אַ ירושה, האָט אפילו יאָ פאַרמאָגט אַ קליין גערטענדעל, אָבער געוואַקסען האָט דאָרטען איז געווען פאַרוואָקסען מיט קראָפּעווע, צו וועלכע מען האָט זיך זומער־צייט אונגערקעם, רעטעכלאַך און ריבען... דאָס איבריגע

ניט געטאָרט צוריהרען, און אויב שלמה פלעגט זיך פארגעסען און זיי אָנריהרען, פלעגט ער נאָכדעם פארזאָגען א צעהנטען אריינצו־געהן אין זיין גאָרטען פון גרינס...

וואָס אנבאטרעפט די שאָף, מיט וועלכע דער אמת'ער שלמה המלך באריהמט זיך אין קהלת, האָט אונזער שלמה פון דער ליט־ווישער שטעדטעל קיין סך ניט פארמאָגט. א קורצע צייט האָט ער אפילו יאָ „באזעסען" א ציעג, אָבער אזוי ווי דאָס ווייב איז געווען צופיעל פארנומען מיט דער קראָם, האָט מען אויף דער ציעג ניט געקענט אויפפאסען און מען האָט זי, אַן אויסגעדאַרטע, א פאר־הונגערטע, פארקויפט...

און פונדעסטעוועגען האָט שלמה געהאַלטען פון ספר קהלת מעהר ווי פון אַלע ספרים אין תנ"ך. מען קען ניט זאָגען, אז פון איוב האָט ער ווייניג געהאַלטען... פאַרקעהרט, איוב איז אויך געווען פול מיט טיעפע געדאַנקען. אָבער איוב איז צו שריי־ענדיג, צופיעל געקלאָגט זיך. שלמה האָט דאָס דאָזיגע שרייען ניט געקענט פארטראָגען. בפרט, אז געוואוסט האָט ער פון גמרא, אז איוב איז ניט מעהר ווי א משל... קהלת אָבער האָט טאַקי געלעבט, געווען א מלך, און וויבאַלד אז אויך ער האָט געקענט זאָגען, אז הכל הבל, איז דאָס כדאי אריינצונעהמען אין זינען און זיך אראָפּנעהמען א מוסר...

אונזער שלמה פון דער ליטווישער שטעדטעל איז געווען אוי־סער א למדן, אויך א פרומער. פונדעסטוועגען איז ער ניט געווען צופריעדען מיט דער מיינונג פון יענע תלמידי חכמים אין גמרא, וועלכע האָבען געוואָלט דעם ספר קהלת באהאַלטען... שלמה דאַנקט גאָט, וואָס די דאָזיגע גזרה איז דעמאָלט ניט דורכגעגאַנ־גען... אין געוויסע פראַגען איז אונזער שלמה געווען א שטיקעל רעוואָלוציאָנער. מען מעג אמאָל הערען א צווייטענס מיינונג אויך... בפרט, אז קהלת איז פול מיט חכמה און אין חכמה קען, נאָך שלמה'ס מיינונג, ניט זיין קיין אפיקורסישעס... אפיקורסים זיינען בכלל שוטים... אזוי האָט שלמה געהאַלטען.

אמת, קהלת האָט געפרעגט: מי יודע? איז אויך ניט קיין

בײז! מען װײס טאַקי ניט — און װײבאַלד אַז עס קומען ספקות, װערן די געדאַנקען קלערער און דער גלויבען לײטערט זיך... װײבאַלד אַז מען װײס ניט, דאַרף מען טאַקי שטאַרקער גלויבען... און שלמה האָט זיך געריבען די הענט, געקנאַקט מיט די פינגער, און באַקעמפּט דעם „מי יודע". און אויף אַזאַ אופן האָט ער זיך טאַקי אויסגעקעמפּט אַ יענע װעלט.

על פּי דין האָט אונזער שלמה געדאַרפט אַרײנקוקען אין קהלת סוכות־צײט, װען דער בעל־קורא לײענט עס פאַר פאַר'ן עולם נאָך קריאת התורה. אָבער דער חשק צו קהלת איז בײ אונזער שלמה'ן צו שטאַרק געװען, אַז ער זאָל יוצא זײן אַרײנקוקען אין קהלת בלויז אײנמאָל אין יאָהר. ער פלעגט זיך האָבען אַ טבע דוקא אין מיטען שבועות בײ אקדמות לײענען, גראָד דאַן זיך פאַרטיפען אין קהלת. פלעגט איהם אַ שכן פון דער זעלבער באַנק אין בית־מדרש באַמערקען, אַז ער איז פאַרקראָכען, אַזש אין קהלת, פלעגט זיך שלמה פאַרשעהמען, זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט זיך טועה געװען. אָבער נאָכדעם װי דער שכן פלעגט זיך אָפּקעהרען, פלעגט ער װידער קוקען אין קהלת און זיך קװיקען מיט די אַלטע, אײביג נײע געדאַנקען, װאָס זײנען געװען אָנגעפּיקעװעט אין די עטליכע קלײנע זײטלאַך.

ניט אַלע געדאַנקען זײנען איהם גלײך געפעלען געװאָרען. עס זײנען געװען פסוקים, װאָס אפילו שלמה, דער ליעבהאָבער פון קהלת, האָט זײ קריטיקירט. למשל, די מײנונג װעגען די װײבער. שלמה אונזערער האָט זיך אפילו ניט געקענט באַריהמען מיט האָבען צו טאָן מיט אַ סך װײבער, װי יענער שלמה, אָבער זײן אשה האָט ער גוט געקענט, און זי איז דוקא געװען אַ װאַױלע אידענע... האָט איהם טאַקי פאַרדראָסען דער דאָזיגער פסוק, װאו יענער שלמה דערצעהלט, אַז פון טױזענד האָט ער קײן אײנע אַ גוטע ניט געפונען...

דערפאַר אָבער האָט ער יענעם שלמה'ן נאָכגעגעבען, אַז עס איז בעסער צו געהן אין הױז צו אַן אבל, אײדער אין הױז פון אַ בעל־שמחה... בײ אַן אבל געהט צו אָהן חניפה, און װאָס דו

זאָגסט איהם, זאָגסטו איהם פון ריינעם הארצען, און אפילו אז דו שווייגסט, איז ווי דו וואָלסט גערעדט די עהרליכסטע רייד... אויף אַ שמחה אָבער איז מען פאַלש, מען ווינשט זאַכען, וואָס זיינען נים געשטויגען, נים געפלויגען, און טיעף אין הארצען מאַכט מען חוזק פון דער בעל־שמחה, אָדער מען איז איהם מקנא, אָדער מען ווינשט איהם אין הארצען פונקט דאָס פאַרקעהרטע, וואָס מען זאָגט איהם מיט דער צונג...

די ליעבע פון אונזער שלמה צום ספר קהלת האָט ער גע־האַלטען בסוד... ער האָט עס געטאָן נים אוים מורא פאַר די שכנים זיינע אין בית־מדרש, נאָר אוים רעספעקט פאַר קהלת... זיי, די שכנים זיינע, זיינען טרוקענע אידען, און קהלת איז ביי זיי עפּיס אַ צוטשעפּעניש צו די פּיוטים, וואָס זיי זופען די גאַנצע צייט פון דאַוונען ווי קאַלטע לאָקשען... ער האָט נים געוואָלט פאַרשוועכען די שעהנקייט פון קהלת. אָבער אַמאָל פלעגט ער שוין ווערען צופיעל ענטציקט פון אַ פּסוק, אין וועלכען ער האָט ענטדעקט אַ שפּאָגעל־נייעם געדאַנק, פלעגט ער מיט אַ ציטערדיגען טאָן, און רויט־ווערענדיג, ווי אַ יונגער בחור'על וואָס געהט געבען דעם ערשטען קאָמפּלימענט אַ מיידעל, זיך ווענדען צו זיין שכן:

— איהר זיינט אַ מבין אויף דעם דאָזיגען פּסוק:

ושבח אני את המתים שכבר מתו... וטוב משניהם את אשר עדן לא היו...

דער שכן, וועלכער האָט דוקא פאַרשטאַנען דעם פירוש המלות, אָבער דער זינען פון די ווערטער איז איהם נים אָנגעגאַנגען, ווייל ביי איהם אין הויז האָט געוואַרט אויף איהם נאָכ'ן דאַוונען אַ גוטער יום־טוב'דיגער מאַהלצייט, האָט פון יוצא־ווענען אַ מורמעל געטאָן:

— יאָ... אַ מענש איז קיינמאָל נים צופריעדען, ר' שלמה... ער האָט זיך אודאי געהאַט וואָס צו באַקלאָגען, דער שלמה המלך... חוץ זיין שאַדען, אויף אַלע אידען געזאָגט געוואָרען...

און נים באַמערקענדיג די שלעכטע ווירקונג, וואָס זיינע רייד

האָבען געמאַכט אויף דעם היינטיגען שלמה׳ן, האָט ער ווידער געפּלאַפּעלט:

— דער חזן האָט היינט זיך אַזוי געציקעלט, אַז מען וועט אַרויס פון בית־מדרש אַרום איינס... עס ציהט אין האַרצען...

האָט שלמה זיך דערפיהלט ווי אַן אָפּגעבריהטער. אָבער באַלד האָט ער זיך פאַרטיעפט אין קהלת און זיך געטרייסט מיט אַ פּסוק, וואָס ער האָט אויסגעפונען, וועלכער האָט זיך צוגעפּאַסט פאַר׳ן שכן דעם שוטה...

אלעלויא

דאָס איז שוין נעווען לאַנג. אָבער גראָד איצט זעה איך עס, ווי עס וואָלט פאַר מיינע אויגען געשטאַנען; הער איך עס, ווי עס וואָלט אין מיינע אויערען געזשומט...

איך בין דעמאָלט א אינגעלע געווען. אָבער ערב פּסח איז עס געווען. האָב איך מיך געפיהלט ווי א גרויסער. אין אָווענט האָב איך צו פרעגען פיער קשיות און וויכטיגע קשיות. אלע וועלען זיצען און שווייגען און איך וועל פרעגען. לאַכען וועל איך ניט. כאָטש דאָס קלינגט ווי א שפּיעל. אָבער מיט פיער קשיות שפּיעלט מען זיך ניט... איך וועל זיין ערנסט און זאָל דער טאַטע זעהען, וואָס פאַר א מענש איך בין געוואָרען איבער'ן ווינטער.

ס'איז נעווען גוט. דער טאָג פון ערב פּסח איז געווען א שעהנער, א זוניגער. אמת, ביי בערגעלדיגע הויפען זיינען נאָך געלעגען פאַרהאַרטעוועטע שטיקלאך שנעע, וואָס די זון האָט נאָך ניט נעקענט בייקומען. געדאַכט האָט זיך אָבער, אז זי האָט זיי ניט געוואָלט בייקומען. עס האָט ניט געפּאַסט פאַר איהר אָפּ־צוגעבען זיך מיט אזוינע ברודיג געוואָרענע פאַרהאַרטעוועטע שטיק־לאך שנעע... זיי וועלען פון זיך אליין צוגעהן און עס וועט פון זיי קיין זכר ניט בלייבען... דאָס האָב איך געוואוסט אויף זיכער...

אך, עס איז נעווען א שעהנער ערב פּסח און פאַרנאַכט איז נאָך שעהנער געווען. די זון האָט זיך אראָפּגעקייקעלט פּאַמעלעך, פּאַמעלעך הינטער'ן וואלד, וואָס האָט זיך געפונען ווייט אין עק

נאָס, וואו אונזער שטיבעלע איז געשטאַנען, אזוי פּאַמעלעך, אזוי פאַרזיכטיג, ווי זי וואָלט מורא האָבען, ביים אָראָפּנידערען, ניט צוברעכען זיך... מיר איז געווען גוט און שעהן און עס וואָלט נאָך בעסער און שעהנער געווען, ווען מיין געלערנטער טאַטע וואָלט ניט אויסגעשריבען אזש פון פעטערבורג די לשון־קודש'דיגע צייטונג, וואָס קומט צו אונז אָן אַלע טאָג, אַלע טאָג, אַ פיערטעל צו איינס, אויף אונזער אַלטען וואַנט־זייגער...

דער טאַטע פלעגט די דאָזיגע לשון־קודש'דיגע צייטונג היטען, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. ערשטענס, האָט ער זי ליעב געהאַט, ווייל ס'איז געווען אויף לשון־קודש, און צווייטענס, האָט ער געהאַט נאָך צוויי שותפים צו איהר און די שותפים האָבען עס געמוזט באַקומען פריש, ריין און ניט שטאַרק אויסגענוצט. לעזענדיג זי, פלעגט ער זי האַלטען ביי די ברעגען, ווי מען האַלט אַ שטיקעל זיידענס...

אָבער אַז ער פלעגט זיך אָפּקעהרען, פלעג איך, קליינער איינגעלע, זיך אַ כאַפּ טאָן צו איהר. איך האָב שוין געקענט אַ האַלבען תנ"ך און געוואוסט אַ כך טייטש־ווערטער... אַ סך ווערטער האָבען מיר אָבער געפעהלט. פלעג איך לעזען און דאָס רוב ניט פאַרשטעהן און טאַקי מעהר הנאה האָבען פון די ווערטער וואָס איך האָב נ י ט פאַרשטאַנען.

יענעם ערב פסח אָבער איז דער טאַטע אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער... האָט עס מיך געוואונדערט. אַלע קינדער זיינען דוקא געווען געזונד. די תבואה, וואָס ער האָט אָנגעקויפט פאַר'ן ווינטער, האָט ער שוין פאַרקויפט מיט אַ וואָך צוריק, און ווי איך האָב געהערט—אָהן היזק... דער וויין, וואָס ער האָט נעכטען גע־בראַכט פון ישראל דעם ווײנהענדלער און גלייך פאַרזוכט, איז געווען זיס ווי האָניג. די מאַמע האָט אויך אָנגעזאָגט, אַז זי האָט דעם פסח פאַר פול. עס פעהלט איהר נאָך אפילו אַ פסח'דיגער שמעקען פאַר דער גרויסער ווילקע, נאָר זי וועט זיך באַגעהן מיט דעם שמעקען, וואָס זי האָט צו דער קלענערער ווילקע. זי וויל ניט זאָרגען...

מאַ וואָס־זשע נעהט דער טאַטע אַרום אַזוי צוטראָגען?

האָב איך גראָד געכאַפּט די לשון־קודש'דיגע צייטונג, וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש איינע אַליין, ווען דער טאַטע האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעקעהרט.

מײַנע בליקען זיינען באַלד געפאַלען אויף צוויי ווערטער, פון וועלכע איך האָב שוין געוואוסט דעם „טייטש"... פּרעות בישראל... דאָס וואָרט „פּרעות" האָב איך נאָך געדענקט פון שופטים... אַ שווערער וואָרט געווען אפילו אין חדר... אין דער לשון־קודש'־דיגער צייטונג האָט עס נאָך הארבער און מורא'דיגער געקלונ־גען... דער רבי אין חדר האָט אונז געטייטשט פּרעות „ברעך־כונגען", אָבער אין דער לשון־קודש'דיגער צייטונג האָט עס גע־זאָלט זיין אַ פּאָגראָם... פּרעות בישראל — פּאָגראָמען אויף אידען...

הייסט עס, אַז דער טאַטע ווייסט עס און ישוב'ט זיך צי דערצעהלען, צי ניט דערצעהלען...

געדענקט האָב איך, אַז די פּאָגראָמען זיינען זעהר וויט... אין שטאָדט האָט געהייסען יעליסאַוועטגראַד... איך האָב קוים געגלויבט, צי געפינט זיך באמת אַזאַ שטאָדט... אָבער, אַז די צייטונג שרייבט פּרעות בישראל, איז אַן אמת... עס איז טאַקי זעהר טרויעריג. ווען ניט דאָס, וואָלט דאָך געווען אַזוי גוט... אַלץ האָבען מיר שוין: ווײַן, מצה. קנײַדלעך וועט דאָך זיכער זיין. דער וועטער, ווײַזט אויס, וועט זיין שעהן אַ גאַנץ יום־טוב... נים האָב איך שוין אויך... ניט מעהר, דער פּרעות בישראל פאַרשטערט אונז אביסעל די שמחה.

אַזאַ שאָד, אַזאַ שאָד!...

ערשטענס, איז אַ רחמנות יענע ווייטע אידען, און צוויי־טענס, קען דאָך אַזאַ מעשה אויך ביי אונז פּאַסירען.

איין גוי, האָב איך זיך געטרייסט, איז דאָך אונזערער אַ שכן. ער וועט עס זיכער ניט טאָן... די ביסעל גוים, וואָס וואוינען ווייטער אין אונזער גאַס, זיינען אויך ניט קיין שלעכ־טע... דערצו פאַלט גראָד אויס זייער פּסח מיט אונזער פּסח

צוזאמען... זיינען מיר דאך שוין שטיקלעך מחותנים... אט קלינגען די גלאקען אין קלויסטער... אט רופט דער שמש: אין שוהל אריין... אבער מחותנים זיינען מיר דאך.

און ווידער טרייסט איך מיר, אז דער רב טראגט אזא מין זופעצע ווי, להבדיל, דער גלח... שווארץ,ברייט און לאנג... דער רב געהט אין מיטען וואך מיט א שטעקען, אויבען מיט א זילבערנער גאלקע, און דער גלח, להבדיל, אויך... ביידע האבען גרויע לאנגע בערד... פאר וואס זאל איך מורא האבען?...

אט איז שוין דער סדר... די כוסות זיינען אנגעגאסען, אין דעם רויטען ווין שפיגעלט זיך אפ דער פייער פון לאמפ און די פייערלעך פון די פיער ליכט, וואס די מאמע האט געצונדען... ווין מיט פייערען... דער טאטע הויבט שוין אן פראוועם דעם סדר. ער ברעכט שוין אפ א האלבע מצה און באהאלט. עס וואלט געוועזן א יושר ארויסצו'גנב'ענען דעם דאזיגען אפיקומן. אבער איך טו עס ניט... פרעות בישראל!... דרויסען טראגט זיך א רויש... נייך, דאס דאכט זיך מיר בלויז... דאס רוישט די שטילקייט אין גאס... דער יום־טוב פון צוויי פעלקער... ביי ביידען איז יום־טוב...

* * *

די ערשטע העלפט פון הגדה איז שוין אפגעזאגט. מיר האלטען שוין ביים הלל. אבער דא דערהערט זיך א געזאנג...

— שששש... — רופט זיך אן דער טאטע... און שטרענגט אן די אויערען אויפצוכאפען פון וואנען דאס געזאנג קומט...

די מאמע קוקט דורך די שויבען אין גאס ארויס... דער אבענד איז א ליכטיגער.. די לבנה איז דא אין איהר פולקייט און העלקייט...

— איך ווייס, — ערקלערט די מאמע און שמייכעלט מיט איהר גוטען שמייכעל... — דאס זינגען די שיקסעס פון עק גאס ביים שכנ'ס פענסטער... אזא מנהג... אלע „זייערע" פמד'ס זינגען זיי און מען טראגט זיי ארויס אייער א מתנה...

איך ווער פערגאפט... הער זיך צו צום געזאנג און גלויב נישט מיינע אייגענע אויערען...

אלעלויא..

— מאמע! — שריי איך אויס — זיי זינגען דאך אלעלויא...

דער מאמע שמייכעלט צופריעדען. ער ווייס וואס דאס בעדייט:

— אלעלויא איז דאס זעלבע וואס הללויה...

— פון הלל?... — פרעג איך און פיהל מיך בארוישט פון אזא גדולה...

— געוויס... דערזעלביגער הללויה...

די מאמע ווערט אויך שטאלצער. זי קוקט ווידער ארויס אין פענסטער און דערקענט די דריי שיקסעס... אלע איהרע באקאנטע... פון עק גאס... זי קומט צו זייערע היימען אפט קויפען גרינס, מאהן און אנדערע סחורות...

— זיי וועלען נאך קומען צו אונזערע פענסטער אויך... — זאגט די מאמע. — באקאנטע שיקסעס...

אזא גליק גלויבט זיך מיר ניט... אויב זיי וועלעןווירקליך קומען צו אונזערע פענסטער און וועלען זינגען הללו־יה, איז דאך שוין אויס מיט פרעות בישראל...

און די מאמע האט געטראפען... באקאנטע שיקסעס מיט קלינגענדיגע שטימען זיינען אין א ווייל ארום צוגעקומען צו אונזערע פענסטער, און עס האט געקלונגען א געבעט אין א פרעמ־דען נאהענטען לשון: און געענדיגט יעדען פערז מיט אלעלויא...

די מאמע האט זיי דורכ׳ן פענסטער דערלאנגט פיער אייער... איך האב געכאפט אויף די שיקסעס א בליק... שעהנע, יונגע שיקסעס געווען...

איך זעה זיי איצט שטעהן פאר אונזער שטיבעל דארט און אין די אויע.. קלינגט מיר זייער אלעלויא...

זאל איך נאך מורא האבען? —

אלעלויא... הללויה...

די חלוקה

ליבע איז אַ איד, וואָס זאָגט אַלע שבת־צו־נאַכט ויתן לך מיט דער גרעסטער כונה. איבערהויפּט אָבער פאַרגלאָצט ער די אויגען ביי „שזרענו וכספּנו ירבה כחול" און מען מוז מודה זיין, אַז וואָס איז נוגע דעם וזרענו האָט איהם דער רבונו של עולם צו־געהערט, — קינדער האָט ער געהאַט אַ סך. אַמאָל, אַז דער קאָפּ איז איהם נעגאַנגען חאָדאָראָם פון פיעלע פּלענער וועגען פּרנסה און איינער פּלעגט איהם גראָד דעמאָלט אַ פרעג טאָן: ליבע, וויפיעל קינדערלעך האָסטו? פּלעגט ער מוזען זיך גוט אָנשטרענ־גען אום צו דערגעהן די ריכטיגע צאָהל, און דאָס רוב פּלעגט ער זיך טועה זיין, און דעם צווילינג רעכענען פאַר איינס...

אָבער ביי אַ רוהיגער צייט האָט ליבע געוואוסט דעם חשבון פון זיינע קינדער גענוי. אַכט מיידלעך און פיער איינגלעך, ס'הייסט ליבע האָט פאַרמאָגט צוועלף קינדער.

וואָלטען זיי אַלע זיהן געווען, וואָלט דאָס געווען כנגד די צוועלף שבטים, און ליבע, אַלס פרומער איד, וואָלט עס געהאַלטען פאַר אַן אצבע אלקים. די אַכט טעכטער אָבער האָבען איהם דעם דאָזיגען רמז קאַליע געמאַכט, און ליבע, און אפילו ליביכע, האָבען די דאָזיגע ברכה פון גאָט ניט שטאַרק מקבל באהבה געווען...

נאָר אַז נאָט ניט קינדער, גיט ער שוין אויך פאַר די קינדער; דערצו איז ליביכע אַ אידענע אַ בריה און זי מאַרקירט

שטענדיג אוים, אז די קינדער זאָלען האָבען אַלע טאָג אביסעל געקעכטס. שבת און יום־טוב איז אויך דאָ א שטיקעלע פלייש.

לייביכע וואָלט קיינמאָל ניט געקענט ביי איהר גרויסען דלות אַנקאָרמענען אזא געזינדעל, ווען זי זאָל יעדעם קינד דאַרפען אויסטיילען באזונדער א חלק. ווי גרוים איהר טאָפּ איז ניט געווען, וואָלט קיין פערציהן טעלער אַלץ ניט אַרוים פון איהם; שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס אין לייבע'ס גבול האָבען זיך קיין פער־ציהן טעלער ניט געפונען...

לייביכע האָט דערפאַר געשפּייזט איהר גרוים געזינד אויף איהרען אַן איינען־ערפּונדענעם שטייגער. די קינדער האָבען גע־געסען אַלע צוזאמען. ניטאָ קיין טיילען! אַז מען טיילט איז ניט מזל'דיג! אין איינעם איז מעהר מזל ברכה! און מען האָט מאַנכמאָל געזעהן באַשיינפּערליך, אַז אין דער גרויסער שיסעל געהט אַריין אליהו הנביא. די קינדער שעפּען פון איהר און שעפּען און עס נעהמט זיך גאָר ניט אוים.

ווער רעדט דאָס שטיקעל פלייש אום שבת און יום־טוב איז אודאי ניט געטיילט געוואָרען. לייביכע האָט דאָס שטיקעל פלייש מיט גרוים בריה'שקייט צופּעדעמט אין א גרויסען טעלער און די קינדער האָבען אַלע, ווי אונטער א קאָמאַנדע, די עלטערע מיט גאָפּלען, די אינגערע מיט די הענט, גלייך זיך א וואָרף געטאָן. אמאָל פלעגען א פּאָר קינדער, ניט שטאַרק פלינקע, אַרויסנעהמען פון טעלער די הענד אין ליידיגען, האָט דעמאָלט יעדער געמוזט צוריק די פלייש אַריינלעגען אין טעלער און לייביכע פלעגט די לענגערע פעדים ווידער צופּעדימען און דאַן האָט שוין יעדער, סיי דער פלינקער און סיי ניט דער פלינקער, עפּים פון טעלער באַקומען. מאַנכמאָל איז געווען דער חלק אזוי דין, אַז ער פלעגט בלייבען אָנגעקלעפּט אויפ'ן פינגער און דאָס קינד פלעגט דעם דאָזיגען חלק מוזען פון פינגער אַראָפּלעקען. אָבער א חלק פלייש האָט עס דאָך באַקומען.

צרות איז געווען מיט'ן יום־טוב סוכות. די סוכה, וואָס לייבע האָט געמאַכט, האָט בלויז געקענט אַריינגעהמען די זכרים,

די אכט נקבות מיט לייביכע'ן האבען געמוזט בלייבען אין שטוב.
און לייביכע'ן איז דער קאפ שיער ניט צושפאלטען געווארען.
— ווי אזוי טיילט מען איין דאס עסען, ווען דאס געזינד איז צוטיילט אין צוויי מחנות?
מילא צו דער זופ איז דא אן עצה. נאך א קווארט וואסער און עס וועט קלעקען אלעמען... אבער מיט'ן פלייש? ווי אזוי טיילט מען איין דאס פלייש?
און לייביכע בעט גאט אויף רעגען:
— רבונו של עולם, — גיב עפּיס א גוטען רעגען און די זכרים זאלען פטור זיין פון מצות־סוכה!...
איז גאט אמאל ניט שטארק באשעפטיגט אין הימעל, דער־הערט ער לייביכע'ס געבעט און גראד בשעת מען דארף געהן עסען אין סוכה, הויבט אן גיסען א גוס רעגען.
בעלי־בתים זיינען דעמאלט בייז, קוקען צום הימעל מיט רוגזא און פאראיבעל: דער רבונו של עולם פארשטערט זיי דעם סוכות...
די נארישע פארמעגליכע בעלי־בתים ווייסען ניט, אז דאס וואס פאר זיי איז ניט ניחא, איז א גליק פאר לייביכע'ן: זי זאל ניט דארפען טיילען די חלקים פלייש.
אבער ניט אלע מאל פיהרט לייביכע אוים ביי גאט.
לייבע רוקט זיך מיט זיינע זיהן אין סוכה. די ערשטע גע־ריכט און די זופ באקומט ער צו דער צייט, אבער צו די פלייש פארלירט ער דעם געדולד. ער זינגט שטיקלעך יום־טוב'דיגע זמירות, די „אושפיזין“, באמקעט סתם צו פארשיעדענע ניגונים, וואס באמבלען זיך איהם נאך פון די ערשט־פארגאנגענע ימים־נוראים און דאס פלייש איז נאך אלץ ניטא.
לייביכע קען בשום אופן דארט אין שטוב ניט צוטיילען דאס פלייש. עס לאזט זיך ניט, עס געהט ניט!
ענדליך ווערט זי בייז און שרייט אוים מיט כעס צו דער עלטערער טאכטער:
— נא, נעהם דאס גאנצע פלייש און טראג אוועק אין סוכה — איך האב ניט פון וואס צו טיילען...

און ליבע מיט די זיהן אין סוכה דריקען די פלייצעס און וואונדערען זיך:

— עפּיס א סך פליש! א ברכה פון גאָט!

און ביים בענשען, אז עס קומט צו „הוא יברך את אשתי"— טראַכט ליבע מיט תענוג:

— א בריה א אידענע, לעבען זאָל זי — זיך פאָרט אן עצה געגעבען!...

די פאַרביטענע פענסטער

דאָס איז געווען אַ גרויסער בית־מדרש מיט פענסטער אין דריי זייטען. זעליג, אַ זיבעצעהן־יעהריגער בחור'ל, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל ארויסגעפאָהרען פון זיין אָרימער היים צו לערנען דאָ, האָט די ערשטע צייט שטאַרק געבענקט נאָך זיין היים, נאָך די לעבעדיגע מענשען און נאָך דעם קליינעם שטיבעלע, וואו די לעבעדיגע געפינען זיך. קיין וועג צוריק איז אָבער ניט געווען. ערשטענס, טאַקי די הוצאות אַליין. עס דאַרף קאָסטען אודאי ביי אַ האַלבען קערבעל צו פאָהרען מיט די בעלי־העגלות, ווער רעדט מיט דער באַהן קען עס אַריינטרייבען ביז פינף גילדען. שפּעטער וועט ער אפשר קריגען דאָ אַ פּרנסה — ארומגעהן פרייטאָג „אויף ספרים" פאַר'ן בית־מדרש, וואָס דערפאַר באַקומט מען צעהן קאָפּיקעס יעדען פרייטאָג. דאַרף ער זיך ערשט איינקויפען אין לאַסקע ביים גבאי, און ווי אזוי דאָס צו טאָן, ווייס ער נאָך ניט. און צווייטענס, ווען ער זאָל שוין אפילו האָבען אויף הוצאות, איז נאָך אויך אַ פראַגע צי מעג ער צוריק פאָהרען. געשיקט האָט איהם דער טאַטע אהער מיט דער כונה, ער זאָל ווערען אַ למדן און אפשר טאַקי אַ רב, און ער האָט איהם געגעבען אָנצוהערעניש, אַז פריהער ווי אין אַ יאָהר ארום זאָל ער ניט קומען.

— נישקשה, מיין זוהן, — האָט ער איהם פאַר'ן פאָהרען געזאָגט, — וועסט האָבען גוטע „טעג" און דו וועסט ניט דאַרפען בענקען נאָך דער היים.

מיט די „טעג“ האָט טאַקי דער טאַטע געטראָפען. דאָס שטעדטעל איז דוקא ניט קיין אָרימס געווען און „טעג“ איז געווען לרוב, א שאָד בלויז, וואָס א וואָך פארמאָגט בלויז זיבען טעג. צוליעב די בעלי־בתים, וואָלט א וואָך געמעגט פארמאָגען הונדערט טעג, וואָלטען זיך אויך געפונען בעלנים צו געבען זעליג׳ן א טאָג... אָבער ניט געטראָפען האָט דער טאַטע מיט׳ן בענקען. זעליג האָט געבענקט אָהן אויפהער אַהיים און ער פלעגט זיך אַמאָל אין מיטען לערנען מוזען אָפּרייסען פון גמרא, זיך איבערגעהן איבער׳ן גרויסען בית־מדרש און טראַכטען פון דער היים.

אזוי ווי דער בי־מדרש האָט פאַרמאָגט פון דריי זייטען פענסטער, פלעגט זעליג ליעב האָבען אַוועקשטעלען זיך ביי איי־נעם פון די פענסטער און קוקען ווייט ערגיץ אַהין, וואו זיין היים געפינט זיך. שפעטער האָט ער זיך געכאַפּט, אז ער קען אויס־רעכענען מיט א חשבון וואו עס דאַרף ערגיץ ליגען דאָס שטעד־טעלע זיינס, און נאָכדעם וועט ער שוין קענען דערגעהן, וואו דאָס שטיבעלע זייערס געפינט זיך און אויף אזא אופן וועט ער זיך קענען שטעהען ביים פענסטער און זעהן אזוי ווי פאַר די אויגען זיין היים.

לויט זיין חשבון איז אויסגעקומען, אז אַרויסגעפאָהרען איז ער פון דער גאַס רעכטס, נאָכדעם האָט מען זיך גענומען לינקס און נאָכדעם ווידער רעכטס. הייסט עס, אז ווען ער קוקט דורכ׳ן פענסטער פון דער דריטער וואַנט, וואָס געפינט זיך אין דרום־זייט, וועט ער ציעלען מיט זיין בליק ביז אין שטיבעל אריין. מעג עס ליגען פאַר הונדערט וויאָרסט, אבי ער ווייסט וואו עס ליגט, זעהט ער עס שוין. דער עיקר איז נאָר צו מאַכט ער קיין טעות ניט אין חשבון. צי ליגט טאַקי ניט דאָס שטיבעלע אין דער און אין דער זייט.

ער האָט די ערשטע פאַר וואָכען געהאַט דערין גרויסע ספקות. אָפט האָט זיך איהם גענומען דאַכטען, אז ווען ער קוקט דורכ׳ן פענסטער אין דער וואַנט פון צפון־זייט, וואָלט ער זיכערער מיט׳ן בליק געטראָפען צום שטיבעלע אין דער היים. אָבער ווי באַלד,

אז ער האָט שוין אזוי אָפּגעקוקט א לענגערע צייט, איז ער ענדליך פעסט געוואָרען ביי זיך און געגלויבט באמונה שלמה, אז נאָר דורך דעם פענסטער קען זיין בליק גרייכען צום שטיבעלע און נאָר אין יענער ריכטונג געפינט זיך עס.

פלעגט ער אמאָל, איבערהויפּט, ווען אין ביתמדרש איז שטיל געוועו און ליידיג פון באַזוכער, אָפּשטעהן ביי דעם דאָזיגען אויסגעוועהלטען פענסטער שעה'ן און קוקען ווייט איבער די דעכער פון שטעדטעלע, איבער'ן קלויסטער, איבער'ן שווארצען וואלד און אמאָל איבער די ווייסע וואָלקענס... און ווי ער האָט דאָס אַלץ אריבערגעקוקט, האָט ער שוין דערגרייכט זיין שטעדטעל, נאָכדעם דאָס געסעל און גלייך דאָס שטיבעלע.

יא, דאָס איז זי, מיט די צוויי קליינע פענסטער צום פאָרענט און מיט דער פּריזבע פון אונטען. און אָט געהט ער אריין אינווייניג און דערזעהט דעם פיער־קאַנטיגען טיש מיט דער לאַנגער באַנק ביי דער אָפּגעקאַלכטער וואַנט און פון פאָרענט פון טיש דעם טאַבורעט, געפארבט אויף רויט, דער יחסן פון שטוב, דער־פאַר וואָס ער איז דער איינציגער געפארבט... פון דעם טאַבורעט, דעם יחסן, געהט ער איבער צום גרעסערען יחסן, צום וואַנט־זייגער, וועלכער „שטעהט" שוין זינט ער געדענקט און נאָר צו־ליעב שעהנקייט וועגען העננט ער אויף דער וואַנט און אַלע פרייטאָג פוצט די שוועסטער אָפּ זיין ציפערבלאַט און שייערט אויס די מעשענע וואָג [illegible]זאַמען מיט די לייכטער... און ערשט, ווען זיין בליק זעטיגט זיך אָן מיט די אַלע ליעבע מעבעל און חפצים פון שטיבעל, הויבט ער אָן צו באַטראַכטען די לעבעדיגע נפשות. דעם טאַטען, די מאַמען, די שוועסטער און דאָס קלענערע ברודערעל, מיט וועלכען ער פלעגט זיך אין דער היים קריגען, אָבער דאָ, דורכ'ן פענסטער פון בית־מדרש, לעבט ער מיט איהם בשלום און ווינשט איהם אַלדאָס גוטס...

אזוי האָט זיך עס געצויגען א האַלב יאָהר ביז איבער די יום־טובים. אין די יום־טובים האָט זיך זעלינ'ס בענקשאַפט נאָך פאַר־

גרעסערט און דאָס פענסטער אין דער דרום־וואַנט איז איהם נאָך טייערער געוואָרען. דורך איהם האָט ער געזעהן זיין שטיבעל און הויזיגע אין זייער יום־טוב׳דיגען גלאַנץ און פּראַכט.

נאָך סכות זיינען אָנגעקומען נייע בחורים׳לעך פון פאַרשיעדענע ארומיגע שטעדטלעך, צווישען זיי האָט זיך געפונען איינער, וואָס איז שוין „אויסען“ געווען אין אַ וועלט מיט שטעדט און אפילו אין זעליג׳ס שטעדטעל האָט ער אויך געלערנט. דער דאָזיגער ישיבה־בחור, וועלכער האָט זיך גערופען דער „איוויער“, אויפ׳ן נאָמען פון זיין שטעדטעל, איז זעליג׳ן געווען טייערער פון אַלע, כאָטש קוים וואָס ער געדענקט איהם פון דער היים. יענער אָבער פאַרזיכערט איהם, אַז ער קען זעליג׳ס טאַטען און ווייסט זייער גאַס און זייער שטיבעל און אַלץ מיט אַנאַנדער.

האָט איינמאָל דער איוויער באַמערקט, ווי אַזוי זעליג שטעהט נאָכאַנאַנד און קוקט אריין אין דעם געוויסען פענסטער. האָט ער איהם געפרעגט:

— וואָס זעהסטו דאָרטען אַזוינס?

— עס רעגענט... — האָט זעליג איהם אָפּגעענטפערט, כדי ניט צו ענטדעקען איהם זיין סוד.

דער איוויער אָבער האָט נאָכגעפאָרשט ווייטער:

— און אַז ער רעגענט איז וואָס? דו זאָג מיר דעם אמת.

די שאלה איז געשטעלט געוואָרען מיט אַ געוויסער שטרענגקייט, אָבער אויך האָט זי געקלונגען מיט אַ [illegible] פון חבר׳שאַפט. זעליג האָט זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטען, און ער האָט איהם אַ ביסעל רויט ווערענדיג, פאַרטרויט זיין סוד:

— דורך דעם פענסטער זעה איך די היים.

— ווי אַזוי? — האָט דער איוויער מיט אַ שמייכעל געפרעגט.

— אדרבא, רעכען אויס...

און זעליג האָט איהם געמאַכט דעם חשבון, ווי אַזוי ער איז געפאָהרען דעם וועג פון דער היים פריהער רעכטס, דערנאָכדעם לינקס און דערנאָכדעם ווידער רעכטס, און נאָך זיין חשבון קומט

אוים, אַז אָן דאָרטען אין דרום זייט געפינט זיך זייער שטיבעל...

דער איוויער האָט עס אויסגעהערט, זיך שטאַרק פאַרטיעפט, ווי ער וואָלט האָבען פאַר זיך אַ שווערען רעכנונג און ענדליך האָט ער באַשלאָסען:

— דו האָסט, ברודער, אַ טעות... אויב דו ווילסט „ציי־לעווען" מיט דיין בליק צו אייער שטיבעל, דאַרפסטו קוקען דוקא אין יענער זייט פענסטער... זעהסט אָט דאָ אין צפון־זייט... דאָרטען ליגט עס...

— ביזטו זיכער... — האָט זעליג טרויעריג איבערגע־פרעגט...

— זיכער ווי גאָלד!

זעליג איז צוגעגאַנגען צו אַ פענסטער וואָס האָט זיך געפונען אין צפון־וואַנט פון בית־מדרש. ער האָט אָבער בשום אופן דורך דעם פענסטער ניט געקענט אַרויסרופען אין זיין פאַנטאַזיע דאָס בילד פון זייער שטיבעל. פאַר די אויגען איז איהם געווען אַלץ פאַרצויגען.

און אַז דער איוויער האָט זיך אָפּגעקעהרט, האָט זיך זעליג אַנידערגעשטעלט צוריק ביי יענעם פענסטער, דורך וועלכען ער האָט אַ האַלב יאָהר אַרויסגעקוקט, און כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט עס על־פּי טעות אויסגעקליבען, אָבער ער האָט דורך איהם געזעהן זיין שטיבעל און אַלץ וואָס געפינט זיך אין איהר קלאָר און בולט... צי עס איז ריכטיג, צי ניט — איז איהם ניט אָנגעגאַנגען... אַבי ער זעהט...

דער כשר׳ער

עס איז געווען אַן אונרוהיגער ווינטער. פון איין זייט האָבען די ארבייטער־פיהרער צולאָזט די הענד און פאַרשפּרייט זייער טהעטיגקייט, וואו עס האָט זיך געלאָזט און וואו עס האָט זיך ניט געלאָזט. אַגיטאַטאָרען פון כל המינים אין דריי־רובעלדיגע שווארצע פּאַלערינען אויף די אַקסלען, האָבען זיך געוויזען אין די ווארשעווער גאַסען אין אַ גרעסערער צאָהל ווי אימער און האָבען זיך געוואָרפען שוין צופיעל אין די אויגען. די קרייזלאך, וואו מען האָט געלערנט מיט דערוואַקסענע בחורים און מיידלאך באַגדאַנאָוו'ס פּאָליטישע עקאָנאָמיע און טאַקי אַ בלעטעל מארקס אויך, האָבען זיך געמעהרט און זיינען געוואַקסען ווי שוואַמען נאָך אַ רעגען. מען האָט גענומען סטרייקען ביי אַזוינע פאַכען, ביי וועלכע די קלענסטע פאָדערונגען זיינען געווען געפעהרליך — און די העכערונג פון איין גילדען שכירות האָט געדראָהט, אַז די דאָזיגע אינדוסטריען זאָלען רואינירט ווערען אויף אייביג. אַזוינע מינים אינדוסטריען זיינען דאָס געווען! אָבער מען האָט ניט געסטרייקט צוליעב עקאָנאָמישע מאָטיווען, נאָר צוליעב פּאָליטישע. דער ציעל איז געווען אויפצואוועקען דאָס באַוואוסטזיין אין ארבייטער און פאַרבעריימען איהם צו גרויסע קעמפע. די דאָזיגע סטרייקען האָבען מעהר געטראָגען דעם כאראקטער פון מאַנעווערעס, וואו מען

שיסט אָהן קוילען, נאָר מיט אזא מין פּולווער, וואָס מאַכט אָן אַ רויך און אַ ליאַרם, ווי אויף אַן אמת'ע מלחמה.

פון דער צווייטער זייט האָט די מלוכה ניט געשוויגען און האָט זיך אָנגענורט די לענדען די דאָזיגע געפעהרליכע שטרעמונגען אונטערצודריקען. אין גאַס האָבען זיך אַרומגעדרעהט פאַרשיעדענע מינים שפּיאָנען מיט בערד און אָהן בערד, מיט גרויסע לאַנגע וואָנסעס און מיט קליינע קורצע וואָנסעלאַך. זיי זיינען נאָכגעגאַנגען מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט יעדען, וואָס האָט נאָר געטראָגען אַ פּאַלערינע. מאַנכע פון די שפּיאָנען אַליין, אום צו פאַרשטעלען זיך פאַר רעוואָלוציאָנערען, האָבען אויך אָנגעהויבען טראָגען פּאַלערינעס און עס האָט פּאַסירט, אַז איין שפּיאָן אין אַ פּאַלערינע איז נאָכגעגאַנגען אַ צווייטען שפּיאָן אין אַ פּאַלערינע, ביז זיי זיינען ביידע צוגעקומען אין אַ פינסטערער געסעל. דאָרטען האָבען זיי זיך אָנגעקוקט פּנים אל פּנים, זיך דערקענט און ביידע, איינע אויף די אַנדערע אויסגעשפּיִיט...

עס איז געוועזען אַן אינטערעסאַנטע נערוועזע, אונרוהיגע צייט.

ווער איז דאַמאָלס געווען טעטיג? יעדער, וואָס האָט געהאַט אַ פונק אין הארצען, האָט דעם דאָזיגען פונק געוואָלט טראָגען צו די פינסטערע מאַסען. פון די אַלע פונקען האָט געזאָלט אַרויסקומען דער אמת'ער פלאַם, וואָס זאָל באַלויכטען די גאַנצע לאַנד און אפשר טאַקי די גאַנצע וועלט, די גאַנצע מענשהייט...

באָרים ביילין, אַ בחור פון אַ יאָהר דרייסיג, אַ העברעאישער לעהרער, האָט דעם דאָזיגען פונק אויך פאַרמאָגט. ליידער האָט זיין פּראָפעסיע איהם געשטערט אַריינצוואַרפען זיך אין גאַנצען אין דער באַוועגונג. כאָטש ער האָט יעדען טאָג זיך געטראָפען מיט דער בורזשואַזיע פּנים אל פּנים, אַ דאַנק די צוויי לעקציעס, וואָס ער האָט געהאַט ביי די צוויי גבירים, און ער האָט מיט די איינענע אויגען געזעהן, ווי אַזוי דאָס רייכטום איז ניט גלייך צוטיילט — האָט ער דאָך פון דער צווייטער זייט ניט געהאַט אין הארצען קיין דירעקטע שנאה צו די רייכע. די מענער האָט ער קיינמאָל אויף זיינע לעקציעס ניט געטראָפען. זיי זיינען בייטאָג

געווען פארנומען מיט זייערע געשעפטען. וואס אנבאטרעפט די פרויען, די רייכע מוטערס פון די רייכע שילערס, זיינען זיי געווען אזוינע עדעלע און צארטע, אז דער גוטער בארים ביילין האט זיך נאר ניט געקענט פארשטעלען, ווי אזוי וועלען זיי קענען ביי א גייער ארדנונג אליין עפּיס ארבייטען... קוקענדיג אויף זייערע מאט־בלאסע געזיכטער מיט די טרוימערישע אויגען פלעגט איהם קומען אין קאפּ דער פסוק פון תנ״ך: הרכה והענוגה... און דאס הארץ האט איהם פארדריקט דערמאנענדיג זיך, אז אט די עדעלע, מאט־בלאסע דאמען וועלען אמאל ביי דער סאציאלער רעוואלוציאן מוזען וואשען די טעפּ און טאן אנדערע שווערע ארבייט...

דערפאר האט ער זיך ניט געמישט אין דער באוועגונג. ער האט זיך באנוגענט דערמיט, וואס ער האט געהאט ראדיקאלע גע־דאנקען און פלעגט זיי פון צייט צו צייט ארויסזאגען פאר גע־צעהלטע מענשען, ווען ער איז געווען אין גאנצען באווארענט, אז צווישען זיי זיינען ניטא אזעלכע, וואס זאלען עס איבערגעבען אין דער עפענטליכקייט.

צווישען די דאזיגע באקאנטע זיינע איז געווען איינער ליפמאן, א מאן פון עטליכע און דרייסיג יאהר, מיט גרויסע שווארצע אוי־גען און מיט א הערשערישען שמייכעל אויף די ליפּען, עטוואס בלאסע ליפּען. דער דאזיגער ליפמאן איז געווען אן אייגענארטיגער טוער אין דער באוועגונג. ער האט פארזארגט די אנפאנגער מיט קליין־געלד, ליטעראטור, און די, וואס זייער וואוינונג האט זיך „אנגעריסען“ און זיי האבען ניט געטארט קומען אהיים נעכטיגען, האט ער פארזארגט מיט א נאכט־לעגער ביי א כשר'ען מענשען. צו די דאזיגע כשר'ע מענשען האט געהערט בארים ביילין...

א דאנק, וואס ער האט זיך קיינמאל ניט פארדעכטיגט גע־מאכט און סיי ער און סיי זיין צימער זיינען געווען פאלשטענדיג לעגאל, פלעגט צו איהם ליפמאן פון צייט צו צייט ארויפפיהרען א רעוואלוציאנער, וועלכען עס האט געדראהט סיביר, קאטארגא און אמאל דער טויט אליין...

האט דאס באריס'ען ניט געארט. יעדער מענש — האט ער

געפילאָזאָפירט — דאַרף עפּיס טאָן פאַר דער פרייהייט, לויט זיין שטאַנד און זיינע פעהיגקייטען. אויב איך בין ניט פעהיג אָפּ־צוהאַלטען אַ געהיימע פאַרזאַמלונג אָדער גרינדען אַ אונלעגאַלע דרוקעריי ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענער גאַס אויף אַ בוידעם אָדער אין אַ קעלער — לאָמיך כאָטש נוצען ברענגען מיט מיין קאַנאַפּע, וואָס שטעהט אָן איבעריגע אַ גאַנצע נאַכט...

די „געסט", וואָס ליפּמאַן פלעגט צו איהם אַרויפפיהרען, זיינען דאָס רוב געווען שווייגעדיגע, טיעף אין זיך פאַרשלאָסענע. קאָנ־ספּעראַטיוו! אויפ'ן העכסטען און שטרענגסטען אופן קאָנספּע־ראַטיוו. ביי זיי אַרויסצוקריגען אַ וואָרט איז געווען שווער, ווי פון אייזערנע שראַנקען...

אויסער זייער שווייגעדיגקייט האָבען זיי ניט געהאַט קיין נעמען. מענשען אָהן נעמען!... ביילין פלעגט זיך מאַנכעס מאָל פיהלען אונהיימליך. ער פלעגט זיך אַליין וועלען בארוהיגען און טראַכטען: וואָס איז די נפקא מינה, ווי אַזוי ער הייסט. דאָך פלעגט די דאָזיגע חקירה ניט העלפען. ביילינ'ען האָט זיך דוקא געוואָלט וויסען ווי אַזוי דער דאָזיגער מענש הייסט.

— איהר דאַרפט קיין מורא ניט האָבען... — פלעגט ער זיך צו'חנפה'נען צום פרעמדען. — איך בין טאַקי ניט קיין גרויסער רעוואָלוציאָנער, אָבער קיין ליבעראַלטשיק, ווי איהר מיינט אודאי, בין איך אויך ניט... איך בין דוקא אַ פריידענקער און אַ...

דער פרעמדער פלעגט עפּיס אַ מורמעל טאָן און פון דעם דאָזיגען מורמעל פלעגט ביילינ'ען נאָך ווערען שווערער.

„זיי געטרויען מיר ניט!" פלעגט ער זיך אין געדאַנק באַ־ליידיגען.

ביז וואַנען די זאַך איז איהם נמאס געוואָרען. און איינמאָל, ווען ליפּמאַן האָט איהם באַגעגענט און איהם אָנגעזאָגט, אַז ביי־נאַכט ברענגט ער איהם אַן אורח, האָט ביילין פּראָטעסטירט.

— איך וויל מעהר ניט...

ליפּמאַן האָט איהם אָנגעקוקט פאַרוואונדערט:

— וואָס הייסט,ביילין... איהר זייט שוין אויס „אונ־זערער"?

— ניין... — האָט זיך ביילין פאַרטיידיגט, — פאַרקעהרט, איך בין אין גאַנצען אייערער. אָבער זיי, די אורחים, איגנאָרירען מיך. זיי קומען צו מיר שלאָפען ניט ווי צו אַ חבר, נאָר ווי אין אַ האָטעל. מיט'ן האָטעל־אייגענטימער רעדט מען שוין אויך מעהר ווי מיט מיר. דער האָטעל־אייגענטימער ווייסט כאָטש דעם נאָמען. מיין גאָט! — האָט זיך ביילין אָנגעכאַפּט. — מיך באַ־פאַלט אַ שרעק! ליגט געגען איבער מיר אַ מענש און איך ווייס ניט אפילו ווי מען רופט איהם... אויב ער האָט מורא צו זאָגען מיר זיין נאָמען, זאָל ער כאָטש אויסטראַכטען אַ נאָמען...

ליפּמאַן האָט זיך גוטמוטיג צולאַכט, באַלד אָבער איז ער ערנסט געוואָרען און זיך אָנגערופען:

— היינטיגער אורח איז דוקא אַ באַוואוסטע... זי איז אַ באַריהמטע פיהרערין...

— ס'איז אַ זי!... — האָט ביילין אויסגעשריען...

— נאָך וואָס פאַר אַ זי! — האָט ליפּמאַן געשמייכעלט. — אַ שעהנהייט.

ביילין איז דאָ רויט, דאָ בלייך געוואָרען, געדרעהט זיינע שפּיצען וואָנסען און זיך אָנגערופען:

— מילא, דאָס מאָל ערלויב איך נאָך...

— נאַטירליך... — האָט ליפּמאַן ווי אין שפּאַס געטרי־בען... — נאַטירליך, ערלויבט איהר. איבריגענס, ווייס איך ניט צי וועט זי וועלען, אַז איהר זאָלט זיין אין צימער... מיר שיינט, אַז זי וועט פאַרלאַנגען, איהר זאָלט געהן אין אַ האָטעל און איהר לאָזען דעם צימער אַליין... געוויס וועט איהר געהן היינטיגע נאַכט אין אַ האָטעל... — האָט ליפּמאַן שוין באַ־שטימט געזאָגט. — איהר פאַרשטעהט, מיר זיינען טאַקי רעוואָ־לוציאָנערען, אָבער עס פּאַסט פאָרט ניט. איהר זייט דאָך איי־גענטליך ניט אין גאַנצער אונזערער... איהר ווילט וויסען איהר נאָמען?...

— איהר נאָמען? — האָטביילין געשמייכעלט אונצופריע־רען... וואָס געהט מיר אָן איהר נאָמען...

און אין א ווײלע ארום האָט ער צונגעגעבען:

— איהר ווייסט, ליפּמאַן, איך וואָלט שוין געוואָלט ווערען אוים כשר'ער... איך וואָלט שוין אויך געוואָלט אריינפאַלען... איהר זאָלט מיך אויך דארפען פיהרען ערגעץ נעכטיגען...

— גאָט זאָל אויסהיטען! — האָט זיך ליפּמאַן ווי דער־שראָקען. — איהר מוזט בלייבען כשר... ווען ניט זיינען מיר אַלע קאַפּוט... עס וועט ניט זיין וואו א „מענשען" שלאָפען ליינען... די צייט איז אזא הייסע...

און ביילין האָט פארצווייפעלט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט זיך געלאָזט געהן זוכען א ביליגען האָטעל.

די דריי קמעות

גלייך ווי די מלחמה האָט אויסגעבראָכען האָט חיים בעריש, אַ שעהנער רייכער בעל־הבית אין פּוילען, דערפיהלט, אַז עס קומען אָן זעהר שלעכטע צייטען. מילא, דאָס וואָס מען צאָהלט איהם ניט קיין חובות, איז בלאָטע, דערפון לאַכט ער: ער קומט לייטען מעהר ווי לייט איהם. וועט מען איהם ניט צאָהלען, וועט ער אַנדערע ניט צאָהלען, און ער וועט נאָך דערפון האָבען אַ נוץ. שלעכט איז בלויז, וואָס מען באַרגט ניט קיין ברויט און קיין גרויפּען אין די געוועלבלעך.

אָבער חיים בעריש באַקומט דערווייל אַ מאָראַלע שטיצע אַזש פון צאַר אַליין... ער האָט פון צאַר אַ שריפט, געדרוקט שוואַרץ אויף ווייס, און דוקא אויף אידיש, אַז אויב ער וועט זיין אַ גוטער פּאַטריאָט וועט ער באַקומען אַלע רעכטע און ער וועט מעגען וואוינען וואו ער וויל און ער וועט מעגען טאָן וואָס ער וויל, און לערנען זיינע קינדער אין די שקאָלעס, און פאָהרען אויף אַלע ירידים, אפילו אין „ניזשני“...

דעם דאָזיגען געדרוקטען „שלום לאהובי“ בריוועל פון צאַר אַליין איז דאָס ביי חיים בעריש'ן אָנגעלעגט. ער האַלט עס באַהאַלטען אין דער רעכטער הויזען־טאַש, וואו ער האָט נאָך פאַר דער מלחמה געהאַלטען דאָס געלד, און די דאָזיגע שריפט היט ער ווי אַ וועקסעל — אויפ'ן צאַר...

— עס איז גוט געלד!...

און כאָטש די לאַגע איז וואָס אַ טאָג ערגער געוואָרען, איז חיים בעריש מיט'ן וועקסעלע אין קעשענע אַלץ געוואָרען גע־הויבענער, און אין אַ שמועס מיט אַלטע בעלי־בתים (די יונגע האָט מען אַלע צוגענומען אין מלחמה!) האָט ער מיט שטאָלץ אריינגעוואָרפען:

— מילא, עס איז טאַקי דערווייל ניט גוט, אָבער שפּעטער, שפּעטער... איהר פאַרשטעהט... דער צאַר אַליין שרייבט...

אלא וואָס דען? טאָמער פאַרלירט דער רוס די מלחמה און פראַנץ יאָזעף געווינט גאָר, איז דאָך שוין דער וועקסעל קיין וועקסעל ניט...

טוט גאָט אַ נס — און פראַנץ יאָזעף שיקט אויך אריין חיים בעריש'ן אַ געדרוקטען בריעף אין ריינעם מאַמע־לשון, און דאָס בריוועל איז נאָך וואַרימער ווי דעם צאַר'ס:

„אויב דו, חיים בעריש, וועסט זיין גוט צו די עסטרייכער,— שטעהט דאָרט געשריבען, — וועל איך, פראַנץ יאָזעף, דיך נים פאַרלאָזען. דו וועסט געניסען פון כל טוב, וואָס מיין לאַנד, סיי בוקאָווינע, סיי גאַליציען און סיי מעהרען און בעהמען פאַרמעגט. דו וועסט מעגען טאָן וואָס דיין הארץ גלוסט. דו זיי נאָר אַ מענש און פאָלג וואָס מען וועט דיר הייסען; איך וועל דיר שוין פאַרזאָרגען!"...

איז חיים בעריש שוין ווידער פרעהליך. ער באַהאַלט דעם דאָזיגען צעטעל פון פראַנץ יאָזעף'ן אין אַ צווייטער קעשענע — מישען איהם מיט'ן צאַר'ס בריוועלע פּאַסט איהם ניט — עס איז עפּיס אַ מין שעטנז! מען טאָר ניט!

האָט שוין חיים בעריש פון צוויי מלכים הבטחות! דערווייל איז אָבער שלעכט! — די געשעפטען אין דר'ערד. עס קומט פשוט אויס צו הונגערען.

אָבער גאָט איז אַ פאָטער, און אַז חיים בעריש'ן ווערט גאָר שלעכט, באַקומט ער אַ דריט בריוועל, שוין אין צוויי לשונות, אין אידיש און לשון־קודש — פון ווילהעלם'ן אַליין.

און ווילהעלם פאַרשפּרעכט חיים בעריש'ן נאָך מעהר ווי דער

צאַר און פראַנץ יאָזעף להבדיל צוזאַמען... גאָלדענע בערג זאָגט ער איהם צו, וויבאַלד, אַז ער נעהמט פוילען.

זאָל נאַר חיים בעריש איהם ניט שטערען, וועט ווילהעלם שוין וויסען ווי אַזוי איהם צו באַדאַנקען.

וואונדערט זיך אַפילו חיים בעריש אויף דער גאַנצער מעשה און טראַכט:

— רבונו של עולם! מיט וואָס האָב איך דאָס ביי דיר זוכה געווען, אַז דריי מלכים, און נאָך וואָס פאַר אַ מלכים — די טייז פון אייראָפּא! — זאָלען זיך בעטען ביי מיר, איך זאָל זיי העלפען!

נאַר מסתמא ווייסען זיי דאָך. מלכים וועלען דאָך אומזיסט ניט בעטען זיך ביי איהם.

און חיים בעריש פאַרשטעקט דאָס דריטע צעטעלע, פון ווילהעלם'ן הייסט עס, אין דעם בוזעם־טאַש.

האָט ער שוין אין דריי טאַשען פּאַפּיערען, אין יעדער טאַש אַ פּאַפּיער פון אַ באַזונדער מלך!

וואָלט דאַכט זיך גאַר גוט געווען. עמיצער וועט דאָך אַמאָל מוזען געווינען. איז אָבער אַן אומגליק וואָס דערווייל איז צרות!

קומט דער רוס אין שטאָדט, מאַכט ער אָן אַ חורבן! אין הויז פול סאָלדאַטען, די טעכטער מוז מען באַהאַלטען אין אַ קעלער... טאָמער געפינט זיך אין שטוב עפּיס עסענוואַרג, פרעסען זיי דאָס אויף...

פאַלט אַריין, ווידער, דער דייטש אין שטאָדט, איז נאָך גרע־סערע צרות. דער דייטש, אַז ער געהט אַריין אין שטאָדט, האָט ער אַ טבע פריהער זי אַ ביסעלע אָנשרעקען מיט עטליכע האַר־מאַטען־שאָסען און מען צולויפט פון שטאָדט וואו דער שווארצער פעפער וואַקסט...

און חיים בעריש וואַלגערט זיך ערגעץ אויף אַ פעלד, טאַפּט די דריי קעשענעס, וואו עס ליגען די בריוולעך וואָס די דריי מלכים האָבען אַליין געשריבען צו איהם. — —

און ער קען זיך ניט געבען קיין עצה...

פון איין זייט איז איהם טאקי גאנץ אנגענעהם — דריי בריעף פון די גרעסטע מלכים האט ער אין די טאשען!

אבער פון דער צווייטער זייט איז אויפ'ן פעלד זעהר קאלט און דאס הויז זיינס אין שטאדט איז שוין אודאי חרוב, און ביז וואנען די הבטחות פון די דאזיגע בריעף וועלען מקוים ווערען, וועט ער אויפ'ן פעלד פארפריהרען און די ווייב און קינדער וועלען אויסגעהן פאר הונגער...

און חיים בעריש וואלט זיי שוין מוחל געווען די גליקען מיט דעם כבוד, וואס ער האט פון דעם, וואס די מלכים ווענדען זיך צו איהם — אבי זיי זאלען איהם לאזען צוריק אין שטאדט צו זיין הויז און זיין געשעפט... ער וויל ניט קיין גליקען, ער וויל עס זאל בלייבען אלץ ביים אלטען.

נאר געה האב צו טאן מיט מלכים! זיי איהם מענען שרייבען וואס זיי פאלט ארויף אויפ'ן צונג, אבער דו זיי טארסט צוריק א ווארט ניט שרייבען!...

— ניין! — מיט מלכים איז בעסער ניט אנצוהויבען... — ווערט ער בייז און ער וויל דאס הארץ אויסגיסען.

אבער פון ערגעץ ענטפערט מען איהם מיט הארמאטען... חיים בעריש פארשטעהט שוין דאס דאזיגע לשון, ער ווייס אבער ניט, וועלכער מלך רעדט עס: דער דייטשער, צי דער רוסישער צי דער עסטרייכישער...

און ער לאזט זיך לויפען מיט די דריי קמיעות ערגעץ ווייט אין דער פינסטערער נאכט אריין...

די קאָנקורענץ

יוסף גראָסמאַן האָט זיך איינגע׳עקשנ׳ט צו מאַכען פאַר זיין פּראָפעסיאָן די ליטעראַטור. ער האָט אין זיין קעסטעל פאַרמאָגט ביי אַ פּאָר טוץ עלטערע ערצעהלונגען, וועלכע ער האָט אָפּגעשאַצט אין אַ גרויסער סומע. דערצו פלעגט ער יעדע וואָך אָנשרייבען אַ נייע זאַך. ווען ער זאָל זיך ערווערבען אַ גרויסען נאָמען און ווערען פּאָפּולער, וואָלט ער שוין ניט נעהאַט צו זאָרגען וועגען געלט. האָבען אָבער, פון דער צווייטער זייט, די רעדאַקטאָרען און די אַרויסגעבער געהאַט זייער עקשנות און האָבען גראָסמאַנ׳ס זאַכען זעהר זעלטען געדרוקט, כאָטש יעדער פון זיי, איבערהויפּט די רעדאַקטאָרען, האָבען צוגעגעבען, אַז דער יונגער בחור האָט טאַלאַנט. טאַלאַנט אַליין איז אָבער וועניג, מען דאַרף פריהער קריגען אַ גרויסען נאָמען.

— איהר פאַרשטעהט — פלעגט זיך אַ רעדאַקטאָר פאַרטיידיגען, ווען גראָסמאַן פלעגט אין אַ פּאָר וואָכען אַרום קומען נאָכפרעגען וועגען זיינע פּאָר זאַכען, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט — איהר פאַרשטעהט, מיר דאַרפען צוויי, דריי ערצעהלונגען אַ וואָך, נעהמען מיר ביי די אַנערקענטע, די וואָס האָבען שוין געמאַכט אַ נאָמען. זיי גיבען אונזער צייטונג פּרעסטיזש.

— יאָ, דאָס איז אמת, — האָט גראָסמאַן גרויסמוטיג און

מיט ווירדע געשמייכעלט, — אָבער יענע זיינען דאָך אויך אַמאָל געווען ניט אַנערקענט. מען דאַרף דאָך געבען אַ געלעגענהייט צו ווערען אַנערקענט...

— נו, יאַ... געוויס — האָט דער רעדאַקטאָר נאָכגעגעבען.— מיר דרוקען דאָך אייך יאָ אַמאָל... האָט צייט! — פלעגט דער רעדאַקטאָר שמייכלען — איהר זענט נאָך יונג.

— אַ קנאַפּע מעלה פאַר אַ שרייבער... — האָט גראָסמאַן צוריקגעשמייכעלט. — די גליקען קומען ערשט צום סוף.

אָבער אַזוי ווי גראָסמאַן האָט ניט געוואָלט ערנידעריגען זיינע שריפטען, האָט ער קיין סך טענות ניט געמאַכט און איז ניט געווען צו צודרינגליך. ער פלעגט מיט אַ שמייכעל פון אַ מאַן, וואָס ווייס זיין ווערט, ארויסגעהן פון רעדאַקטאָר'ס צימער, אַמאָל צוריקנהמענדיג זיינע זאַכען און אַמאָל איבערלאָזען זיי אויף גאָט'ס בעראָט.

איינמאָל איז ער אריין צום זעלבען רעדאַקטאָר נאָכפרעגען וועגען אַן אַלטער זאַך, וואָס ליגט שוין ביי יענעם אַ פּאָר מאָ־נאַטען, און דערצו האָט ער געבראַכט אַ נאָר וואָס אָנגעשריבענע קליינע נאָוועלע, וועלכע גראָסמאַן האָט צוגעגעבען גרויס באַדיי־טונג. ער איז געווען זיכער, אז ער האָט געזאָגט אין איהר אַ ניי וואָרט. דאָס מאָל איז ער אריין מיט מעהר שטאָלץ, ווי אַלע מאָל. ער האָט נאָך געהענדיג באַשלאָסען, אַז ער מוז די נייע זאַך פאַר־קויפען. זיין מאַטעריעלע נויט האָט שוין דערגרייכט די העכסטע שטופע. דערצו האָט ער געברויכט דעם אָוועגד אביסעל געלד פאַר זיין געליעבטע מיידעל, מיט וועלכער ער האָט אין אָוועגד געוואָלט ערגעץ געהן פאַרברענגען.

דער רעדאַקטאָר האָט זיך ווידער געקלאָגט, אַז ערשטענס, האָט ער ניט קיין סך פּלאַץ פאַר בעלעטריסטיק, און צווייטענס, איז די סומע, וואָס ער האָט פאַר האָנאָראַר פאַר בעלעטריסטיק, אַ זעהר באַגרענעצטע. אויב אפילו ער זאָל די ערצעהלונג אָננעהמען, וועט ער אויך ניט פיעל קריגען.

— וויפיעל, צום ביישפּיעל?

דער רעדאַקטאָר האָט אָנגערופען אַ סומע, ביי וועלכער גראָס־מאַן איז רויט געוואָרען.

— איך וויל זיך ניט ריהמען, אָבער מיר דאַכט, אַז מיין נייע זאַך וועט האָבען אַן ערפאָלג.

— מעגליך! — האָט דער רעדאַקטאָר צוגעגעבען, — אָבער גלויבט מיר, אַז איך קען זי ניט גלייך דרוקען און גלייך געלד געבען. דער עיקר דאַרפט איהר דאָך געלד.

— נאַטירליך, איך בין זעהר געענגט... — האָט זיך גראָס־מאַן, קעגען זיין נאַטור צו קלאָגען זיך, מודה געווען.

— ליידער קען איך אייך גאָר ניט העלפען...

נאָר באַלד איז דער רעדאַקטאָר ערנסטער געוואָרען, געבעטען גראָסמאַנ'ען ער זאָל איהם ווייזען זיין ערצעהלונג.

גראָסמאַן, מיינענדיג אַז דער רעדאַקטאָר האָט שוין באַשלאָ־סען זי אָנצונעהמען, האָט מיט אינערליכער אויפרעגונג זי דער־לאַנגט.

דער רעדאַקטאָר האָט אַ בלעטער געטאָן איין זייטעל, אַ צוויי־טען, זיך איינגעקוקט און ענדליך באַמערקט:

— איהר האָט אַ שעהנע האַנדשריפט.

— וואָס איז דער אונטערשיעד — האָט גראָסמאַן זיך באַ־ליידיגט.

— איך מיין עס אַנטקעגען עפּיס איבערשרייבען פאַר מיר — האָט דער רעדקאַטאָר, ווידער באַטראַכטענדיג גראָסמאַנ'ס כתב, ערקלערט.

— איבערשרייבען! — האָט זיך גראָסמאַן נאָך מעהר באַ־ליידיגט. — איך בין אַ שרייבער, אָבער ניט קיין איבערשרייבער.

— נו, וואָס איז! — האָט דער רעדאַקטאָר איהם באַ־לעהרט, — אַז מען איז יונג שאַדט ניט. זאָלאַ, נעקראַסאָוו און אַנדערע באַריהמטהייטען האָבען אַלס אָנפאַנגער געטאָן נאָך מעהר באַליידיגענדע אַרבייט. איבערשרייבען איז אַ גאַנץ ריינע און זאַנאַר שעהנע אַרבייט.

און אָנקוקענדיג מיט א שמייכעלע גראָסמאַנ׳ען, האָט ער פאַרטנעזעצט:

— איהר ווייסט דאָך, אז פאַרינגען מאָנאַט איז געשטאָרבען איינער פון אונזערע אַלטע באַקאַנטע שרייבער.

— א פראַגע! — האָט גראָסמאַן זיך אָנגעכאַפּט.

— נו, האָב איך ערפאַהרען, אז אין דער הינער ביבליאָטעק געפינט זיך זיינס אַן אַרטיקעל, וואָס ער האָט געדרוקט מיט פערציג יאָהר צוריק, ווען ער האָט נאָר וואָס אָנגעהויבען, אזוי ווי איהר איצט, למשל... דעם ארטיקעל בין איך א בעלן איצט איבערצודרוקען... עס וואָלט געווען א סענסאַציע... ווען איהר געהט גלייך אריבער אין דער שטאָדטישער ביבליאָטעק און שרייבט פאַר מיר איבער דאָס ארטיקעל, וואָלט איך אייך באַצאָהלט...

גראָסמאַן האָט זיך לכתחילה געקווינקעלט. אָבער די מעג־ליכקייט צו קריגען גלייך געלד פאַר א פרעמדען ארטיקעל, וועלכען ער דאַרף בלויז איבערשרייבען, האָט איהם געצייצט.

ער איז גלייך אוועק אין דער ביבליאָטעק, אויפגעזוכט אַן אַלטען פאַרשטויבטען בוך, א געבונדענע וואָכענשריפט פון פערציג יאָהר צוריק, און גענומען בלעטערן די שטויביגע און פאַרגעלטע בלעטער.

א טוכלער גערוך האָט איהם געשלאָגען אין דער נאָז אריין. די אויגען האָבען איהם שיער ניט אָנגעהויבען טרעהרען.

דאָס איז געווען אַן ארטיקעל מיט נאַאיווע מליצות. פאַר גראָסמאַנ׳ס אויגען איז געשטאַנען דער טויטער שרייבער ווי א לעבעדיגער קאָנקורענט און זיך געצייצט:

— שווער איז זיך פון אונז צו באַפרייען.

ווען גראָסמאַן האָט נאָכדעם געבראַכט דעם ארטיקעל צום רעדאַקטאָר און צוגענומען די פאַר דאָלער, האָט ער געפרעגט:

— ווען וועט איהר פאָרט דרוקען מ י י ן זאַך?

— א י י ע ר זאַך... — האָט דער רעדאַקטאָר געמור־מעלט... — אייער זאַך וועט זיין געדרוקט אין צוויי וואָכען ארום און אפשר אין א חודש ארום.

— און ווען נעהמט ארוים דאָס איבערגעשריבענע ארטיקעל פון געשטאָרבענעם ?

— פון געשטאָרבענעם גיב איך גלייך זעצען און מאָרגען ער־שיינט עס. עס וועט זיין אַ סענסאַציע — האָט זיך צום סוף דער רעדאַקטאָר באַגייסטערט...

— יא... — האָט גראָסמאַן מיט איראָניע מסכים געווען.

און ניט קענענדיג זיך איינהאַלטען, האָט ער אַ מורמעל געטאָן:

— די טויטע קאָנקורירען.

צווייטע אפטיילונג

אין דעם נייעם לאַנד.

דער קריטיקער

באָרים גאָלדין האָט שוין עטליכע יאָהר אין דער צייטונג, וואו ער איז אַ מיטאַרבייטער, אַ חזקה אויף דער קריטיק איבער טעאַטער. עס הייסט אָבער ניט, אַז דערפאַר איז ער פריי פון אַנדערע אַרבייט, וואָס אַ צייטונג פאָדערט פון אַ מיטאַרבייטער מיט אַ ניש׳קשה׳דיגען געהאַלט. אויב „געננסטער“ צוהוליען זיך אין דעם אידישען קוואַרטאַל, מוז גאָלדין, מיט אַ געלאָדענעם רעוואָלווער אין טאַש, זיך אַוועקלאָזען אין די סאַמע פאַרדעכטיגע פלעצער און אויסגעפינען אַזוינע סודות, וואָס אַן אַנדער צייטונג וועט נאָך לאַנג וואַרטען ביז זי וועט אַזוינס ווען עס איז באַקומען. אַז ביי אַ מיליאָנער אַנטלויפט דאָס ווייב מוז גאָלדין דער ערשטער דערפון מיטטיילען די לעזער פון זיין צייטונג און מוז גענוי באַשרייבען די נאַכט ווען זי איז אַנטלאָפען, צי איז זי געווען אַ שטערענדיגע אָדער אַ וואָלקענדיגע. אויב אַ אידענע האָט געוואַשען די פענסטער און האָט זיך אויסגעגלונקען, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט, אַ האַנט און מען האָט זי אַוועקגעפיהרט אין אַ האָספיטאַל, — מוז גאָלדין אָפּגעבען אַ באַריכט אין דער צייטונג און אויספיהרליך באַשרייבען דאָס אָרט, וואו די האַנט איז אויסגעלונקען, וויפיעל קינדער די דאָזיגע אידענע פאַרמאָגט, ווי לאַנג זי איז אין לאַנד און צי זי איז אַן אַלמנה אָדער אַ גרושה, אָדער אַן עגונה . . .

אָבער דאָס אַלעס האָט ער געטאָן בלויז אויס פליכט. אָבער קיין ליעבע דערצו האָט ער ניט געפיהלט, ווי איבערהויפּט מען פיהלט ניט קיין ליעבע צו זאַכען, וואָס מען מוז טאָן.

דערפאַר האָט ער זיך צופריעדען און גליקליך געשעצט, וואָס די אָפּטיילונג פאַר טעאַטער־קריטיק האָט באַלאַנגט צו איהם. ניט נאָר קליינע נאָטיצען, וואָס און ווען מען שפּיעלט, האָט ער געדאַרפט אויספילען אויף דער לעצטער זייט, נאָר ער האָט איין מאָל אין דער וואָך געשריבען גאַנצע קריטיקען און אָפּהאַנדלונגען ווי אַזוי די זאַך ווערט געשפּיעלט און דער עיקר צי איז דאָס שטיק... צי בלויז אַ „שונד“.

די דאָזיגע אָפּטיילונג, וואָס עס איז געווען אונטערגעשריבען מיט זיין פולען נאָמען ביים אָנהויב פון אַרטיקעל, האָט איהם געגעבען פּרעסטיזש ביי זיינע קאָלעגען, וואָס האָבען זיך באַשעפטיגט מיט נייעס שרייבען און ווען אַמאָל אויך מיט אַרטיקלען, זיינען זיי געווען דאָס רוב איבערגעמאַכט פון פרעמדע צייטונגען און זיינען דערפאַר געווען געדרוקט אָהן אונטערשריפטען...

און אויסער פּרעסטיזש ביי די קאָלעגען זיינע, אַלס טעאַטער־קריטיקער, וואָס דאָס האָט איהם צוגעגעבען אַ געוויסען שטאָלץ און עס האָט זיך באַמערקט אין זיין האַלטונג, איבריגענס אַ גאַנץ דעמאָקראַטישע, האָט ער אויך ביי די טעאַטער־לייט גופא, אָנהויבענדיג פון די „קאָסירען“ ביז די „סטאַרס“ פוןביידע געשלעכטער, גענאָסען פולע פרייהייט און, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען, האָט געהאַט פאָלשטענדיגע אויטאָנאָמיע אין טעאַטער. ער איז ניט געווען באַגרענצט אין פּלאַץ, ניט געהאַט קיין באַשטימטען תחום. האָט ער געוואָלט זיצען אין אָרקעסטער אין דער ערשטער רייהע, האָט ער באַקומען דאָרט אַ פּלאַץ, טאָמער האָט זיך איהם פאַרגלוסט אַ לאָזשע, איז געווען אַ לאָזשע, און אַז די אַלע פּלעצער זיינען איהם שוין דערעסען געוואָרען, און ער האָט אַמאָל, ווען ער איז געווען אין טעאַטער אַליין, אָהן אַ ליידי, געוואָלט שטעהן הינטער די פּלעצער נעבען לאָזשע, האָט ער עס אויך געמעגט, כאָטש דאָס

איז געווען אומגעזעצליך. דערפאַר טאַקי האָט ער עס אַמאָל גע־וואָלט: זאָל מען טאַקע זעהען וואָס פאַר אַ בן־בית ער איז אין טעאַטער, אַז ער וויל אפילו שטעהן, קען ער אויך...

די קריטיקען פלעגט ער שרייבען גלייך, קומענדיג אַהיים פון טעאַטער. אַזוי ווי נאָכ'ן לעצטען פאָרהאַנג פלעגט ער זיך אַריינ־כאַפּען הינטער די קוליסען און אויסדריקען זיין מיינונג פאַר די ביידע סטאַרס, פאַר דעם „ער" און דער „זי" — איז ער דערפאַר געווען גוט געשטימט און זיין האַרץ איז דאַן פול געווען מיט ליעבע און רחמים צו אַלע באַשעפעניששען פון דער וועלט, שוין אויך אַריינגענומען דעם מחבר פון דער „דראַמע", וועלכער איז באמת ווערט געווען שמיץ... גאָלדין אָבער האָט ניט נאָר געשווינט איהם, נאָר זאָגאַר געלויבט איהם ביז'ן הימעל אַריין, האָט איהם געמאָסטען די גרוים און די הויך, און איהם ענדליך אַנידער־געשטעלט אין איין הויך מיט אַ געוויסען ענגלישען דראַמאַטורג, וועלכער איז שוין, איבעריגעס, לאַנג געשטאָרבען.

אָפטמאָל פלעגט גאָלדין באַקומען אַ השק עטוואָס פאַרצו־וואַרפען סיי די שפּיעלער און סיי דעם מחבר. בטבע איז גאָלדין געווען אַן עהרליכער מענש. מיט דער צונג האָט ער זעלטען גע־קענט זאָגען אַ ליגען; אָבער קוים פלעגט ער אוועקשטעלען דאָס קעפּעל: „אין טעאַטער", איז ער אינגאַנצען איבערגעביטען גע־וואָרען און האָט בשום אופן ניט געקענט אָנשרייבען קיין איין שלעכט וואָרט, סיי וועגען שטיק, סיי וועגען די שפּיעלער.

ענדליך אָבער האָט ער באַמערקט, אַז סיי די שוישפּיעלער און סיי די אויטאָרען האָבען פאַרלאָרען צו איהם דעם רעספּעקט. עס האָט זיך גאָלדינ'ען אָנגעהויבען דאַכטען, אַז זיי אַליין בענקען אַביסעל געטאַדעלט צו ווערען... איבערהויפּט האָט ער עס באַ־מערקט אין אַ געשפּרעך מיט'ן אויטאָר פון די „גע'הרג'עטע וועל־טען", אַ הויכער, דאַרער יונגערמאַן, מיט קליינע אויגען, וועלכען עס איז בשום אופן ניט געווען מעגליך צו שאַצען די יאָהרען און ער האָט דערפאַר אויסגעזעהן ווי אַ יונגער זקן...

גאָלדין האָט איהם אַ פרעג געטאָן:

— נו, ווי געפעלט אייך מיין לעצטע קריטיק אויף אייער שטיק?...

— יא... — האט דער אויטאר געענטפערט — גאנץ גוט... אבער איהר טרייבט דארטען אביסעלע איבער... דער עולם שרעקט זיך אמאל פאר צו גוט... איהר פארשטעהט... עס וועט ניט שאדען, אז איהר וועט געבען אנצוהערעניש... איהר פאר־שטעהט...

אויך האבען אייניגע שוישפיעלער די לעצטע צייט איהם אני געהויבען קעלטער אויפצונעהמען. ער געדענקט שוין ניט די צייט ווען ער האט באקומען פון „סטאר“ א ציגאר. ער ברויך דעם ציגאר אויף כפרות, ער רויכערט סיגארעטלעך, און פון סטאר'ל א ציגאר פלעגט זיך ביי איהם, ביים ערשטען ציה, פארדרעהען די'ער קאפ — דער סיגאר איז אבער געווען א סימן, אז דער סטאר רעכענט זיך מיט איהם. אויך די „זי“ איז די לעצטע צייט באַ־דייטענד קעלטער געווארען צו איהם. איהר שמייכעל ביים באַ־געגענען איהם איז לחלוטין פארשוואונדען און אפילו דער האנד־דרוק איהרער איז גאר ניט דאס וואס אמאל. זי פטר'ט איהם אפ מיט א פאר ווערטער און ענטשולדיגט זיך שוין ניט פאר איהר שטארקע נעגליזשע, ווי זי פלעגט עס בעפאר טאן...

און ער האט זי אזוי לאנג נאכאנאנד געריהמט! ער האט פארגליכען זי מיט אסתר רחל קאמינסקי, מיט סארא בערנארד, מיט דיזע און אנדערע ברענענדע שטערען אויף די וועלט־ביהנען...

ער האט באשיינפערליך איינגעזעהן, אז ער האט איבערגע־טריבען, אריבערגעכאפט די מאס. אט האט ער א לעבעדיגען ביישפיעל, מר. פוטערמאן, דער טעאטער־קריטיקער פון א צוויי־טער צייטונג. יענער מאכט פון זיי יעדע וואך חוזק, ערלויבט זיך צו שרייבען, אז דאס טעאטער איז ענדליך פארוואנדעלט געווארען אין א צירק, וואו מען טאנצט און מען מאכט קונצען — און דוקא ער, דער דאזיגער פוטערמאן, הויבט אן צו ווערען מיט אלע טעַ־אטער־לייט א גאנצער שמעלקע. מיט'ן „סטאר“ געהט ער ארום אמאל געארעמט, די „זי“ פאטשט איהם פריינדליך איבער די

בעקלעך און דער אויטאָר פון שטיק לעבט מיט איהם אהבת נפש...

און גאָלדין באשליסט אז ער וועט אָנהויבען שרייבען דעם אמת... ער מוז געווינען צוריק יענע שטעלונג, וואָס ער האָט פארנומען אין דער ערשטער צייט... און צו זיין גליק איז דאָס נייע שטיק, וואָס ער האָט געברויכט באשפּרעכען, געוועזן איינע פון יענע שטיק, וועלכע בעטען זיך אליין מען זאָל זיי ארונטעררייסען און באגראָבען... גאָלדין האָט זיך געריבען פאר'ן שרייבען די הענד, ווי איינער וואָס געהט טאָן א גרויסע טהאט...

די מאַמע געהט אין לייברערי

די צוועלף־יעהריגע בעסי, כאָטש זי געהט נאָך אין אַ גאַנץ קורצער דרעסיל, האַלט שוין פון זיך אַליין אַ וועלט; און שטאָל־צירען האָט זי מיט וואָס. ערשטענס איז זי די ליעבלינג פון דער לעהרערין אין שוהל. יענע איז גאָר פארליעבט אין איהר. אַלע וואָך באַקומט זי פון איהר אַ פּרעזענט. צווייטענס, האָט זי שוין אַ באָי, וועלכער איז עלטער פאַר איהר מיט גאַנצע דריי יאָהר און זי נעהמט מיט איהם אַ „וואָק" אַלע פארנאַכט אויפ'ן „סיידוואָק", און איינמאָל האָט שוין דער דאָזיגער באָי אפילו געוואָלט איהר אַ קוש טאָן. נאַטירליך האָט זיך בעסי נישט געלאָזט. בעסי ווייס שוין פון לאַנג, אַז פאַר אַ באָי דאַרף מען זיך היטען, כאָטש, אַז זי וויל צוריק רעדען, איז אַ קוש גאָר נישט אַזוי געפעהרליך, און זי האָט באַשלאָסען, אַז אויב ער וועט פּרובירען אַ צווייטען מאָל זי אַ קוש טאָן, וועט זי זיך שוין לאָזען. אַזוי צי אַנדערש—דאָס אַלעס מאַכט, אַז בעסי זאָל האָבען פון זיך שוין אַ הויכע מיינונג און זיין מיט די אַנדערע שילערינס פון דער ווייטענס.

און נישט נאָר קענען חבר'טעס בלאָזט זיך די צוועלף־יעה־ריגע בעסי, אפילו אויף דער אייגענער מאַמען קוקט זי אויך פון

אויבען אראָפּ. די פּאָר חבר׳טעס, וואָס בעסי האָט ווי עס איז אויסגעוועהלט, נעהמט זי זעהר זעלטען צו זיך ארויף. זי שעהמט זיך מיט דער מאַמען, כאָטש זי ווייס, אַז אויך זיי האָבען נישט קיין אינטערעסאַנטערע מאַמעס, ווי איהרע. אויב זי נעהמט שוין אַמאָל יאָ ארויף אַ חבר׳טע צו זיך, האָט זי מורא צו זאָגען דער מאַמען אַ וואָרט, כדי יענע זאָל איהר ניט ענטפערען צוריק אין אידיש, ווי אַ גרינע. מעג בעסי זיין ווי הונגעריג, וועט זי אין דער אנוועזענהייט פון אַ חבר׳טע נישט בעטען עסען ביי דער מאַמען. אַז זי איז אין הויז אַליין, רעדט זי ענגליש און די מאַמע ענטפערט איהר אידיש. צום גליק דאַרף בעסי מיט דער מאַמען קיין סך נישט רעדען. אַ גאַנצען טאָג און אַ שטיק אין אבענד איז זי אָדער אין סקוהל, אָדער אויפ׳ן גאַס, אָדער אין „לייברערי“.

אין דער לייברערי איז בעסי אַ גאַנצע מאַכערין. נישט נאָר זי לעזט דאָרט ביכער און נעהמט אַהיים צו צוויי און דריי ביכער, נאָר די לייברערי איז איהר צווייטע היים. דאָרטען מאַכט זי „דייטס“ מיט חבר׳טעס און אַמאָל טאַקי מיט איהר פּופּצעהן־יעהריגען באָי. שטאָלץ געהט זי ארום מיט איהר שלאַנקער פיגור, מיט איהר געלאָקטען קאָפּ האָר פון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער און פיהלט זיך דאָרט ווי אַ פיש אין וואַסער.

אַז זי קומט אַהיים אַ הונגעריגע, בעט זי פּיעסטענדיגערהייד עסען. דאָס עסען פאָדערט זי ווי אַ חוב, וואָס איהר קומט. זי האָט פאַרבראַכט צוויי שטונדען אין דער לייברערי, האָט דאָרטען געלעזען די שעהנסטע ענגלישע ביכער און אַהיים געבראַכט גאַנצע דריי ביכער מיט אַמאָל — קומט איהר דערפאַר ניט עסען?...

פאַר די דאָזיגע ביכער און בכלל פאַר דער לייברערי האָט די מאַמע גרויס רעספּעקט. זי וואונדערט זיך נאָר, ווי אַזוי קען אַ צוועלף־יעהריגע מיידעל אַזוי פיעל. זי האָט צו צוועלף יאָהר אין איהר היים, אין שטעדטעל, געהאָלפען וואַשען גרעט, אָדער געניאַנטשעט דאָס קלענערע קינד, וואָס איהר מאַמע האָט אַלע יאָהר געבוירען. אָבער ווען האָט זי געוואוסט פון אַ בוך?

און אָפטמאָל דערפיהלט בעסי'ס מאמע, וועלכע איז נאָך קיין פולע פערציג יאָהר נישט אַלט, אַ מין קנאה צו איהר אייגענעם קינד, וואָס עס געהט איהר אַזוי גוט. דעמאָלט פּאַרווילט זיך איהר אָנבייזערען אויף איהר, ווי עס האָט זיך געבייזערט און געשריגען אַמאָל איהר מאַמע. אָבער זי דערמאַנט זיך, אַז דאָ איז אַמעריקע און שרייען אויף קינדער איז נישט אָנגענומען. זי ווייס אפילו ניט ווי אַזוי מען שילט זיך דאָ. פון די אַלע קללות פון דער היים האָט זי שוין אַ העלפט פאַרגעסען און די אַנדערע העלפט, וואָס זי געדענקט אפשר יאָ, וואָלטען זיך פאַר אַן אַמעריקאַנער קינד נישט צוגעפּאַסט. פּרוב בעסי'ן שילטען, וואָלט זי זיך צולאַכט און געפרעגט מיט אַ וויצעלע: „האַו דו יו ספּעל איט?‟ די מוטער קען שוין די אַמעריקאַנער חכמות!...

און די מאַמע האָט געזוכט אַנדערע מיטלען, ווי אַזוי צו הויבען איהר פּרעסטיזש אין די אויגען פון איהר טעכטערל. זי פּלעגט אַמאָל איהר אונטערקויפען מיט אַ ריין אַמעריקאַנער מאכל. פּלעגט עס אפילו בעסי בשעת מעשה אנערקענען און אָפּשעצען, אָבער מעהר רעספּעקט קריגען פאַר דער מאַמען פּלעגט זי דער־פאַר נישט.

האָט זי אָנגעהויבען לייענען אַ מעהר ראַדיקאַלערע צייטונג אויף אידיש, מיינענדיג דערמיט צו געווינען ביי בעסי'ן אנערקענונג, האָט בעסי דאָס נאָך ווייניגער אָפּגעשעצט, ווי אַן אַמעריקאַנער מאכל. בעסי האָט אפילו ניט געקענט אונטערשיידען פון איין אידי־שע צייטונג ביז דער צווייטער. אַלע אידישע צייטונגען האָט זי אָנגערופען די „מאָרנינג דזשוירנאַל‟ און פּלעגט דערביי אַ שמייכעל טאָן. אייגנוויקלען איהר עפּעס אין אַ „דזשואיש מאָרנינג דזשוירנאַל‟ איז געווען סכנות. זי האָט געמאַכט אַזוינע גוואַל־דען, אַז עס האָט געדויערט לאַנג זי צו באַרוהיגען.

ענדליך האָט די מאַמע צופעליג ערפאַהרען, אַז אין דערזעלבער לייברערי, וואו בעסי נעהמט איהרע ענגלישע ביכער, זיינען אויך אַ אידישע ביכער. די נייעס האָט זי אין אָנפאַנג אַזוי איבער־ראַשט, אַז זי האָט זיך געהאַלטען אין איין וואונדערען און אין

איין איבערפרעגן: איז דאס מעגליך, אז אין אן אמעריקאנער לייברערי זאלען אויך זיין אידישע ביכער?

בעסי אליין האט איהר ניט געזאגט ניט יא און ניט ניין.

אבער דער מאמעס אמביציע איז געווען די זאך צו דערגעהן אויף ריכטיג. און אז זי האט ערפאהרען אז יא און ווי אזוי עס געהט דארט צו, האט זי זיך דערפיהלט געהויבענער, האט גע־מאכט פלענער ווי אזוי דאס ערשטע מאל אריינגעהן אהין און נעהמען א בוך, און אפשר טאקי צוויי און דריי מיט אמאל, ווי איהר בעסי...

צו איהר גליק איז ניט געווען קיין ברעג, ווען די לייברערין, א זעהר סימפאטיש און צוגעלאזט אידיש מיידעל, האט מיט איהר גערעדט אידיש, פונקט ווי אין דער היים. זי האט איהר רעד־קאמענדירט וועלכע ביכער און האט, דורכמאכענדיג די אלע צער־רעמאניעס פון פארשרייבען, איהר גלייך געגעבען צוויי ביכער.

— לייענט וואס מעהר און קומט נאך אמאל!...

אז די מאמע איז געקומען אהיים, איז בעסי געזעסען אין הויז און פארבראכט מיט א חבר'טע. דערזעהענדיג די מאמען אריינקומען מיט צוויי ביכער, האט זי אנפאנגס זיך איבערגעקוקט מיט איהר חבר'טע, נאכדעם האט זי שטיל געפרעגט אין ענגליש:

— וואו ביזטו געוועזען?

— אין דער לייברערי...

בעסי האט א שמייכעל געטאן צו איהר חבר'טע, יענע אבער האט פאר'חדוש'ט געקוקט צום טיש, וואו די צוויי ביכער זיינען געלעגען מיט'ן שטעמפעל פון דערזעלבער לייברערי, וואו זיי ביידע נעהמען ביכער.

און זייט דעמאלט האט בעסי פאר איהר מאמען אנגעהויבען צו האבען דרך־ארץ. זי דערצעהלט איהר דעם אינהאלט פון איהרע ענגלישע ביכער און פאדערט דערפאר, אז די מאמע זאל איהר דערצעהלען וואס זי לעזט אין די אידישע ביכער.

און אויף אזא אופן זיינען מוטער און טאכטער געווארען נאהענט און די טאכטער קוקט שוין ניט אויף דער מאמען פון

אויבען אראפ און די מאמע איז שוין מעהר איהר טאכטער ניט מקנא.

און אז ס'קומט א חבר'טע צו בעסי'ן און יענע פרעגט:
וואו איז דיין מאמע? — ענטפערט בעסי מיט שטאלץ:
— די מאמע איז אוועק אין דער לייברערי.
און אפילו פאר איהר באי, מיט וועמען זי וואגט שוין נעהמען א וואק אזש ביז'ן דזשעקסאן פארק, האט זי עס אויך דערצעהלט:
— דו ווייסט, העגרי, מיין מאמע געהט אין לייברערי...
און האט איהם אנגעקוקט מיט נצחון...

נאָך דער אָפּערא

די צוויי שוועסטער זיינען געקומען פון דער אָפּערא שטאַרק אויפגערוימט און אין אַ זעהר געהויבענער שטימונג. די אינגערע, בעלא, האָט איהרע געפיהלען ניט געקענט באהערשען און זיך גע־וואָרפען צו דער אַלטער מוטער, וואָס האָט פאַרבערייט פאַר איהרע צוויי שפּייזערינס די געלעגערס און אויך עפּעס צו עסען.

— מאַמעלע! — האָט ער געזונגען! ...

די מוטער האָט גליקליך געשמייכעלט און זיך געווענדעט צו דער עלטערער טאָכטער:

— טאַקי שעהן געזונגען?

— אָ, יעס! זעהר שעהן! — האָט די עלטערע, פרידא, שוין רוהיגער, אָבער אויך פול מיט באגייסטערונג צוגעשטימט.

— טוט עס מיר טאַקי הנאה! — האָט די מוטער אָנגע־קוואָלען — אַ קליינינקייט! עס קאָסט אזוי טייער...

— עס איז שוין גאָר ניט טייער, מאַמע! — האָט בעלאַ ווי פּראָטעסטירט — איך וואָלט אוועקגעגעבען די גאַנצע וויי־דזשעס פאַר איין מאָל זעהן איהם... איך מיין נאָר איין מאָל הערען איהם...

די עלטערע שוועסטער האָט איהר אָפּגעשטעלט:

— פאַרכאַפּ זיך ניט... דו מיינסט דאָך פאַר איין מאָל זעהן איהם...

און ווענדענדיג זיך צו דער מאַמען האָט זי מיט אַ געלעכטער צוגעגעבען:

— מאַמע, זי איז דאָך פאַרליעבט אין איהם!

די מוטער, וועלכע האָט בעלאַ'ן אין אַלץ נאָכגעגעבען, האָט גוטמוטיג געענטפערט:

— געזונטערהייד... אפשר איז ער גאָר אַ איד...

אָבער פרידא האָט געהאַלטען אין איין מסר'ן:

— מאַמע, ער איז אַ גוי — אַן איטאַליענער... בעלאַ איז פאַרליעבט אין אַ גוי...

— מיינע שונאים! — האָט די מוטער זיך ווי דערשראָקען, און זיך געווענדעט צו בעלאַ'ן האַלב אין שפּאַס:

— אנ'אמת, טאַקי, בעלאַ?

— אנ'אמת! — האָט בעלאַ צוריק געשמייכעלט — אַי זינגט ער!

און אויסזינגענדיג אַ פראַזע, וואָס עס איז איהר געבליבען אין זכרון פון דער „אריע", האָט זי צוגעגעבען:

— פרידא איז נאָך מעהר פאַרליעבט ווי איך, נאָר זי שעהמט זיך...

— איך שעהם מיך! נאָך אַ נייעס! — איז פרידא רויט געוואָרען — איך „גלייך" זיין זינגען...

די מוטער האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט, זי האָט מיט ליעבשאַפט אָנגעקוקט דאָ בעלאַ'ן דאָ פרידאַ'ן און זיך פאַר־טראַכט...

די צוויי שוועסטער האָבען עפּיס דערפיהלט: די מוטער האָט זיך געוויס אָן עפּיס דערמאַנט. זיי קענען שוין זייער מאַ־מען... און זיצענדיג ביים טיש ביים לייכטען „צוביים", וואָס די מאַמע האָט זיי צוגעגרייט, האָט בעלאַ זיך אָנגערופען מיט באַדויערונג:

— מאַמע, דו האָסט קיינמאָל ניט דורכגעלעבט אַזוינע גע־פיהלען?...

— וויים איך וואָס! — האָט זיך די אַלטע געדוויטעלט און

געווישט מיט׳ן פארטוך די ליפּען — אין אונזער שטעדטעל זיינען קיין אָפּעראס ניט געווען...

— עס איז געווען אומעטיג... הא? — האָט פרידא גע־פֿאָרשט מיט טיעפען אנטייל...

— אומעטיג?... פאר וואָס עפּיס אומעטיג?... עס זיינען געווען אנדערע זאכען...

די אלטע האָט זיך אָפּגעהאקט... די צוויי שוועסטער האָבען זיך איבערגעקוקט און דערפיהלט, אז די מאַמע האָט זיי וואָס צו דערצעהלען, נאָר זי שעהמט זיך... זייענדיג שטארק אויפגעלעגט צו דער גוטער מאַמען, האָבען זיי געוואָלט האָבען א געררום פון איהר פארגאנגענער יוגענד... בעלא איז געוואָרען דרייסט...

— מאַמע... דו האָסט מיידעלוויז קיינמאָל ניט דורכגע־לעבט דאָס, וואָס מיר דאָ אין דער גרויסער וועלט?...

די מוטער האָט זיך ווי געשלאָגען מיט דער דעה: דערצעה־לען זיי, צי ניט? אויפמאַכען דאָס הארץ, וואו עס ליגען אזוי פיעל סודות, אָדער לאָזען עס פארשלאָסען און די סודות מיט־נעהמען אין קבר אריין?

אָבער די צוויי טעכטער האָבען מיט זייערע בליקען איהר היפּנאָטיזירט. זי איז געוואָרען רויט און שעהמעוודיג און עפּיס זאָנדערבאר געשמייכעלט.

— אָט בעסער עסט אָפּ און געהט שלאָפען! — האָט זי דאָך ניט געקענט פועל׳ן ביי זיך צו ענטדעקען זיך.

די אינגערע טאָכטער האָט איהר ארומגענומען און געצויגען זי פאר דער צונג:

— מאַמע... דערצעהל עפּיס פון יענע יאָהרען... איך האָב אזוי ליעב צו הערען...

— וואָס איז דאָ צו דערצעהלען? — האָט די אלטע ענדליך באקומען מוט און חשק אויסצוריידען זיך... — אין דער היים זיינען ניט געווען קיין אָפּעראס און קיין קאָנצערטען, און ווען עס וואָלט יאָ געווען, וואָלטען אונזערע טאַטעס און מאַמעס אונז אַהין ניט געלאָזט געהן... אייך איז בעסער ווי אונז... אָבער

זאָגען, אז מיר האָבען שוין גאָר ניט געוואוסט, קען איך ניט...

די אַלטע האָט זיך פארהאַלטען, אָבער די שעלמישע בעלא האָט שוין געוואוסט, אַז די מוטער איז איצט פול געוואָרען מיט דעם „אמאָל", זי וועט שוין רעדען, און זי האָט בלויז געקוקט דער מאמען אין די אויגען...

און די אַלטע האָט זיך צורעדט:

„אמאָליגע צייטען, מיינע קינדער, זיינען די מענשען געווען דיזעלבע ווי היינט... אַן אמאָליגע מיידעל איז געווען פונקט אזוי היציג ווי איצט, אלא וואָס דען? מען האָט זיך געשעהמט... אָבער פארליעבט זיין פלעגט יעדערע. ווער אין דאָקטאָר, ווער אין פעלדשער־יונג און ווער גאָר אין דעם שעהנעם אקציזניק... איך, למשל, בין געווען זעהר א פרומע, האָב איך גאָר ניט צוגע־לאָזען דעם געדאנק וועגען פארליעבען זיך אין אזוינע גוי'אישע אידען ווי דער דאָקטאָר און דער פעלדשער־יונג; ווער רעדט דער אקציזניק — כאָטש ער איז געווען א שעהנער שייגעץ — איז פאר מיר געווען אַן אָפּשרעק! אָבער גאָר אָהן ליעבע ווי שיקט זיך עס, קינדערלעך? מיידעלוויז פלעג איך זיך פארליעבען יעדען מאָל, ווען די מאמע מיינע פלעגט מיך נעהמען אין שוהל, אין דעם חזן'ס עלטסטען זינגער... ער האָט געהאַט א שטים, ווי א ליבּ... דער חזן פלעגט איהם אַלע מאָל לאָזען אליין, און ער, דער דאָזיגער זינגער, פלעגט ווייזען וואָס ער קען... זיין פנים פלעג איך ניט קענען זעהן, ווייל אין שוהל שטעהט דער חזן מיט די זינגער ניט צום עולם, נאָר מיט די פנים'ער צום עמוד... אָבער איך האָב דעם זינגער געקענט פון גאס. איז ווען ער פלעגט זינגען פלעג איך איהם שוין זעהן, איך פלעג זיך פאָרשטעלען זיין געזיכט... קומענדיג אהיים פלעג איך איהם ניט קענען פאר־געסען. אין די אויערען האָבען מיר געקלונגען די נגונים פון שוהל... איבערחזרט דעם זינגער'ס איינציגען נגון... איך פלעג זיך פארגעסען, אז עס פאסט ניט, און זיצענדיג ביים טיש, פלעג איך זיך אַליין צעזינגען... דער טאטע פלעגט מיך אָנקוקען מיט רוגזא: וואָס פאר א זינגען אין מיטען דערינען? און די מאמע

פלעגט זיך וואַנדערען: ווי זי האָט עס שוין איבערגענומען דעם ניגון!...

„אָבער מיט'ן איבערזינגען אַליין איז מיין בענקשאַפט נאָך איהם ניט אוועקגעגאַנגען... איך האָב איהם געוואָלט זעהן, רעדען מיט איהם... און דאָ, קינדערלאַך, בין איך שוין גליקליכער געווען פאַר אייך. איהר מיט אייער זינגער קענט זיך ניט זעהן... עפּיס זאָגט איהר, אַז ער מאַכט מיליאָנען... מיין זינגער אָבער איז געווען אַן אָרימער בחור און האָט ניט געהאַט אַליין וואָס צו עסען... און אַזוי ווי דורך אַ נס האָט מען באַשטעלט פאַר איהם איין טאָג אין דער וואָך ביי אונז... עס איז געווען אַ מאָנטאַג... דאָס איז געווען דער גליקליכסטער טאָג אין דער וואָך... כאָטש אַזוי האָט זיך מאָנטאַג גערעכענט פאַר אַ שלעכטען טאָג... עס איז געווען אין הויז אַ סך אַרבייט און עס איז אַלץ געלעגען אויף מיר... אָבער מאָנטאַג בין איך געוואָרען די גרעסטע בריה... אַליין צוגעגרייט דאָס עסען. איך פלעג מאָנטאַג אויפשטעהן מיט צוויי שעה פריהער, ווי יעדען טאָג, כדי דאָס אָנבייסען זאָל ניט פאַרשפּעטיגען. איך פלעג אויסכיטרעווען ביי דער מאַמען די בעסטע מאכלים פאַר מאָנטאַג. „מאַמע", געדענק איך, פלעג איך זאָגען, „לאָמיר היינט בראָטען אַ הערינג צום אָנבייסען"...

„די מאַמע פלעגט ניט פאַרשטעהן, פאַרוואָס עפּיס דוקא אין אַ מיטען מאָנטאַג אַזוי געהויבענעם מאכל... האָב איך געמוזט זוכען אַלערליי תירוצים. אי וואָס? נאָך אַ געבראָטענעם הערינג מוז מען שוין קאָכען אַ מילכיגען קרופּניק, איז אויך ניט קיין אומגליק — איך וועל אוועקטראָגען די „שאָלעכטס" פון די קאַרטאָפעל צו חיענע דער מילכיגערין פאַר איהרע צוויי קיה, וועל איך נעהמען אַ קוואָרט מילך... נאַטירליך, האָב איך אויסגעפיהרט... — אַמאָל פלעגט פּאַסירען אַ גליק, אַז ער פלעגט קומען עסען שפּעט, ווען דער טאַטע איז שוין אוועק אין מאַרק, און די מאַמע פלעגט זיך אַרויסכאַפּען צו אַ שכנה, און די צוויי ברידערלאַך זיינען שוין אוועק אין חדר — פלעג איך בלייבען מיט איהם איינע אַליין...

איינע אליין מיט'ן זינגער! פלעג איך אזא גרויס גליק ניט קענען פארטראגען, פלעג איך אויך ארויסגעהן פון הויז, זוכען די מאמען און קומען מיט איהר... אמאל אבער פלעג איך האבען מעהר קוראזש און פלעג איהם עפּיס פרעגען, פלעגט ער זיך פארשעהמען און ענטפערן בוידעם, אבער מיר האט ער נאך דעמאלט שטארקער געפעלען."

די אלטע האט זיך אפּגעהאקט. זיך דערמאנט אודאי, אז זי האט שוין צו פיעל אויסגעזאגט, און רויט ווערענדיג, האט זי פארענדיגט:

— ווייס איך וואס... אמאליגע נארישקייטען...

די צוויי שוועסטער האבען זיך איבערגעקוקט, געשוויגען א ווײלע און ענדליך האט זיך פרידא הארציג צעלאכט.

— וואס לאכסטו? — האט בעלא זיך באליידיגט.

פרידא האט ארומגענומען דער מאמען און זיך געוויצעלט:

— הלואי, מאמע, איז היינט אויך אזא מאדע צו געבען אן אפּערא־זינגער א „טאג".

— איך וואלט איהם שוין געגעבען צוויי „טעג"... — האט בעלא געשמייכעלט — שבת און זונטאג, ווען איך בין פריי פון שאפּ. איך וואלט שוין יא מיט איהם געשמועסט.

די מוטער איז אריין אין דער זעלבער לוסטיגער שטימונג און האט זיך אנגערופען:

— צוויי „טעג" ביי היינטיגען יקרות איז צופיעל, קינדערלאך...

די צוויי שוועסטער האבען זיך ווידער צעלאכט...

נאר ווי באלד, אז די מוטער האט שוין דערמאנט וועגען יקרות, האט די עלטערע שוועסטער זיך דערמאנט, אז די אפּערא איז שוין פארשוואונדען און דער שאפּ איז נאך דא, און זי האט גענומען טרייבען בעלא'ן:

— שלאפען, שלאפען!

זיי האבען זיך גענומען שנעל אויסטאן. די מוטער האט

זיך אױסגעטאָן אין איהר װינקעל, און האָט זיך געפיהלט װי אַ זינדיגע...

ליגענדיג שױן אין די בעטען האָט בעלאַ ניט געקענט אײנשלאָפען; פאַר איהרע אױגען האָבען געשװעבט צװײ געזיכטער, דער זינגער פון דער אָפּערא און יענער זינגער, װעגען װעלכען די מאַמע האָט נאָר װאָס דערצעהלט...

„אפשר איז דאָס דער זעלביגער?"

— מאַמע! — האָט זי גערופען פון בעט — װאו איז אַהינגעקומען יענער זינגער?...

די מוטער האָט זיך אױפגעהױבען פון געלעגער און אין אַ זיצענדיגער פּאָזע געענטפערט מיט אַ טרױעריגען שמײכעל:

— װײס איך װאו... יענער איז שױן אודאי לאַנג אױף דער װעלט ניטאָ...

און בעלאַ האָט דערהערט, װי די מאַמע האָט אַ זיפץ געטאָן...

„דער פראָפעסיאָנאַל“

אין דעם קאַפע־הויז, וואו עס קומען זיך צענויף בלויז באַקאַנטע און וואָס טראָגט דערפאַר אַ ספעציעלען כאַראַקטער, אַזוי אַז עס פאַלט אַמאָל דאָרט אַריין אַ זייטיגער, קוקט ער זיך אַרום פאַרדעכטיג, מיינענדיג, אַז גאָט ווייס וואוהין ער איז אַריינגעפאַלען: — אין דעם דאָזיגען קאַפע־הויז איז אַריין אַ מאַן פון עטליכע און דרייסיג יאָהר און זוכענדיג אַ פלאַץ ביי אַ טישעל פאַר זיך און פאַר זיין טשעמאָדאַנטשיק, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד מיט אַ געווויסען שטאָלץ, האָט ער ענדליך זיך אַוועקגעזעצט ביי איין עק פון די טישלאַך, וואו עס האָבען זיך געפונען צוויי פרייע פלעצער. ער האָט זיך געגריסט מיט די זיצענדע ביים טישעל ווער ביי אַ גלאָז טעע, ווער ביי אַ טעלער זופ און ווער ביי אַ בראַטענס און האָט מיט שטאָלץ גערופען דעם קעלנער:

— „וועיטער“! שנעל... איך האָב ניט קיין צייט!

דערביי האָט ער אַרויסגעכאַפט פון טאַש אַ גאָלדען זייגערעל און באַטראַכט אויפמערקזאַם די צייט און זיך גענומען נאָך מעהר צו איילען און טרייבען דעם קעלנער...

— וואָס יאָגט איהר זיך אַזוי, גענאָסע ליפמאַן? (אַזוי האָט דער אַריינגעקומענער זיך גערופען) — האָט איהם געפרעגט איינער פון די געסט און באַקאַנטע ביים טישעל.

— אָ, איך האָב ניט קיין סך צייט. איך פאָהר היינט אַרוים

אויף מיין טור אין דער קאונטרי... — האָט ליפּמאַן געענט־פערט מיט אַ געווויסען שמייכעל.

— אַ טור... איבער וואָס וועט איהר רעדען? — האָט דער באַקאַנטער ווייטער געפרעגט...

— אַט, מען וועט פּלאַפּלען איבער׳ן סאָציאַליזם... — האָט ליפּמאַן שוין מיט איראָניע זיך אָפּגערופען...

— גוטע באַדינגונגען? — האָט דער באַקאַנטער ווידער גע־פאָרשט.

— די באַדינגונגען זיינען דוקא ניט שלעכט... — האָט ליפּמאַן מיט אַ צופריעדענעם שמייכעל ארויסגעמורמעלט... — עס וועט אויסמאַכען ביי אַ פופציג דאָלאַר אַ וואָך פאַר דריי לעק־ציעס, האָטעל און רייזע־קאָסטען פריי...

— זעהר שעהן! שעהן! — האָט דער באַקאַנטער צוגע־שטימט.

דער קעלנער האָט דערווייל געבראַכט דאָס באַשטעלטע. ליפּ־מאַן האָט ווידער ארויסגענומען פון טאַש דאָס זייגערעל און האָט זיך שוין אויפגעהערט צו איילען, האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטעל און ארויסגעברומט:

— איך האָב נאָך אַ שטונדע...

אַ יונגערמאַן, וואָס איז געזעסען ביים טישעל, האָט די גאַנצע צייט ניט אַראָפּגענומען די אויגען פון ליפּמאַן׳ען, מיט וועלכען ער איז אויך געווען באַקאַנט, האָט, ווי עס האָט אויסגעוויזען, געוואָלט עפּיס רעדען, נאָר ניט געקענט זיך באַשליסען און האָט דערפאַר באַקומען אַ מינע פון אַ מענשען, וואָס ווערט פון עפּיס געפּיי־ניגט... ליפּמאַן האָט עס באַמערקט און מיט אַ שמייכעל זיך גע־ווענדעט צו איהם:

— וואָס שווייגט איהר אַזוי באַדייטענד, גענאָסע?

דער יונגערמאַן האָט זיך ווי דערשראָקען, איז עטוואָס רויט געוואָרען און ענדליך, ווי ניט דרייסט, זיך אָנגערופען:

— איך בעט אייך, גענאָסע ליפּמאַן, ווי האָט געהייסען אַמאָל ביי אונז אין יענער צייט אָט דאָס, וואָס איהר טוט איצט...

ליפּמאַן האָט דעם יונגען מאַן מאָדנע אָנגעקוקט און, ווי פאַר־טעכטענדיג, זיך אָנגערופען:

— וואָס הייסט ווי האָט עס געהייסען, דאָס זעלבע ווי עס הייסט דאָ: פאַרשפּרייטען סאָציאַליזם...

— יאָ... נאַטירליך... — האָט דער יונגערמאַן, וואָס האָט שוין אויסגעזעהן ווי א כלה־מיידעל, נאָכגעגעבען — אודאי אַזוי... עס האָט אָבער אין יענער צייט דאָרטען, ביי אונז, אָדער מען קען שוין זאָגען ביי „זיי", געהאַט א ספּעציעלען נאָמען...

— איהר מיין אודאי אַגיטאַטאָר — האָט דער פיערטער, וואָס איז געזעסען ביים טישעל, וועלכער איז אַמאָל אויך געוועזן פון די „עפּיסדיגע", זיך דערמאָנט.

— ניין... ניט דאָס מיין איך... — האָט דער יונגערמאַן געקנייטשט דעם שטערען און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט יענע יוגענדליכע אויפלעבונג, וועלכע מען דערפיהלט ביים עראינערען זיך אין פאַרגאַנגענע שעהנקייטען... — עס ליגט מיר אויפ'ן שפּיץ צונג... אַך, איך ווייס שוין! איך ווייס! — האָט ער ענדליך אויסגערופען מיט פרייד — „פּראָפּעסיאָנאַל"!...

דער הערר ליפּמאַן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צום גלאָז טעע און גאָרנישט געענטפערט... די איבעריגע צוויי האָבען צו־געשטימט יעדערער אויף זיין נוסח:

— יאָ, אמת, פּראָפּעסיאָנאַל... — אַזוי האָט עס געהיי־סען... דער פּראָפּעסיאָנאַל...

און דער יונגערמאַן, אינגאַנצען שיינענדיג פאַר גליק און אויפגעלעגטקייט, האָט זיך אָנגערופען:

— איך האָב געקענט בלויז איינעם פון „זיי"... ער איז גע־ווען א זעהר אומגליקליכער מענש... זאָל איך אייך דערצעהלען?

— אדרבא, אדרבא! — האָבען צוויי ביים טישעל זיך גע־בעטען, און אויך געגנאָסע ליפּמאַן האָט צוגעשטימט:

— איהר קענט דערצעהלען; איך האָב נאָך א שטונדע צו דער באַהן...

און דער יונגערמאַן האָט אָנגעהויבען:

„עס איז געווען מיט אַ יאָהר צעהן, צוועלף צוריק... איך האָב דעמאָלט געוואוינט אין אַ גרויסער פּראָווינץ־שטאָדט אין דער ליטאַ. קיין אַקטיווער אין דער „באוועגונג“ בין איך קיינמאָל ניט געווען, איך האָב בלויז געהאַט פריינד און באַקאַנטע צווישען די סאַמע פּני פון דער באוועגונג און דערפאַר פלעגט די פּאָליציי אַלע מאָל ביי גרויסע רעוויזיעס אויך מיין צימעריל מזכה זיין מיט אַ רעוויזיע. קיין קאָמפּראָמענטירענדעס פלעגט זי ניט געפינען, אָבער גלויבט מיר, אַז מיט די ליעבעס־בריעף האָב איך זיך טאַקי געשעהמט... שטעלט זיך פאָר, אַ גראָבער זשאַנדאַרמסקער אָפיציער מיט רויטע לאַנגע, בייז־שטעכענדיגע וואָנסען און מיט גרויע, קעציִשע אויגען און מיט אַ גראָבער שטימע, הויבט אָן צו לעזען: דאַראָגאַי מאָי דרוג!... אָבער ניט דאָס בין איך אויסען אייך צו דערצעהלען... איך מיין נאָר אייך צו געבען אַ באַגריף פון מיין אָנגעהעריגקייט צו דער באוועגונג אין יענער צייט. דערפאַר האָב איך אין יענע יאָהרען געוואוינט אין זייטיגע פאַרוואָרפענע געסלאך, וואָס זיינען געלעגען הינטער'ן שטאָדט... אָט אין איינע פון יענע וואוינונגען האָב איך זיך באקענט מיט דעם דאָזיגען פּראָפעסיאָנאַל...

ער איז געווען אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר אכט־און־צוואַנציג מיט אַ טרויעריג און טרוקען פּנים. די אויגען האָבען שטענדיג ביי איהם געקוקט צו דער ערד, אַזוי אַז עס איז געווען שווער צו כאַפּען זייער אויסדרוק... געוואוינט האָט ער אויפ'ן גרויסען הויף אין אַ קליין שטיבעל, מיט זיין ווייב, אַ דערשלאָגענע ווערזען, און מיט זיין איינציג קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָהר דריי־פיער, אָרים אָבער זויבער געקליידט, אָבער אויך מיט אַ טרויעריגען און נידערגעשלאָגענעם פּנימ'על... איבריגענס האָט איך זיך באַגעגענט אויפ'ן הויף מעהר מיט'ן ווייבעל און קינד, איידער מיט איהם אַליין. ער איז די מעהרסטע צייט פון יאָהר געווען אין וועג און זעלטען ווען ער פלעגט אַריינפאַלען אויף אַ וואָך אָדער צוויי אַהיים...

דאָס ווייבעל פלעגט אָפט אַריינקומען צו מיר באָרגען אַ

פאר שטיקלאך צוקער, אמאל אביסעלע נאפט און אמאל פאפיער, טינט און פעדער, אלץ האט איהר געפעהלט. אפשר האט איהר געפעהלט וויכטיגערע לעבענסמיטעל, אבער צו איהר אין שטיבעל בין אין זעלטען אריינגעגאנגען. די באשעפטיגונג פון איהר מאן איז געוועזען טשיקאווע און איך האב זי איינמאל א פרעג געטאן:

— וואס טוט אייער מאן? ...

זי האט זיך ווי פארשעהמט און מיט א תמ'עוואטען שמייכעל געפרעגט:

— אט פרעגט בעסער ניט... ניט אזא שעהנע פרנסה...

האב איך געמיינט, אז ער איז אודאי א מלמד ערגעץ אויף א דארף, וואס דאס איז אין יענער צייט געווען ביים יונגווארג פאר־רעכענט פאר א שאנד... און אז איך האב געפרובט דאס איהר פרעגען, האט זי זיך צעלאכט: א מלמד... ווי קומט ער צו א מלמד... ער איז שוין מעהר ווי א מלמד...

— וואס־זשע טוט ער פארט אין דער פרעמד...

— עט, מאלע וואס ער טוט, מען קען עס ניט דערצעהלען, מיין פריינד... עס איז גענוג, אז מען טראגט דעם וועהטאג אין הארצען אליין...

איינמאל האב איך זיך מיט איהר נעהנטער באקענט. עס איז געווען אן ערב פסח. דער הויף, וואס איז געווען באוואוינט פון עטליכע אידען, האט גע'רעש'ט און געלעבט. די זון האט באַ־גאסען די קליינע הייזלעך, וואס זיינען געווען צעווארפען איבער'ן הויף מיט אנגענעהמע ליכט... און די דעכעלעך און גאניקלעך האבען זיך געבאד'ן אין שטראהלען. די באוואוינער פון הויף זיינען ווי העכער געווארען, האבען זיך אויפגערוימטע ארומגע־דרעהט הין און צוריק מיט האפנונגען אין די אויפגעפרישטע און ערוואכטע הערצער...

דער איינציגער שכן מיינער, וואס איז געקומען אויף יום־טוב צו זיין ווייב און קינד, האט אויסגעזעהן אלץ ווי א שאטען און אפילו די זון האט ניט געקענט באזיעגען דעם טרויער, וואס האט גערוהט אויף זיין געזיכט און זיין גאנצער געבויגענער פיגור...

— דעם מענשען פרעסט א זינד! — האב איך איינמאל פעסט באשלאסען ביי זיך און האב אנגעהויבען קוקען אויף איהם מיט חשד און אפילו מיט מורא...

און איך האב גענומען דערגעהן וואס קומט פאר מיט דעם זאנדערבארען פערזאן.

איך בין מיט איהם נעהנטער באקאנט געווארען. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז א געבילדעטער מענש. ראדיקאל געשטימט, און ערפאהרענדיג פון מיר און אויך פון זיין ווייבעל, אז איך געהער מיט מיינע סימפאטיען צו די ארבייטער, האט ער ווי מודה געווען, אז ער געהערט צו איינע פון איהרע פיהרער...

דאן האב איך באשלאסען, אז דער דאזיגער מענש איז א גרויסער רעוואלוציאנער און האט אודאי מיט א באמבע אדער מיט א רעוואלווער אוועקגעשיקט איינעם פון די פאליציי־לייט אויף יענער וועלט און איצט פלאגט איהם דאס געוויסען, ווייל זיין גאנצער אויסזעהן און האלטונג האט עדות געזאגט, אז דער מענש איז קראנק פון געוויסענסביסע...

אז ער איז צוריק אוועקגעפאהרען, האב איך זיך גענומען צו זיין ווייבעל, וועלכע האט זיך, איבריגענס, אויך ארויסגעוויזען פאן אן אינטעליגענטע פרוי:

— וואס איז דער מעהר מיט אייער מאן? ער זעהט דאך אויס ווי ער וואלט א מענשען געהרג'עט...

דאס ארימע ווייבעל האט זיך צעלאכט:

— איך ווייס ניט, צי וואלט ער אפילו געקענט א פליעג אויפ'ן וואנד הרג'ענען... ער איז א מענש אהן א גאל.

— וואס־זשע געהט ער ארום אזוי נידערגעשלאגען, ווי ער וואלט געליטען פון געוויסענסביסע...

דאס ווייבעל איז טרויעריג געווארען און געענטפערט:

— דאס זענט איהר גערעכט... ער ליידט טאקי פון גע־וויסענסביסע...

— וואס, למשל... — האב איך געפארשט... — זיין ער־

שטע כלה אוועקגעוואָרפען און זי איז זעלבסטמאָרד באגאנגען...
דאָס ווייבעל האָט זיך שטארק צעלאַכט:

— איך בין געוועז זיין ערשטע און לעצטע..

די זאַך איז מיר געוואָרען געהיימניספולער. איך האָב זיך געסטאַרעט צו געווינען איהר צוטרוי. עס האָט מיר ענדליך גע־לונגען און דאָס אָרימע ווייבעל האָט מודה געווען דעם פארברעכען, וואָס איהר מאַן באגעהט.

— ער איז א פּראָפעסיאָנאַל! — האָט זי טרויעריג ארויס־געברומט און געווישט מיט'ן ווייסען פארטוכעל איהרע אויגען...

— איז דאָס דען א פארברעכען?

— דאָס איז ניט קיין פארברעכען... אָבער הלואי וואָלט ער עס ניט געווען... פאר דער חתונה האָט ער געארבייט פאר דער באוועגונג מיט ליב און לעבען אָהן א גראָשען געלד... אָבער אז ס'איז געקומען די אומגליקליכע שעה און ער האָט מיט מיר חתונה געהאט און איך האָב א קינד געבוירען, האָט איהם דער קאָמיטעט באשטימט פאר זיין ארבייט א געהאלט...

— וויפיעל באקומט ער דען?

— וויפיעל? ער פארלאנגט דען א סך? צי איך פארלאנג א סך... עס איז דאָך הייליגע געלד... עס נעהמט בלויז אזויפיעל די נשמה צו דערהאלטען... אמאָל דריי, אמאָל פיער רובעל א וואָך, ווען ער האָט זיך דער באוועגונג אינגאנצען ניט איבערגעגעבען האָט ער פארדיענט הונדערט רובעל א חודש... ער איז געווען א בוכהאלטער אין א באנק...

— איז ער דאָך א הייליגער! — האָב איך באגייסטערט אויסגערופען און שיער ניט געפאלען אויף די קניה פאר דער אָרי־מער אידעאלער ווייבעל.

— אַך, א הייליגער! — האָט זי געקלאָגט. — מיר שעהמען זיך זעהר... איהר מיינט עס איז גוט צו זיין א פּראָפעסיאָנאַל... עס פלאַמט איהם דאָס פנים און ער פיהלט זיך ווי א פארברע־כער... איך אויך דאָס גלייכען... עס קומט אויס, אז מען ארבייט פאר געלד... ער איז דען אויסען דאָס געלד... יענער

וואָלט אין פייער געקראָכען פאַר דער באוועגונג!... נאָר וואָס זאָל ער טאָן מיט מיר, אַז עס איז דאָ אַ קינד און ארבייטען גענן קען איך ניט... אַט מוטשעט אונז דאָס געוויסען..."

דער יונגער מאַן האָט זיך אָפּגעהאַקט, אויסגעשטעלט די אויגען אויף די צוויי באַקאַנטע און האָט אויף עפּיס געוואַרט...

אַלע אָבער זיינען געזעסען ווי פאַר׳כשופ׳ט פון דער ער־צעהלונג, וואָס האָט געקלונגען פון ביי דעם דאָזיגען טישעל אין דער ניו־יאָרקער קאַפּע־הויז, ווי אַן אַלטע לעגענדע...

נאָר איין גענאָסע ליפּמאַן האָט זיך באַהערשט, אַ שמייכעל געטאָן און זיך אָנגערופען:

— יאָ, עס זיינען אמאָל געווען נאַאיווע מענשען...

און מיט אַ ברייטען שמייכעל האָט ער צוגעגעבען:

— איך אַליין בין אמאָל אַזוי געווען...

און ער האָט גענומען דעם טשעמאָדאַנטשיקעל, גרייט צו פאָהרען איבער׳ן לאַנד און פאַרשפּרייטען צווישען די ארבייטער דעם סאָציאַליזם...

די שפּיעל אין רייכקייט

עס איז געקומען אַ צייט, ווען אייזיק'ן איז ניט ניחא געוואָרען דאָס לעבען:

אַרבייט אַ מענש וואָך איין, וואָך אויס אין אַן אָפּיס, פאַר אַ ניט־באַדייטענדע סומע, וועלכע קלעקט איהם צו באַצאָהלען פאַר דעם צימער, פאַר עסען צוויי מאָל אַ טאָג אונבאַדייטענדע מאָלצייטען און פאַר צאָהלען פּינקטליך די וועשערין. זיין לוקסוס באַשטעהט אין דעם, וואָס אנשטאט די פינף־סענטיגע פּעקלאַך סיגאַרעטס, וואָס ער רויכערט, ערלויבט ער זיך אַמאָל צו קויפען אַ פּעקעל פאַר אַכט סענט — האָט ער אַ גאַנצען טאָג געוויסענסביסע — איבעריגע דריי סענט! זיי וועלען איהם זיכער פעהלען!

די סומע, וואָס ער באַקומט איין מאָל אַ וואָך, מוז איהם גענוגען אויף זיעבען טעג. דער שרעק פאַר'ן מאָרגען לאָזט איהם ניט אויסגעבען פריי אַן איבעריגען סענט. און אַזוי ווי אַ וואָך האָט אַזוי פיעל לאַנגווייליגע טעג — אַזש זיעבען טעג — קומט אויס אויף יעדען טאָג אַזאַ קליינער טייל, אַז עס איז אַ חרפּה פאַר'ן אייגענעם לעבען. ביי יעדען מאָל צאָהלען, מוז ער די סומע אויסצעהלען מיט ציטערדיגע הענד, ווי ער וואָלט געווען דער קאַרגסטער מענש אין דער וועלט!

איז דאָס איהם ענדליך נמאס געוואָרען. געזוכט האָט ער אַן אַנדער באַשעפטיגונג, ער זאָל קענען מעהר פאַרדיענען און

לעבען ברייטער, פרייער. איהם האָט זיך געוואָלט אריבערשפּרינ־
גען דאָס אייגענע מזל...

אָבער דאָס איז איהם ניט געלונגען. האָט ער איינמאָל פאַר
כעם פאַרשוועגדעט אין איין טאָג צופיעל. ער האָט נעמליך גע־
געסען מיט א געריכט מעהר און געגעבען דעם קעלנער א דאָ־
פּעלטען „טרינק־געלט“. דערצו נאָך האָט ער נאָכ׳ן עסען געבעטען
א סיגאַר.

— פאַר פינף סענט?

איז איהם שוין ניט אָנגעשטאַנען.

האָט ער געענטפערט שטאָלץ: פאַר צעהן! און אז דער
קעלנער איז שוין געגאַנגען ברענגען, איז אייזיק׳ען אזוי געפעלען
געוואָרען די שפּיעל אין רייכקייט, אז ער האָט איהם אומגעקעהרט
און נאָך שטאָלצער אויסגערופען:

— פאַר פופצעהן סענט!

און געהענדיג אין גאַס מיט׳ן סיגאַר אין מויל האָט ער זיך
דערפיהלט, ווי ער איז אויפגעקומען. דערמאָנענדיג זיך אָבער,
אז קיין העכערונג האָט איהם זיין ווירט ניט געגעבען, האָט ער
אָנפאַנגס א ציטער געטאָן, אָנגעקוקט דאָס רעשטעל פון סיגאַר
און געמורמעלט:

— צו אַלדי טייוועל! איז דען מיין גליק אָפּהענגיג אָן
מיין ווירט? איך קען זיך אַליין העכערען, אויב ניט די שבירות,
וועל איך מיר העכערען דעם געגוס פון לעבען...

דעם נעקסטען מאָנטאג, באקומענדיג די סומע ווייזשעס,
איז ער אריין מיט א שטראַהלענדען געזיכט אין רעסטאָראַן און
האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען זיינע צוויי פריינד.

— וואָס הערט מען? — האָט איהם איינער געפרעגט.

— אָ, פיין! — האָט אייזיק געענטפערט און האָט מיט
שטאָלץ ארויסגענומען א קוואָדערדיגען פּעקעל סיגאַרעטס.

די צוויי פריינד האָבען זיך איבערגעקוקט און איינער האָט
מיט הכנעה געפרעגט:

— אמת׳ע „פאַל־מאַל ?“

— ווי דען ? — האָט אייזיק כלומר׳שט קאַלט געענטפערט.

— זייט ווען ? — האָט דער צווייטער ווי מיט מורא איבער־געפרעגט.

— זייט איך קען זיך ערלויבען... — האָט אייזיק צוויי־דייטיג געענטפערט. — רויכערט, ברידער ! — האָט ער ברייט־הארציג דערלאַנגט דאָס אריסטאָקראַטישע פעקעל סיגארעטס און אויפגעעפענטען.

נאָכ׳ן סאַפּער, וועלכער איז באשטאַנען מיט צוויי געריכטען מעהר, האָט ער באשטעלט ביער פאַר זיך און פאַר די צוויי פריינד.

— טרינקט, ברידער !

— א שאָד אייער געלד ! — האָט איינער פון די פריינד ארויסגעמורמעלט.

— עט, זאָרגט זיך ניט פאַר מיר — האָט ער זיי בארוהיגט — איך בין אָלל־ראַיט !

— אויב אזוי, גראַטוליר איך אייך ! — האָט איין פריינד איהם אויסגעצוויגען די האַנד.

דאָס זעלבע דער צווייטער.

אין זייערע אויגען האָט געגלאַנצט אויפריכטיגקייט, איבער־געבענהייט און פארעהרונג.

אייזיק האָט עס באמערקט און עס האָט איהם שטאַרק אנט־ציקט. ער האָט זיך פארגעסען אָן די איבעריגע זעקס טעג פון וואָך און מיט א מינע פון א מענשען, וואָס קען זיך ערלויבען די גרעסטע פארגעניגען, האָט ער מיט א געמאַכטער קאַלטקייט זיך אָפּגערופען :

— איך וואָלט איצט געוועז א בעלן זיך דורכפאָהרען אביסעל אויף ריווערסייד דרייוו.

— אָ, יעם ! עס קאָסט ניט טייער — האָט איינער פון די צוויי פריינד באמערקט — מיט׳ן „אָמניבוס“.

— נאָ ! — האָט זיך אייזיק אָפּגעוואָרפען. — איך מיין

מיט א אויטאָ. עס קען קאָסטען אין גאַנצען ניט מעהר ווי א פינף דאָלאר.

די צוויי פריינד האָבען זיך איבערגעקוקט און איינער, א מעהר עהרליכער, האָט זיך געבעטען:

— אָ, מר. אייזיק! א שאָד דאָס געלד!

— נאָנסענס! — האָט אייזיק מיט א שטאָלצען מאַך מיט דער האנד אין דער לופטען זיך א בייזער געטאָן. — קומט, ברידער... דאָ שטעהען ניט ווייט אויטאָמאָבילס.

ער איז ארוים פון רעסטאָראַן אביסעל באַרוישט אי פון ביער, אי פון די רייכקייט, וואָס ער האָט פּלוצלינג פון דער העלער הויט באַקומען.

ער איז געזעסען אויפ׳ן ווייכען געזעס אין מיטען. די צוויי פריינד ביי זיין רעכטע און לינקע האנד, ווי צוויי משרתים.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך געוויעגט און געוויעגט און אייזיק׳ען האָט זיך געדאַכט, אז ער שוועבט אין א וועלט פון רייכ־טימער, אז ער הויבט ערשט אָן צו ערפאהרען, וואָס הייסט אַזוינס לעבען...

די צוויי פריינד האָבען אויף איהם געקוקט אביסעל מיט דאנקבארקייט און אביסעל מיט קנאה. מיט דאנקבארקייט: פאַר־וואָס ער, דער גליקליכער, דער רייכער, שעהמט זיך ניט מיט זיי און גיט זיי א „ראַיד"; מיט קנאה: פאַרוואָס קומט עס איהם אזוי פיעל עשירות...

זיי ביידע פאַרדיענען אין גאַנצען צו פינף און צוואַנציג דאָלאר א וואָך.

פונקט מיט פינף דאָלאר מעהר ווי אַמאָל אייזיק...

אָבער אייזיק איז איצט געווען באמת רייך. די פאַנטאַזיע האָט איהם געטראָגען אין ווייטע, נייע וועלטען. און ביי זיין רעכטער און לינקער זייט זיינען געזעסען צוויי קבצנים, אויף וועלכע ער האָט זיך מרחם געווען און זיי געשענקט אביסעלע פאַרגעניגען...

זאָל ער זיין געבענשט!...

פאַרשאַכערט זיין נאָמען

אז מען זאָל פרעגען דעם ראָמאַנען־שרייבער זעליג פּילקין, ווי לאַנג אז ער שרייבט שוין, וועט ער אייך אפילו אין מיטען שלאָף ענטפערען. פּרובט איהם אָבער א פרעג טאָן, וויפיעל ראָ־מאַנען ער האָט שוין אין זיין לעבען אָנגעשריבען, וועט ער מוזען שטאַרק פאַרקנייטשען זיין אַזוי אויך געקנייטשטען שטערען און ערשט ווי פאַרשולדיגט ענטפערען:

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, איך ווייס ניט... איך קען זיך ניט דערמאָנען.

דערפון קען מען זיך שוין פאָרשטעלען, ווי גרויס איז די צאָהל פון די ראָמאַנען, וואָס זעליג פּילקין האָט פאַר זיין לאַנג־יעהריגער ראָמאַנישער טעטיגקייט אָנגעשריבען.

אָבער אז מען דאַרף האָבען צום „סיזאָן“ א נייעם ראָמאַן און אז דער מענעדזשער פון דער צייטונג, וועלכער האָט צו טאָן דערמיט, גיט פּילקינ׳ען א פרעג:

— נו, מר. פּילקין, וואָס הערט זיך מבח א נייעם ראָמאַן אויף ווינטער — ס׳איז דאָ?

גיט פּילקין גלייך א שמייכעל, ווי איינער רעדט: — א שאלה אביסעל? און ענטפערט מיט גדלות:

— איך האָב צו שרייבען א ראָמאַן, וועט ער מאַכען א געוואַלדיגען רושם.

און דער מענעדזשער, וואָס האָט גרויס צוטרוי צו דעם גע־ניטען ראָמאַנען־שרײַבער, ווארעמט איהם צו:

— עס זאָל זיין טאַקי עפּיס רעכטס, עס זאָל פּארכאַפּען דעם אָטעם.

— ניט נאָר דעם אָטעם, אפילו די נשמה וועל איך זיי ארויס־ציהען. עס וועט זיין אַזא מין ראָמאַן, וואָס פון איין פאָרטזעצונג ביז דער צווייטער וועט זיי די נשמה ארויס ווארטענדיג.

דערשרעקט זיך שוין דער מענעדזשער, ווייל ער ווייס, אַז מיסטער פילקין קען עס טאַקי מאַכען, אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז באהאוועגט אין די ראָמאַנען פון אַלע פעלקער און אַלע צייטען. און דער מענעדזשער שלאָגט איהם אָפּ:

— צו פיעל, מר. פילקין, איז אַ סכנה... מען טאָר ניט איבערציהען די סטרונע. אונזערע לעזער זיינען ניט אַזוי יונג... קיין אימיגראַציע איז ניטאָ, אַלץ די אַלטע לעזער... מיט רחמים, מר. פילקין... מיט רחמים...

— נו, געוויס, געוויס, — שמייכעלט גוטמוטיג דער ראָמאַ־ניסט. — מיין פאַנטאַזיע וועל איך אודאי זעהן איינהאַלטען. די לעזער אונזערע האָב איך שטענדיג אין זינען, און זייער געזונד־הייט איז מיר געווען נאָהענט צום האַרצען. איך ווייס, אַז אונ־זערער אַ לעזער זאָל חלילה וחס צומאַכען מיט אַן אויג, וועט קיין נייער ניט צוקומען... דער ראָמאַן וועט זיין אַזוי ווייט אינטערעסאַנט און שפּאַנענד, לויט עס קען פאַרטראָגען אונזערער אַ זעכציג־יעהריגער לעזער.

— איך פאַרלאָז מיך שוין אויף אייך, מר. פילקין, — שמייכעלט דער מענעדזשער, און נעהמט זיך צו דער עקספּעדיציע.

איז ווי געזאָגט, דער ראָמאַן אַליין איז פאַר מר. פילקין נישט פון די שווערע זאַכען, בפרט אַז ער האָט אין זיין לייבּרערי געווען ראָמאַנען אין דייטש און ענגליש, וואָס ער קען אַזוי באַארבּייטען, אַז אפילו די מחברים זייערע וועלען נישט דערקענען.

איין „טראָבּעל" האָט אָבער דער אַלטער זעליג מיט די נעמען

פון די העלדען. די לעצטע צייט האָט ער ביי יעדען נייעם ראָמאַן פיעל קאָפּ־ברעכעניש דערפון. ער האָט, נעמליך, פאַר זיין לאַנגער ראָמאַנישער טעטיגקייט פאַרטאָן אַלע נעמען, וואָס ער האָט געהאַט אויפ'ן קאָפּ. מען דאַרף נישט פאַרגעסען, אַז מר. פּילקינ'ס אַ ראָמאַן פאַרמאָגט עטליכע צעהנדליג פאַמיליען, ווי אַ טענעמענט־הויז, און יעדע פאַמיליע באַשטעהט פון מאַן און ווייב, זיהן, טעכטער, שניר, איידעמס, מוהמעס און פעטערס און אַזוי קרובים און די אַלע מוזען האָבען נעמען. צוויי העלדען זאָלען טראָגען איין נאָמען איז אונמעגליך, כדי די לעזער זאָלען זיך נישט טומלען און זאָלען חלילה ניט משוגע ווערען; און אפילו געבען אין דעם נייעם ראָמאַן אַ נאָמען פון אַ העלד פון די פריהערדיגע ראָמאַנען, איז פּילקין אויך דערפון אָפּגעהיט, ווייל פּילקין האָט אַ שטאַרקע אַמביציע צו זיין אָריגינעל, און אויב דאָס איז פאַר איהם לחלוטין אונמעגליך אין דעם ראָמאַן גופא, וויל ער כאָטש אַ גלאַנץ טאָן מיט נייע נעמען אין יעדען ראָמאַן.

מיט די ווייבערשע נעמען איז איהם שוין ניט אַזוי שווער. די טעכטער פון די ראָמאַנען ערלויבט ער זיך אַמאָל צו געבען אַ גוי'אישען נאָמען אויך, אין זיינע ראָמאַנען האָט ער שוין אַ העלדין, וואָס האָט געהייסען וואַלדינע. דעם דאָזיגען נאָמען האָט ער טאַקי אַליין אויסגעטראַכט. אָבער די מאַנסביל מוזען ביי איהם טראָגען אידישע נעמען, אַזוי פאַרלאַנגט דער כאַראַקטער פון זיינע ראָמאַנען. און אידישע נעמען האָבען זיך ביי איהם אויסגעשעפּט. ער האָט שוין פאַרטאָן אַלע נביאים, אַלע תנאים, אַלע אמוריים. ביי איהם האָט שוין איין העלד אפילו געהייסען ריש־לקיש. דער מענעדזשער האָט אפילו שטאַרק פּרויסגעטראָטען קעגען דעם נאָמען: — „ריש־לקיש" איז ניט קיין נאָמען, מר. פּילקין, אפילו פאַר אונזערע לעזער... איהר זענט צו ווייט אוועק אין דער היסטאָריע, האַלט זיך אביסעל נעהענטער צו דער נע־גענוואַרט...

אָבער מר. פּילקין האָט פאַרזיכערט דעם מענעדזשער, אַז ריש־לקיש איז דוקא זעהר אַ מאָדערנער נאָמען און אַז ער האָט אַ

באַקאַנטען ציוניסט, וואָס האָט זיין נייַ־געבוירענעם זוהן אזא נאָמען געגעבען...

— ריש־לקיש? ! — האָט דער מענעדזשער אויסגעשטעלט א פּאָר אויגען.

— ווי איהר זעהט מיך א אידען — ריש־לקיש! — האָט מר. פּילקין פאַרזיכערט...

אָבער נאָכדעם ווי ריש־לקיש איז אויך פאַרטאַכלעט געוואָרען, האָט זעליג׳ען אָנגעכאַפּט אַן אמת׳ער שרעק: ער האָט פאַר׳ן נייעם ראָמאַן קיין נעמען.

ער האָט זיך געלאָזט געהן אויף די אידישע בית־עולם׳ס, אָבער, שטיינס געזאָגט, וואָס פאַר א מאָגערע נעמען דאָרטען זיינען געווען אויף די מצבות: ווידער משה און ווידער דער זאב וואָלף און ווידער אמאָל חיים אהרן. די נעמען האָט ער שוין פאַרטאָן נאָך אין די יונגע יאָהרען, ווען ער האָט געאַרבייט פאַר א ווילנער דרוקער.

האָט ער די לעצטע צייט זיך גענומען צו עקסטרא מיטלען: אָפּזוכען זיינע אַלטע לאַנדסלייט: אפשר וועט ער זייערע נעמען אויסנוצען.

געקומען צו א לאַנדסמאַן, האָט זיך יענער שטאַרק פאַרוואונדערט:

— מיסטער פּילקין! העללאָו! וואָס פאַר א זכיה האָבען מיר איהר זאָלט אונז באזוכען.

טראַכט אוים זעליג א תירוץ פון הגדה און נעהמט זיך צו די קינדערלאַך, צו די זכרים.

— א וואויל באָיטשיקעל — קנייפּט ער אין בעקעלע דעם אינגסטען אינגעלע, וואָס פאָהרט רייטענדיג אויפ׳ן בעזעם. ווי רופט מען איהם?

— סעמקעלע...

— שמואל — הייסט דאָס — טייטשט אָפּ זעליג אין אידיש און בלייבט ניט צופריעדען. שמואל האָט געהייסען זיין העלד אין דעם ראָמאַן „די צעבראָכענע שווערדען".

— און ווי הייסט דאָס בייבעלע? — זוכט זעליג ווידער א נאָמען.

— ענילע...

— סאיז א מיידעלע... ענילע...

ווערט ווידער דער אַלטער אראָפּגעפאַלען, אָבער ער האָפט נאָך אויף די אַנדערע קינדער, וואָס זיינען אין הויז נישטאָ.

— וואו זיינען די איבעריגע קינדער?

— איהר מיינט מיין עלטערען באַי, היימאַנ'ען?...

— חיים! — פאַרריכט זעליג און דערמאָנט זיך, אז חיים איז שוין ביי איהם געווען א העלד.

און זעליג הויבט זיך אויף און לאָזט זיך געהן צו אן אנדער לאַנדסמאַן. אפשר וועט ער דאָרטען געפינען וואָס ער דאַרף.

אָבער ביים צווייטען לאַנדסמאַן געהט עס נאָך צו ערגער. דאָרטען זיינען לויטער מיידלעך. האָט איהר געהערט א מעשה: א איד זאָל האָבען בלויז טעכטער! ער באַדויערט שטאַרק דעם דאָזיגען לאַנדסמאַן און לאָזט זיך צו א דריטען.

ביי דעם דריטען לאַנדסמאַן איז נאָך ערגער. דער דריטער איז, פאַר קיין אידען געדאַכט, אין גאַנצען א בעזדיעטניק.

— שלעכט! — קרעכצט דער ראָמאַניסט!

און ער באַשליסט דאָס ערשטע מאָל פאַר זיין לאַנגער ראָ־מאַנישער טעטיגקייט, אין דעם נייעם ראָמאַן צו נוצען עטליכע נעמען פון די אַלטע העלדען.

דאָס ערשטע מאָל אין לעבען וועט זיין נישט אָריגינעל. ער פיהלט אָבער, אז מיט אַלע אַלטע נעמען קען ער אמאָל האָבען א דורכפאַל, ער מוז כאָטש איין נייעם נאָמען האָבען.

אָבער דער איינציגער נאָמען, וואָס איהם איז נאָך גע־בליבען, איז איהם אַזאַ שאָד צו פאַרטאַכלעווען.

דאָס איז זיין אייגענער נאָמען!...

ער האָט זיך שטענדיג געהיט, אז א העלד זאָל ניט הייסען זעליג.

דער אַלטער ראָמאַניסט האָט שוין אין די ראָמאַנען זיין גאַנצע

פאמיליע פארטאכלעוועט, זיין זיידען, זיין באבען, זיין פעטער און זיין קרוב, דעם רב — אלע, אלע האט ער אויסגענוצט.

זיין אייגענעם נאמען אבער האט ער געהאלטען. און אט איז געקומען א צייט ווען ער אליין, זעליג, ווערט א געוועהנליכער העלד פון זיינעם א ראמאן...

עס העלפט ניט קיין חכמות — ער מוז עס, ער איז געצוואונ־גען צו טאן. איין העלד פון דעם נייעם ראמאן מוז האבען א נייעם נאמען.

זעליג וועט ער הייסען.

און אזוי האט דער ראמאניסט פארטאכלעוועט זיין אייגענעם נאמען...

דער נאַציאָנאַליסט און די אַמעריקאַנערין

אייב בערקין איז געווען א נאַציאָנאַליסט, אַלץ וואָס אידיש איז ביי איהם געווען ליעב און שעהן; די שעהנסטע גאַס אויף דער וועלט איז ביי איהם געווען העסטער סטריט און דער בליענדסטער און דופטענדסטער פּאַרק — דער העסטער פּאַרק. ווערעדט די אידישע קיך און די אידישע קונסט — דערפאַר האָט מען בערקינ׳ען זיך ניט געקענט אויסצאָהלען. גוים — האָט ער געהאַלטען אין איין טענה׳ן — האָבען זיך נאָך אפילו ניט אויסגעלערנט קאָכען. זיי האָבען גאָר דערצו קיין שכל ניט — אין אַלע שפּייז לעגען זיי אריין גראָזען. דאָס באַווייזט — איז ער מסביר — אַז זיי זיינען נאָך ניט אין גאַנצען ארויס פון דעם בהמה׳שען צושטאַנד... ווענען געזאַנג איז דאָך שוין אָפּגערעדט: דאָס איז דאָך נאָר א אידישע זאַך. אַ גוי שרייט, אָבער זינגען זינגט א איד...

געהערט האָט ער צו א נאַציאָנאַלען קלוב. יעדער מעמבער האָט געטראָגען אויפ׳ן קלאַפּע א נאַציאָנאַלען צייכען, וואָס האָט געשטאַמט אַזש פון דוד המלך... מיט דוד המלך האָט זיך דער קלוב שטאַרק מיחס געווען, איבערהויפּט אָבער האָט זיך מיט איהם מיחס געווען בערקין. ער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ שטיקעל קרוב מיט איהם און האָט פאַרזיכערט, אַז ער שטאַמט טאַקי פון בית־דוד. זיינער א פעטער אין יוראָפּ האָט עס ערגעץ פערשריבען אויף זעהר אַן אַלטען מחזור...

דערפאַר איז זיך לייכט פאַרצושטעלען, ווי גרויס עס איז געווען בערקין׳ס עגמת־נפש, וואָס גראָד ער, אַזאַ הייסער איד, האָט זיך פאַרליעבט אין אַן אַמעריקאַניזירט מיידעל, וואָס שטאַמט פון „יהודישע“ עלטערען און האָט פון זיין יודענטום קיין שום באגריף ניט.

בערקין האָט זיך אָבער געטרייסט, אַז ער וועט זי ביסלעכווייז באַקעהרען צו איהר פאָלק און זיינע טראַדיציעס און וועט איהר ערציהען צו דער העכסטער שטופע פון נאַציאָנאַליזם.

דאָס ערשטע האָט ער איהר געביטען דעם נאָמען. געהייסען האָט זי לעאָנאָרא, האָט ער איהר גלייך איבערגעלעגט אויף לאה... לעאָנאָרא האָט עס אפילו ניט געוואָלט ליידען: „איט איז ווערי פאָני!“ פלעגט זי קרימען מיט איהרע שעהנע, ראָזע ליפּעלאך; האָט אָבער בערקין געפונען אַן עצה. אין די אויגען פלעגט ער זי רופען טאַקי לעאָנאָרא, אָבער אונטער די אויגען פלעגט ער שטענדיג זאָגען: „מיין לאה זאָל לעבען“...

„געסעטעלט“ מיט׳ן נאָמען, האָט ער זיך גענומען צו דער אי־דישער קיך.

— היינט, לעאָנאָרא, וועלען מיר געהן עסען אין אַ אידישען רעסטאָראַן!

— דאָס מוז זיין „ווערי פאָני“ — האָט די שעהנע לעאָנאָרא זיך פאַראינטערעסירט...

— ווארום עפּיס „פאָני“! — האָט בערקין זיך ווי באַליי־דיגט. — אין געגענטייל, עס איז זעהר ערנסט... די אידישע קיך, האָבען אפילו די אַנטיסעמיטען מודה געווען, פאַרמאָגט פיעלע שעהנע זייטען...

און מיט אַ קלאַפּענדיגען האַרצען איז ער מיט איהר דאָס ערשטע מאָל געגאַנגען אין דעם אידישען רעסטאָראַן.

אריין אין אידישען רעסטאָראַן, זיינען צוגעלאָפען אַלע דריי קעלנערס צו זיי און יעדער האָט זיי געלאַדען צו זיין טיש... לעאָנאָרא האָט בערקינ׳ען איינגערוימט, אַז „איט איז ווערי פאָני“. בערקין אָבער האָט איהר פאַרזיכערט, אַז אַזוינס טרעפט אויך

אין רייכסטע רעסטאָראַנס; יעדער ווייטער האָט ליעב צו באַ־דיענען שעהנע געסט...

און אוועקזעצענדיג זיך ביי אַ ווינקעל־טיש, האָט בערקין גע־נומען די שפּייז־קאַרט און זיין פּנים האָט גענומען שיינען פאַר גדולה: לויטער אידישע שפּייזען! לעאָנאָרא, ס׳הייסט לאה זאָל לעבען, וועט איצט זיכער ווערען אַן אמת׳ע אידישע טאָכטער. זאָל זי נאָר פאַרזוכען אַ פּאָר לעפעל זופּ...

לאה, לעאָנאָרא הייסט עס, האָט אָבער דעם עקזאַמען ניט אויסגעהאַלטען. דער זופּ איז געווען אידישלעך געפעפערט און געווירצט... זי האָט זיך ביי דער ערשטער לעפעל פאַרקרימט, אַ הוסט געטאָן און ליעבליך זיך צעשמייכעלט:

— איט איז וועריפאָני!...

בערקין איז לכתחילה געוואָרען אָפּהענדיג. ער האָט זיך אָבער גלייך געפּאַסט מוט און געזוכט אַן אַנדער אידישען געריכט. אָבער לעאָנאָרא האָט איהם געשלעפּט ביים אַרבעל:

— קאַם!

האָט עס אפילו בערקינ׳ען שטאַרק פאַרדראָסען, אָבער ער האָט געהאָפט, אַז זיין לעאָנאָרא איז נאָך ניט פאַרלאָרען. ער וועט איהר ווייזען אַנדערע אידישע „אַנטיקען" און וועט איהר ענדליך אומקעהרען צו איהר פאָלק, צו איהר גלויבען און טראַ־דיציעס.

און אין אָוונד האָט ער זי איינגעלאַדען אין אידישען טעַ־אַטער...

— די אידישע קונסט — האָט ער געהענדיג זי אַגיטירט — איז נאָך אַ ביסעל פּרימיטיוו, אָבער זי איז זעהר אייגענאַרטיג און אָריגינעל... אונזערע דראַמאַטורגען — האָט ער זי אַלץ פאַר־באַרייט — זיינען אַלע פאָלקס־מענשען, אָהן בילדונג, אָבער דער־פאַר זיינען זיי זעהר נאַטירליך און זייערע ווערק זיינען נישט געפּוצט, נישט געשליפען, ווי די נאַטור אַליין וואָלט זיי גע־שאַפען...

לעאָנאָרא, אָדער לאה זאָל לעבען, ווי בערקין האָט זי אונטער

די אויגען געראָפען, האָט זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט. אפשר איז דאָס טאַקי אינטערעסאַנט, און זי איז פֿול נייגירדע אַריין אין אידישען טעאַטער.

דער פֿאָרהאַנג האָט זיך אויפֿגעהויבען און די סצענע איז געווען פֿול מיט „פֿאָלק“, אידען מיט צוגעקלעפּטע בערד, ווייבער אין די מיטעלע יאָהרען, זקנים און זקנות.

— ווער איז דאָס? — האָט לעאָנאָרא נאאיוו אַ פֿרעג געטאָן, קוקענדיג פֿאַר׳חדוש׳ט אויף דער ביהנע.

— דאָס איז דער כאָר — פֿאַרשטעהסט, דער כאָר — עס וועט זיין באַלעט, אַן אָריענטאַלישער באַלעט... עס איז אַ היסטאָרישע אָפּערא...

— טאָ וואו זיינען די זינגערינס מיט די טענצערינס? — האָט לעאָנאָרא ווידער נאָך נאאיווער געפֿרעגט...

— וואָס הייסט וואו? — האָט בערקין געדריקט מיט די פּלייצעס, — זעהסט זיי דען ניט? אָט די פֿרויען זעהסטו, אָט די פֿרויען וועלען באַלד טאַנצען...

— איט איז פֿאָני אינדיד — האָט לעאָנאָרא געלאַכט — אַזעלכע פֿרויען זאָלען טאַנצען... עס איז דאָך זיי שווער... „פּור וויִמען“ — האָט זי זיי באַדויערט...

— אָך, דו פֿאַרשטעהסט ניט, — האָט זיך בערקין געהיצט... — יעדעס פֿאָלק האָט זיינע טראַדיציעס. מיר אידען זיינען אַ פֿאָלק פֿון רחמנים בני רחמנים. אין ענגליש וועט עס הייסען — האָט ער איהר פֿאַרטייטשט — „סענטימענטאַליסטס, די סאָנס אָוו סענטימענטאַליסטס“. און אויב כאָריסטקעס און טענצערינס זיינען אַ ביסעל הייזעריג און שווער אויף די פֿיס, זאָגט מען זיי אויך ניט אָפּ... עס איז ביי אונז אַזאַ טראַדיציע...

— אַ זעהר שעהנע טראַדיציע! — איז לעאָנאָרא געריהרט געוואָרען. — עס געפֿעלט מיר זעהר. אָבער איך בעט דיך, מיין ליעבער, נאָכ׳ן ערשטען אַקט וועלען מיר אַוועקגעהן... איך פֿיהל מיך שלעכט!

און אַרויסגעהענדיג נאָכ׳ן ערשטען אַקט פֿון אידישען טעאַ-

טער, האָט בערקין איינגעזעהן, אַז ער האָט לעאָנאָרא׳ס ערציהונג שלעכט אָנגעהויבען. אנשטאט קיך און טעאטער, האָט ער געדאַרפט אָנהויבען פון דער רעליגיאָן. ער האָט זי געדאַרפט פיהרען אין אַ אידישען בית־מדרש... דאָרטען וואָלט זי ערשט געזעהן, וואָס פאר אַ פאָלק אידען זיינען.

אָבער אזוי ווי עס איז געווען גראָד יום־טובים־צייט און דער אריינגאַנג אין די אַלע בתי מדרשים איז געווען אויף בילעטען, האָט בערקין עס אָפּגעלעגט אויף נאָך יום־טוב.

און דערווייל איז ער מיט לעאָנאָרא׳ן, לאָה זאָל לעבען, הייסט עס, אַלע אָוועגד געגאַנגען אויף בראָדוויי, וואו עס לייכטען טויזענדער פייערען און עס דאַכט זיך, אַז עס איז אַ גרויסער פרעהליכער יום־טוב...

די גענייטע כלה

קיידי איז געקומען פון שאַפּ אַ פרעהליכע און זעהר גוט אויפגעלעגט. היינט איז מיטוואָך, און איהר באָי, מיט וועלכען זי געהט שוין אוים עטליכע וואָכען, נעהמט זי היינט אוים.

אין גאַנצען איז די דאָזיגע קיידי אַלט צוואַנציג יאָהר. די מוטער, אַ פרוי פון איבער פופציג, אַליין פון אַ קליין שטעדטעל אין ליטאָ, קען ניט פאַרשטעהן, ווי אַזוי האָט איהר קיידי שוין אַזוי שנעל געקריגען אַ באָי. זי קוקט אויף דער טאָכטער מיט מוטערליכע בליקען און שמייכעלט מיט אינערליכער, באַהאַלטענער פרייד.

— זעה אָקאָרשט ווער ער איז! — געפינט די מוטער פאַר נויטיג צו וואָרענען, כאָטש זי איז זיכער, אַז קיידי וועט זיך ניט לאָזען אָפּנאַרען.

קיידי פיהלט זיך ווי באַליידיגט, וואָס די מוטער, אַן אַלט־מאָדישע אידענע, מישט זיך אריין אין אַזא פּריוואַטע אַנגעלעגענהייט. אָבער קיידי איז פון דער נאַטור גוטהערציג און זי ענטפערט העפליך:

— זאָרג זיך ניט, מאַמע, איך וועל שוין וויסען ווי אַזוי מיין הערריין פעסטצוהאַלטען. דאָ איז, פאַרשטעהסטו, אַמעריקאַ. דאָ נאַרט מען ניט אָפּ. דאָ איז ניט יוראָפּ.

די מוטער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע. אַ שטיק פאַרגאַנגענעס לעבען שוועבט איהר דורך אין קאָפּ, און זי ענטפערט:

— דאָס איז אמת... דערין איז טאַקי אַמעריקאַ אַ גוטע לאַנד...

די מוטער גרייט דערווייל צום טיש. קיידי איז הונגעריג און אײַלט זיך. נאָכדעם זעצט זי זיך אַוועק, קוקט ווי קיידי עסט מיט אַפּעטיט און זי רוקט איהר צו אַלע ווײַלע אַן אַנדער געריכט.

קיידי פיהלט זיך נאָך בעסער אויפגעלעגט. זי קוקט אויף דער מוטערס פאַרעלטערט פּנים, באַמערקט פּלוצלינג די גראָהע פּאַסמען אין שוואַרצען קאָפּ, און זי ווערט געריהרט. עס ווילט זיך איהר מיט דער מאַמען רעדען, אויפוועקען אין איהר די אַמאָ־ליגע צייט, ווען זי, די מאַמע, איז נאָך אַ מיידעל געווען, און זי שטעלט איהר אַ פראַגע:

— מאַמע, צו וויפיעל יאָהר ביזטו „אויסגעגאַנגען" מיט אַ באָי?...

די מאַמע שמייכעלט אויף דער טאָכטערס נאַאיווע פראַגע. אָבער די פראַגע האָט אויפגעוועקט אין איהר האַרצען לאַנג פאַר־שלאָפענע געפיהלען... דאָס פּנים צערויטעלט זיך ביי איהר, די אויגען צינדען זיך אָן. קיידי פיהלט, אַז די מאַמע געהט איהר עפּיס דערצעהלען אינטערעסאַנטעס און זי ווערט אין גאַנצען אויפ־מערקזאַמקייט.

— עס, עס! — זאָגט די מוטער, מערקענדיג, ווי קיידי האָט אוועקגעלעגט דאָס עסען. — דו קענסט הערען עסענדיג.

קיידי פאַנגט אָן ווידער צו עסען און די מוטער דערצעהלט:

— דו פרעגסט צו וויפיעל יאָהר בין איך אויסגעגאַנגען מיט אַ באָי... עס ווילט זיך מיר לאַכען... ביי אונז איז אין שטעד־טעל גופא ניט געווען קיין באָיעס... ביי אונז הייסט עס בחורים. אָבער דאָס איז די זעלבע זאַך... אַ בחור איז געווען אַ סחורה, וואָס מען מוז עס קריגען פון אַ צווייטער שטאָדט, אַזוי ווי פיעל אַנדערע סחורה, וואָס ביי אונז אין שטעדטעל האָט געפעהלט: ליכט, ווייצענע מעהל, אָדער העכט... פלעגט אַ מיידעל ווערען אַלט אַכטצעהן יאָהר, פלעגט מען איהר אָנהויבען רעדען שידוכים. איך בין געוועַן אַ געוויקסיגע, און מיין מאַמע האָט מורא געהאַט,

אַז איך זאָל ניט, צוליעב מיין הויכען וואוקס, ווערען אין גיכען אַן פֿלטע מויד. האָט מען מיר גענומען רעדען שידוכים צו זיי־בעצעהן יאָהר...

מען קען ניט זאָגען — אין שטעדטעל גופא זיינען אויך געווען עטליכע בחורים, אָבער מען האָט זיי צו גוט געקענט. האָט מען, ערשטענס, געוואוסט אַז זיי זיינען ניט קיין גוטע סחורה... און צווייטענס, האָט ניט געפּאַסט דער יחוס. האָט מען עס געמוזט ברענגען פון דער פרעמד אויף אַ פוהר...

דער ערשטער חתן מיינער איז געווען אין גאַנצען אין הויז ביי אונז פופצעהן מינוט. איך האָב זיך אפילו ניט גוט איינגע־קוקט אין איהם. דער שידוך איז גלייך צעגאַנגען צוליעב'ן נדן. ער איז געווען אַ „גע'פּטר'טער", דאָ הייסט עס אַן „עקזעמפּטע־טער", און פּאַר אַזוינע איז געווען זיך שווער אויסצוצאָהלען... מיין טאַטע האָט קיין סך געלד ניט געקענט געבען... איז ער גלייך אוועקגעפאָהרען, אַ ברוגז'ער. איך האָב מיך געפיהלט גליק־ליך — פּטור געוואָרען פון אַן אומגליק. מיר איז זעהר שווער געווען די ערשטע צייט צו זיצען צוזאַמען מיט'ן חתן און מיט די מחותנים און ניט טאָרען ארויסרעדען אַ וואָרט. ווייל אַ מייד־דעל האָט זיך ניט געטאָרט אריינמישען אין אַזוינע זאַכען. מיט'ן צווייטען שידוך איז שוין צוגעגאַנגען אַביסעל גרינגער. דאָס הייסט, אַ „גע'פּטר'טער" איז דער חתן אויך געווען, אָבער מען האָט זיך שוין געקענט דינגען. פּאַר צוויי הונדערט רובעל וואָלט מען גע־קענט דורכקומען, האָט ער אָבער געוואָלט דריי יאָהר קעסט, האָט זיך דער טאַטע דערשראָקען. „דריי יאָהר!" געדענק איך, ווי דער טאַטע האָט געשריען, „דאָס הייסט דאָך שוין אויסהאַלטען אַ פּאַמיליע פון פיער"... — דאָס האָט דער טאַטע געמיינט, אַז אין דריי יאָהר צייט קען מען שוין האָבען צוויי קינדער... איך האָב עס פּאַרשטאַנען און איך האָב זיך ניט געהאַט וואו צו באַ־גראָבען פּאַר שאַנדע. איך האָב מורא געהאַט טאָמער וועט מען פּאַרשטעהן, אַז איך פּאַרשטעה...

דער דריטער שידוך איז שוין געגאַנגען גאָר אויף אַ וועג.

די מחותנים האָבען דוקא ניט געוואָלט קיין סך געלד און קיין קעסט... איז אָבער געווען אַ חסרון דער יחוס... מען איז דער־גאַנגען אַז דעם חתנ'ס פאָטער איז געווען אַמאָל אַ בעל־מלאכה. זיכער האָט מען ניט געוואוסט, אָבער די מאַמע האָט ניט געוואָלט ריזיקירען... דערווייל אָבער בין איך שוין געוואָרען געניט אין שידוכים, איך האָב שוין געוואוסט וואָס מען דאַרף טאָן, ווען דער חתן און די מחותנים קומען מיך אָנקוקען, וועלכע בלוזקע איך דאַרף אָנטאָן און וואו איך דאַרף זיצען און ווי אַזוי איך דאַרף טרינקען די גלאָז טעע...

ביים צעהנטען שידוך בין איך שוין געווען אַלט דריי און צוואַנציג יאָהר, בין שוין געווען אַזוי באַהאַוועגט אין אַלע דינים פון אַ כלה, אַז די מחותנים זיינען געווען אַלע מאָל צופריעדען מיט מיר, און איך פלעג זעהן באַשיינפערליך, אַז ווען ניט די קליינינקייטען, צוליעב וואָס יעדער שידוך פלעגט זיך פאַנאַנדער־געהן, וואָלטען זיי מיך צוגענומען ווי איך שטעה און געה.

מיט דער צייט בין איך געוואָרען אַזוי געניט, אַז איך פלעג אויפ'ן ערשטען קוק וויסען וויפיעל די מחותנים וועלען פאַרלאַנגען נדן, ווי אַזוי דער חתן וועט האַנדלען און צי עס וועט גלייך ניט ווערען, אָדער מען וועט נאָך שרייבען תנאים און ערשט נאָכדעם וועט זיך פאַנאַנדערגעהן.

ענדליך האָב איך געהאַט אַזוי פיעל חתנים, אַז איך האָב פאַרלוירען די פעהיגקייט אונטערצושיידען איינעם פונ'ם צווייטען. מיר האָט זיך אָנגעהויבען דאַכטען, אַז דער חתן איז שוין געוועזען ביי אונז — פון אַלע חתנים איז ביי מיר געוואָרען איינער. דאָס זעלבע אויך די מחותנים. יעדער מחותן האָט געהאַט איין שטים, איין סאָרט רעדען און איין סאָרט הוסט. די מחותנת'טעס זיינען געווען אויך פון איין מין, און אַלע האָבען געשנייצט די נעזער אויף איין שטייגער, און מיר איז שוין געווען גאַנץ גלייך, אין וועלכע הענט איך וועל אריינפאַלען...

— ווי אַזוי האָסטו פאָרט חתונה געהאַט — האָט זיך די

טאָכטער פאַראינטערעסירט און האָט בכלל אינגאַנצען ניט פאַר־שטאַנען, ווי אַזוי אַמאָל האָבען מיידלאַך געלעבט.

— ווי אַזוי? — האָט די מוטער זיך צעשמייכעלט, און זיך ניט געיואַגט צו ענטדעקען... — דאָס איז שוין א סוד.

האָט זיך ערשט סיידי פאַראינטערעסירט צו וויסען, און אויפ־דייבענדיג זיך פון טיש, איז זי צוגעגאַנגען צו דער מאַמען, ארומ־גענומען זי און זיך געבעטען:

— דערציילעהל, מאַמע, דערצעהל, איך וויל וויסען.

— איך שעהם זיך — איז די מוטער רויט געוואָרען, — אָבער אַז דו שטעהסט צו... ביים לעצטען שידוך האָב איך גע־פיהלט, אַז די מאַמע מיינע געהט אוים, ווי א ליכט... זי האָט שוין פאַרלוירען דעם גלויבען און די האָפענונג, אַז איך וועל אַמאָל חתונה האָבען. איך האָב אויף איהר זעהר רחמנות געקריגען און האָב באַשלאָסען אַז דער שידוך מוז געשלאָסען ווערען. וואָס האָב איך געטאָן? אויסער וואָס איך האָב זיך יענעם אָוועגד שעהנער אָנגעטאָן, ווי אַלע מאָל ביים זעהן א חתן, האָב איך אָנגעצונדען צוויי לאָמפּען און ארויפגעדרעהט די קנויטען אין דער הויך, עס זאָל זיין וואָס ליכטיגער. איך האָב געפיהלט, אַז איך זעה אוים זעהן שעהן, ווייל אין דער ליכטיגקייט... און קיין מיאוס'ע בין איך טאַקי ניט געווען... דער צווייטער לאָמפּ האָט געהאָלפען. דערצו האָב איך נאָכאַנאַנד געקוקט אויפ'ן חתן און געשמייכעלט... איך האָב געפיהלט, אַז איך „נעהם איהם" — דאָס איז טאַקי דער טאַטע דיינער געווען...

די מוטער האָט אָפּגעהאַקט...

סיידי האָט זיך פּלוצים צעלאַכט...

די מוטער האָט זיך פאַרשעהמט, מיינענדיג, אַז דאָס לאַכט זי פון איהר.

— זעהסטו, האָב איך דיר געדאַרפט דערצעהלען?...

— אָ, ניין, מאַמע, — האָט זיך סיידי פאַרענטפערט — איך לאַך גאָר פון אַן אנדער זאַך... איך לאַך, וואָס דאָ אין אמע־

ריקא כאַפּט מען די חתנים דאָס רוב אין פּאַרק אין דער פינסטער...
און דאָ האָסט געדאַרפט אָנצינדען נאָך א לאָמפּ...

די מוטער האָט געשמייכעלט און געשוויגען. ענדליך האָט זי אַרויסגעמורמעלט:

— יעדער דור, מיין קינד, האָט זיינע מיטלען... אַבי חתונה האָבען.

די נאָנע

אין דעם געשלאָסענעם קרייז פון דער יוגענדליכער געזעלשאַפט האָט זיך געפיהלט אַן אינהאַלטסלאָזיגקייט. האַפנונגסלאָזע באַגעהרען האָבען געשוועבט אין דער לופט פון דעם צימער, וואו די יוגענד האָט זיך דאָס לעצטע מאָל פאַרקליבען — דריי יונגעלייט און פיער מיידלעך. דער געשפּרעך האָט זיך ניט געקלעפּט און האָט געקלונגען ניט נאַטירליך. די הויפּט אורזאַך איז געווען דאָס, וואָס קאַטיאַ, וועלכע האָט דאַכט זיך ליעב געהאַט באָריס'ן, איז געווען פאַרפליכטעט מיט איהר ליעבע צו הערריי'ן, און הערריי וואָס האָט ליעב געהאַט ליזאַ'ן האָט געמוזט זיצען נעבען טאַניאַ'ן, און טאַניאַ האָט בשתיקה ליעב געהאַט באָריס'ן... האָט מען זיך געביטען מיט די פּלעצער, האָט זיך דערפיהלט די זיך אויפפרעסענדע אייפערזוכט און די שטימונג איז נאָך געוואָרען געדריקטער.

מען האָט פאָרגעלעגט זינגען.

באָריס, אַ יעקאַטערינאָסלאַווער געזונטער בחור, מיט געקרייזטע, שוואַרצע האָר און טיעפע, שוואַרצע אויגען, האָט פאָרגעלעגט צו זינגען „דובינושקאַ“, האָט אָבער קאַטיאַ, וועלכע האָט נאָר געוואָלט זיך רייצען מיט איהם, ניט געלאָזען.

— מיר זיינען שוין נמאס געוואָרען די דאָזיגע ליעדער אייערע. גיט עפּעס נייעס ! — האָט זי מיט וועהטאָג פאַרדרעהט מיט'ן יונג-ליידענדען פּנים.

האָט באָרים פאַרצויגען „ווניז פאַ מאַטושקע“, איז עס די איבריגע ניט געפעלען געוואָרען.

— א אידיש ליעדעל ! — האָט געפאָדערט ליזא און האָט אליין אָנגעהויבען זינגען „צעהן גוטע ברידער“.

אייניגע האָבען אונטערגעכאַפּט.

אָבער מעהר ווי אנדערהאַלבען סטראָפען האָט מען ניט אָפּ־געזונגען. עס האָט ניט פאַרכאַפּט. עס האָט זיך געבענקט נאָך א נייע ליעד.

קאַטיא האָט זיך אָפּגעשטעלט, דורכגעגאַנגען דאָס צימער׳ל, צוריק זיך אוועקגעזעצט און אויסגעשריען מיט אינערליכער אויפ־רעגונג:

— גיט מיר עפּעס א נייע ליעד !

און נאָך א קורצע פּאוזע, פאַרקוקענדיג זיך ערגעץ אין דער וויטקייט, האָט זי אַרויסגעמורמעלט:

— אך, פאַרוואָס האָבען דאָס אידען ניט קיין קלויסטערס פאר מיידלעך !

— קאַטיא וויל ווערען א נאָנע ! — האָט הערדי, קענענדיג גוט איהר לייכטע באַציהונגען צום לעבען, חוזק געמאַכט.

— איך וואָלט געווים אוועק ! — האָט קאַטיא אויפריכטיג פאַרזיכערט...

ליזא האָט געהאַלטען מיט קאַטיא׳ן :

— זיכער האָבען אידען אויך געדאַרפט האָבען אַזוינע קלויס־טערס, וואו מיידלעך מיט מיעדע נשמות זאָלען קענען אוועקגעהן זיך אָפּרוהען...

— אָפּרוהען ! אָפּרוהען ! — האָט קאַטיא געקרעכצט און איהר יונג פּנים האָט באַקומען א הייליגען אויסדרוק.

— אך, פּראַזען ! — האָט הערדי אָפּגעענטפערט און אריינ־קוקענדיג קאַטיא׳ן אין די אויגען אריין האָט ער פאָרטגעזעצט: — א נאָנע קען זיין אין דער היים אויך. און פאַרקעהרט, אין קלויס־טער קען מען זיין א זינדיגע... דאָרטען זיינען דאָ געגוג יונגע גלחים... כ־כי־כי...

קאַטיאַ האָט פּראָטעסטירט. ליזאַ און טאַניאַ האָבן צוגע־האָלפן.

— איהר זייט צו שטרענג צו אונז פרויען.

— פאַרקעהרט! — האָט העררי זיך פאַרטיידיגט. — איך גלויב יאָ אין הייליגע פרויען... איבערהויפּט ביי אונז אידען. אָבער ווי געזאָגט, צוליעב דעם דאַרף מען זיך ניט איינשפּאַרען אין אַ קלויסטער. די אמת הייליגע איז אַ נאָנע אין דער היים.

און צושמייכלענדיג זיך, ניט קוקענדיג קיינעם פון די אַנ־ווענדע אין געזיכט אריין, האָט ער צוגעגעבען:

— איהר ווייסט? איך קען אַ אידישע נאָנע...

— ווירקליך!? — האָט זיך קאַטיאַ און נאָך איהר ליזאַ און טאַניאַ אָנגעכאַפּט מיט פאַרוואונדערונג.

— נאַטירליך, ניט אין אַ קלויסטער. ווי געזאָגט, קען מען זיין אַ נאָנע אין דער היים. אָבער דאָס ווערט מען ניט באַוואוסט־זיניג, נאָר פּונקט פאַרקעהרט: אומבאַוואוסט; מען ווערט אָדער געבוירען מיט דעם געפיהל פון הייליגקייט, אָדער עס ארבייט זיך אויס דורך געוויסע אומשטענדען. די נאָנע, וועלכע איך קען, געהערט צום צווייטען סאָרט... די אומשטענדען האָבען איהר געטריבען צו ווערען אַ נאָנע. אָבער זי איז אַ נאָנע אין דער היים, און צווישען מענשען אפילו איז זי אימער דיזעלבע נאָנע.

— דערציילט עפּיס וועגען איהר! — האָט זיך קאַטיאַ גע־בעטען און האָט זיך צוגעזעצט נעבען העררי'ן.

— עס איז ניטאָ פיעל וואָס צו דערציילען. דאָס איז אַ קורצע און באַקאַנטע געשיכטע: אַן אומגליקליכע ליעבע. אַ ליעבע מיט אַ קריסט, אָדער ווי מען האָט עס גערופען אין דער היים: אַ שייגעץ. צו ניינצעהן יאָהר האָט שוין די דאָזיגע העלדין, וועלכע מען רופט ראָזע, געוואוסט וועגען ליעבע מיט אַלע איהרע סודות. אמת, זי איז שטענדיג געווען אומשולדיג, זייענדיג אפילו אין די נאָהענטסטע באַציהונגען מיט איהר געליעבטען... אָבער דער געליעבטער האָט ענדליך איהר אוועקגעוואָרפען. אַן אנדערע אויף איהר אָרט ווערט גלייך פאַרצווייפעלט ביז אויף דער וועלט,

זי — ניט. זי האָט בלויז אָנגעהויבען צו קוקען מיט א מאָדנער גלייכגילטיגקייט אויף מענער. די דאָזיגע גלייכגילטיגקייט האָט זי געמאַכט וואונדערליך שעהן; און דוקא דאמאָלס, ווען זי איז געוואָרען גלייכגילטיג צו אונזער מין, האָט זי געקראָגען צעהנדליגער פארעהרער. מיך אויך צווישען זיי. איך בין זיך מודה — האָט העררי געשמייכעלט, קוקענדיג אויף טאניא'ן און ליזא'ן — יא, איהר לייכגילטיגקייט צו אונז אַלע אין כלל איז געווען א מערקווירדיגע: קיין האַס, קיין פאראַכטונג, נאָר א גלייכגילטיגקייט, ווי מיר וואָלטען געווען פרויען, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, קינדער. יא. דאָס איז דאָס ריכטיגע וואָרט. זי האָט אונז באַהאנדעלט, ווי קינדער.

— ראָזע! — האָב איך איהר איינמאָל געזאָגט — איך האָב דיך אזוי ליעב!

זי האָט גוטמוטיג געשמייכעלט און געענטפערט:

— געוויס האָט איהר מיך ליעב; פארוואָס זאָלט איהר מיך פיינט האָבען?... איך האָב אייך אויך ליעב...

האָב איך זי געפּרובט אָננעהמען פאר איהר האַנט... זי האָט געהאַט וואונדערבארע שעהנע ווייסע הענט, ווי ביי א מלאך, — האָט זי די האַנט אָהן כעס צוריקגעצויגען און געשמייכעלט:

— צו וואָס דארף מען דאָס? עס איז דאָך שעהנער אזוי...

און פלעגט מיך אָנקוקען מיט בליקען פון באַדויערונג... עס הייסט, זי האָט מיך באַדויערט, וואָס איך פארשטעה ניט, וואָס הייסט ליעב האָבען אויף אַן אמת...

אזוי איז זי צווישען אונז אומגעגאַנגען, א גלייכגילטיגע, א גוטע און א שמייכלענדע, מיט א לאַנגער שוואַרצער קלייד, וואָס האָט פארדעקט איהר גאַנצע האַלז, און עס האָט ניט דורכגעקוקט קיין פּינטעלע לייב, אויסער דאָס פּנים און די ווייסע פינגער פון די הענט...

א נאָנע, אַן אמת'ע נאָנע. כאָטש זי איז אין קלויסטער ניט געווען, ניט באַהאַלטען זיך פון דער וועלט מיט איהר זינד, נאָר אומגעגאַנגען צווישען אונז, זינדיגע, באַגעהרענדע מענשען, און

איז אליין געבליבען ריין און אומשולדיג, און האט אויף אונז געקוקט גלייכגילטיג אלס א פרוי, אבער מיט באדויערען און מיט־לייד אלס א מענש...

און הערדי האט נאך א לאנגער פאוזע צוגעגעבען:

— אט אזא נאנע פארשטעה איך; דאס איז א אידישע נאנע... ווילט איהר, קאטיא, זיין אזא נאנע?...

קאטיא האט זיך פארטראכט, געשוויגען א ווײלע און טרויעריג געענטפערט:

— איך וויל, נאר איך קען ניט... אום צו ווערען אזא מין נאנע, מוז מען כאטש איין מאל שטארק לעבען... איך האב נאך גארניט געלעבט...

די בחורים האבען געשמייכעלט און ליזא און טאניא האבען פארשעהמט אראפגעלאזען די קעפ...

העלענע'ס ליעבעס-בריעף

דער „סיזאן" איז געווען א גוטער. העלענע האָט נאָך פאַר די זיעבען יאָהר, וואָס זי איז אין ניו יאָרק, אזא גוטען סיזאן ניט געהאט. מער האָט אלע „הענט" פשוט פאַרצוקערט! און די באָסעס האָבען געזוכט נאָך און נאָך הענט! וואו קריגט מען הענט? האָבען זיי געמורמעלט און געבראָכען מיט די הענט... הענט! הענט!... העלענע האָט אויף איהר באָס שוין פשוט רחמנות געקראָגען. זי האָט געזעהן, ווי ער נעהט אוים ווי א ליכט פאַר בענקשאפט נאָך הענט. און זי האָט איהם איינמאָל געבראַכט צו פיהרען איהרע א לאַנדסמיידעל, וועלכע זי האָט אָפּ־גערעדט פון אַן אנדער שאפּ.

— איך האָב אייך געבראַכט א מתנה! — האָט זי אין דער פריה צוגעשמייכעלט צו איהם, אָנווייזענדיג אויף א שוואַבער דערשלאָגענער בריאה, וואָס איז ניט לאַנג געקומען אין ניו יאָרק.

דער באָס האָט געשטראַהלט פאַר גליק: ער האָט גאָרנישט פאַנאַנדערגעפרעגט, ער האָט העלענע'ן שטאַרק געדאַנקט און גע־הייסען דאָס נייע מיידעל גלייך זיך נעהמען צו דער אַרבייט, און אין א ווײַלע אַרום צוגעגעבען:

— אפשר האָט איהר נאָך ערגיץ אזוינע הענט! ברענגט זיי, ברענגט!

די אַרבייט איז געווען א שווערע, אָבער העלענע האָט זיך ניט געקלאָגט. ניט אין דער שטיל, ניט פאַר אַנדערע. אַרבייט

איז שטענדיג שווער! אויב עס דאכט זיך איהר, אז דער סיזאן איז א שווערער, איז פשוט, ווייל זי ארבייט שוין אזוי לאנג. פערצעהן סיזאנס! אמת, ניט אלע סיזאנס זיינען געווען פולע. העלענע געדענקט איין סיזאן פון די פערצעהן, וועלכער האט גאר ניט געטאָרט טראָגען אזא גרויסארטיגען נאָמען. העכסטענס האט ער געקענט הייסען א „סיזאָנדעל"... עס איז געווען פשוט אויף חוזק... צוויי טעג אָפּגעארבייט און דריי גערוהט. און נאָכדעם האָבען זיך געצויגען לאנגע וואָכען אָהן ארבייט און אָהן רוה, ווייל פאר העלענע'ן איז זוכען ארבייט אמאל שווערער ווי די ארבייט אליין...

געוויס איז דער סיזאן א שווערער, בפרט, אז דער באָס האָט אויף העלענע'ן ארויפגעלעגט א פליכט. זי איז כמעט ווי א פאָרליידי — זי גיט אכטונג אויף געוויסע ארבייט, אויסער איהר אייגענע ארבייט, און ער האָט איהר דערפאר באשטימט א עקסטרא'ן דאָלאר צו די ווייזשעס... דערצו ארבייט זי צוויי מאָל אין דער וואָך „אָווערטיים"... פאר דעם „אָווערטיים" האָט זי איהר באָס ניט איבעריגענס ליעב... נאָר אָפּזאָגען זיך איז שווער. זי זעהט איין, אז די ארבייט מוז געמאכט ווערען, ווען ניט וועט דער באָס ניט קענען פינקטליך אויספילען זיינע באשטעלונגען און דער שאָפּ שמ'ט אלם ראיעלע און אלטע פירמע...

דערפאר האָט זי זונטאג געהאט א פרייען טאָג... און האָט צייט געהאט אָפּצוטאָן איהרע אייגענע ארבייט וואָס זאמעלט זיך אָן פאר א וואָך אין איהר צימער. עס פלעגט איהר נאָך בלייבען א פרייע שעה און אָוועהנד, צו געהן מיט א חבר'טע זעהן „מואוויס" און דאָרטען אין האָלל האָט זי זיך פאר איינוועגס אויך אָפּגע־וואויגען... יעדען זונטאג האָט זי זיך געכאפּט, אז די וואָג איז א פאלשע... פאר אכטאָגען האָט דער ווייזער געצייגט 112 און דעם זונטאג 108. קענטיג די וואָג ווערט קאליע...

העלענע האָט פארמאָגט אין איהר באזיץ א פאָר באקאנטע באָיעס. איינער פון זיי איז געווען כמעט ווי א „פריינד". א פריינד אויפ'ן אמעריקאנער נוסח. אָבער אין דעם דאָזיגען גע־

ראָטענעם סיזאָן האָט זי דעם פריינד פאַרנאַכלעסיגט. ער איז געקומען אַ פּאָר מאָל פרעגען זי, ווען זי איז גראָד געווען אין שאַפּ און געאַרבייט אָווערטיים.

— אייער באַקאַנטער איז דאָ געווען... — פלעגט די מיסעס איהר איבערגעבען, ווען העלענע פלעגט קומען אַ זייגער אַכט פון שאַפּ.

— ווען ?

— זיעבען אַ זייגער...

— האָט ער געלאָזען אַ בריוועלע ?

— ניין.

— אָנגעזאָגט...

— גאָר נישט... געפרעגט און איז אַוועקגעגאַנגען...

האָט עס העלענע׳ן פאַרדראָסען. ער איז דוקא אַ וואוילער באָי. מעגליך, אַז זי וואָלט זיך מעהר צוגעלאָזט צו איהם, וואָלט עפּיס געוואָרען און זי וואָלט אין גאַנצען פּטור געוואָרען פון שאַפּ. אָבער ריזיקירען טאָר זי ניט. אַזאַ סיזאָן מאַכט זיך ניט אַזוי אָפט. פון דעם דאָזיגען סיזאָן קען זי אָפּשפּאָרען אַ שעהנע פּאָר צעהנדליג דאָלאַר... נאָכ׳ן סיזאָן וועט זי איהם אויפזוכען — זיין אדרעס וויים זי — און וועט געהן מיט איהם האָבען אַ גוט־טיים...

און עס פאַלט איהר איין, אַז זי וועט צאָהלען... איבער־ראַשען איהם! קיין גרויסער פאַרדיענער, דאַכט זיך, איז ער ניט... אַ שטילער באָי! זי וועט פאַר איהם צאָהלען!... עס וועט זיין אינטערעסאַנט... אָך, זאָל נאָר דער סיזאָן אַריבער. זי וועט אָפּלעבען. זי וועט זיך אויסרוהען.

דער סיזאָן האָט זיך, ווי לאַנג ער האָט זיך געצויגען, דאָך געענדיגט... העלענע איז אַרויס פון שאַפּ האַלב נאָך אַכט... דריטהאַלבען שעה האָט זי געאַרבייט אָווערטיים. די דאָזיגע דריט־האַלבען שעה האָבען איהר ניט געאַרט. איהר האָט זיך געדאַכט,

אז זי וואָלט געקענט ארבייטען גלייך מיט דער מאַשין... זי האָט שוין ניט געפיהלט קיין מיעדקייט... עס האָט זיך שוין געאַרבייט פון זיך אליין, ווי אין איהרע הענט וואָלט א גרויסער ערפינדער עפּיס אזא מין שרייפּעל אַריינגעטאָן און עס ארבייט זיך...

אָבער אויף מאָרגען פריה, ווען זי האָט זיך, לויט געוואוינהייט, אויפגעכאַפּט א פערטעל צו זיבען, האָט זי זיך ניט געקענט אויפ־שטעלען. האָט זי זיך דערמאָנט, אז דאָס איז דאָך דער ערשטער טאָג נאָכ'ן סיזאָן און זי מעג ליגען נאָך וויפיעל זי וויל...

זי איז געלעגען און זיך געוואונדערט, ווי אזוי האָט זי ערשט נאָך נעכטען געאַרבייט... היינט וואָלט זי זיכער ניט געקענט... זי איז אזוי מיעד...

זי האָט אָבער געהאָפּט, אז זי וועט זיך אויסרוהען עטליכע טעג, וועט זי קומען צו זיך... זי וועט געהן אומעטום... עס ציהט זי אזוי צו מענשען..' זי איז שוין לאַנג ניט געווען צווישען נאָהענטע!...

און ווי נאָר זי קומט צו זיך זוכט זי אויף דעם באָי...

זי וועט זיך אנטשולדיגען, וואָס ער האָט זי ניט געטראָפען אין דער היים, ווען ער אז ביי איהר געווען. זי וועט ניט אויס־זאָגען, אז זי האָט געאַרבייט יענע שטונדע אָווערטיים. זאָל ער ניט מיינען, אז זי איז אזוי להוט נאָך געלד. זי איז געווען ביי איהרע א חבר'טע.

עס איז אריבער א וואָך. העלענע האָט זיך נאָך אַלץ ניט געפיהלט אויסגערוהט פון דעם סיזאָן. עס האָט איהר גאָר גע־צויגען צום בעט... ליגען און רוהען... רוהען...

זי האָט זיך אַלץ געקליבען אָנשרייבען א פּאָר ווערטער צום באָי, אז ער זאָל וואַרטען, זי וועט קומען צו איהם. אָבער זי האָט אָפּגעלעגט, ווען זי וועט זיך גוט אויסרוהען. זי איז נאָך ניט פעהיג צו האָבען פּלעזשור... דערווייל איז איהר איינציגער פּלעזשור רוהען... גאָרנישט טאָן, אין ערגיץ ניט געהן...

אין עטליכע וואָכען אַרום האָט זיך העלענע דערפיהלט אַבי־סעל אויסגערוהט. זי איז שוין געגאַנגען אין לייברערי און זיך

פארשריבען אויף דאָס ניי. זי האָט אויסגעקליבען א נייעם ראָמאַן.
אָט איצט איז זי שוין געווען פעהיג צו האָבען פלעזשור.

און זי האָט געקויפט א פּאָר שעהנע בויגעלעך פאַפּיער מיט א קאָלירטען קאָנווערט און האָט זיך געזעצט שרייבען א בריעף צום באַי.

זי האָט איהם געמאָלדען, אַז זי איז איצט פריי און פיהלט זיך גוט. זי האָפט, אַז ער איז אויך ניט שטארק פארנומען, און אויב ער האָט זי נאָך ניט פארגעסען, זאָל ער קומען אין דעם און דעם טאָג, אין דער און אין דער שעה...

זי האָט דאָס דאָזיגע בריוועלע איבערגעלעזען עטליכע מאָל און האָט רעדאַגירט יענע שטעלען, וואו עס פיהלט זיך צו פיעל ווארימקייט: עס פאַסט ניט!... ווידער האָט זי רעדאַגירט איין שטעלע, וועלכע האָט געקלונגען צו קאַלט... און אַז דאָס בריוועל איז געווען אין גאַנצען צופריעדענשטעלענד, האָט זי איהם אריינ־געלעגט מיט א קלאַפּענדיגען הארצען אין קאָנווערט און, נאָכדעם ווי דער אדרעס האָט זיך פארטריקענט, האָט זי זיך געלאָזט ארויס אין גאס און אריינגעוואָרפען איהם אין ערשטען בריעף־קאַסטען.

א מוטיגע, אַן אויפגעלעגטע איז זי אָפּגעגאַנגען פון בריעף־קאַסטען און האָט אָנגעהויבען צו וואַרטען...

זי האָט אָפּגעוואַרט צוויי טעג. נאָך איהר רעכנונג האָט שוין אַן ענטפער געדאַרפט זיין. אפשר מאָרגען. ביז מען באַקומט, ביז מען ענטפערט, און ביז עס קומט צוריק. דריי טעג איז ניט קיין סך!

און אַז עס איז אַוועקגעגאַנגען א וואָך און קיין ענטפער איז אַלץ ניט אָנגעקומען, האָט העלענע זיך שוין באַליידיגט. זי האָט זיך גענומען איינרעדען, אַז זי דאַרף איהם ניט.

זי האָט אין גאַנצען חרטה, וואָס זי האָט איהם געשריבען. עס וואָלט בעסער געווען, ווען זי געהט ארויף צו איהם אליין. איצט פאַסט ניט. עס וועט הייסען, אַז זי בעט זיך ביי איהם. גיין, בעטען זיך וועט זי ניט. זי איז איצט אויסגערוהט און זעהט

אוים גאַנץ גוט... און געלד האָט זי אויף צום לעבען זעקס וואָכען, אפילו זי זאָל געהן אַלע טאָג אין מואווינג פיקטשורס...

אָבער אין דער שטיל, בשתיקה פון זיך אַליין, האָט זי געווארט... עס מוז איהר אָנקומען א בריעף. אַלע טאָג האָט זי געפרעגט די מיסעס. די מיסעס האָט שוין אָנגעהויבען חושד זיין:

— פון וועמען דארף דאָס זיין דער לעטער?... פון א באָי?...

האָט זיך איינמאָל העלענע שטארק פארשעהמט און געענטפערט:

— און אז פון א באָי איז דען אַן עולה?

האָט די מיסעס גוטמוטיג געשמייכעלט:

— אדרבא!...

איז שוין העלענע בייז געוואָרען, און דעם כעס, וואָס זי האָט געטראָגען אויפ'ן באָי, האָט זי אויסגעלאָזט אויף דער מיסעס:

— איהר מעגט זיין רוהיג... ניט פון א באָי...

און עס איז געוועזען באשערט, אז העלענע זאָל ניט בלייבען קיין ליגנערין. אין א חודש ארום, ווען העלענע האָט זיך שוין געפיהלט אין גאַנצען אוסגערוהט און האָט ערשט געקענט אָנהויבען האָבען פלעזשור און פארברענגען, איז איהר אָנגעקומען א בריעף.

דער בריעף איז געוועזען טאַקי פון דעם באָס...

ער האָט איהר געמאָלדען, אז עס איז דאָ ארבייט און זי זאָל קומען מאָרגען פונקט אַכט א זייגער... דער ווינטער סיזאָן הויבט זיך אָן...

זי האָט דעם בריעף צוגעטראָגען דער „מיסעס" און זיך ווי גערייצט:

— זעהט איהר — ניט פונ'ם באָי — פון באָס... שוין דאָ ארבייט...

דער אַמאָליגער סאָציאַליסט

אין זיין אָרימער היים אין גאַליציען איז שלום וויים געווען א סאָציאַליסט. דאָ אין אמריקא געהערט ער צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי...

עס איז דאכט זיך איינס און דאָס זעלבע. אָבער שלום וויים איז ניט צופריעדען. שוין צעהן יאָהר אין „לאַנד“ און קען זיך נאָך אַלץ ניט צוגעוועהנען צום היגען סאָציאַליזם.

ער איז צו רייך — דער היגער סאָציאַליזם — קלאָגט ער זיך...

שלום וויים האָט ליעב, פון גאַנצען האַרצען ליעב, די שטילע אָרימקייט. געוואָרען א סאָציאַליסט איז ער אין זיין אָרימער היים בלויז צוליעב צוויי אָדער דריי רייכע מענשען אין דער שטאָדט... ווען ניט די צוויי־דריי רייכע, וואָלט שוין געווען אין יענער שטאָדט, וואו ער איז געבוירען, איינגעפיהרט, גאָר אָהן שום קאַמף, דער סאָציאַליזם — אַלע וואָלטען געוועזען גלייך — אָרימע לייט...

דאָ זיינען כמעט אַלע רייך. דאָ איז ער א סאָציאַליסט צוליעב זיך אַליין און צוליעב א פּאָר שלים־מזל'דיגע לאַנדסלייט, וואָס קענען זיך ניט צופּאַסען צום היגען לעבען און זיי ריהרען איהם מיט זייער דערשלאָגענהייט...

אָבער דער היגער סאָציאַליזם געפעלט איהם נישט. ער איז צו רייך, דער סאָציאַליזם, און צו גרויס. כמעט אַלע זיינען זאָציאַליסטען...

דאָרטען אין דער היים זיינען זיי באַשטאַנען פון געצעהלטע יונגע לייט, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען אייניגע אינגלאַך. ער אַליין איז דאַן אויך אַ אינגעל געווען. פון דעסטוועגען האָבען זיי געהאַט אַן אייגענעם „פעראיין" און אַן אייגענע צייטונג.

דער „פעראיין" האָט געהאַט דוקא אַ גרויסע שטוב, ערגעץ אין אַן עק גאַס, פאַר וועלכער מען האָט געצאָהלט עטליכע גולדען אַ חודש...

די דירה־געלד איז אַנגעקומען שווער צו באַצאָהלען, דערפאַר אָבער, אַז מען האָט ענדליך באַצאָהלט, האָט זיך יעדער מיטגליעד געפיהלט אין דעם דאָזיגען „פעראיין", ווי ביי זיך אין בית־מדרש. און ווירקליך איז דער פעראיין געווען, ווי אין אַ קליין בית־מדרש'ל. אויף איין וואַנד, אין מזרח־וואַנד טאַקי, איז געהאַנגען קאַרל מאַרקס אַליין, אויף די איבעריגע דריי וואַנד זיינען געהאַנגען די בילדער פון ענגעלס, ראָבערט אָווען, דוד עדעלשטאַדט און אַנדערע „הייליגע". דער פעראיין האָט אויך פאַרמעגט אַן אַלמער מיט ספרים, וועלכע זיי האָבען גערופען די „ביבליאָטעק", און אַזוי מען האָט ניט געטאָרט אַרויסטראָגען אַ ספר פון בית־מדרש, אַזוי איז געווען אַ שטרענגער פאַרבאָט צו נעהמען אַהיים אַ בוך פון דער דאָזיגער ביבליאָטעק.

— ווילסט לערנען—לערען דאָ!... — פלעגט דער עלטסטער פון פעראיין זיך ווענדען שטרענג צו אַ מתמיד, וואָס פלעגט זיך מכין זיין נעהמען אַ ספר אַהיים.

דער פעראיין האָט פאַרמאָגט אויך אַן אויוועז, און אין די ווינטער־אָווענדען, נאָך אַ הייסער דיסקוסיע פון די מיטגליעדער, פלעגט מען בשותפות קאָכען טהעע און באַקען קאַרטאָפעל. עס זיינען אויך געווען אַזוינע מיטגליעדער, וואָס האָבען קיין היים אין ערגעץ ניט געהאַט, זיי זיינען געווען פון פרעמדע לענדער. פאַרפאָלגטע פון זייערע רעגיערונגען, — פלעגען זיי געפינען אַ היים און נאַכטלעגער אין דעם דאָזיגען פּאָציאַליסטישען בית־מדרש'ל — אין „פעראיין"...

דאָס אַלעס געדענקט שלום וויים און קען עס ניט פאַרגעסען

ער בענקט נאָך דעם ווען ער געפינט זיך דאָ אין די „קלוב רומס" פון זיין „ברענטש". אויך אין די קלוב רומס הענגען אויף די ווענד די זעלבע בילדער וואָס אין יענעם „פעראיין", אָבער קיין היי־ליגע זיינען זיי נישט, און קאַרל מאַרקס האָט אין גאַנצען פאַר־לאָרען זיין סאָציאַליסטישען אויסזעהען. אין די היגע קלוב־רומס זעהט ער אויס, ווי אַ רייכער מאַנופעקטשורער, אַ דייטשער יהודי...

מעהר אָבער בענקט שלום ווייס נאָך דער היימישער אַמאָ־ליגער צייטונג — די אָרימע, אָבער מיט בלוט ארויסגעגעבענע צייטונג...

ניט אַלע טאָג איז זי ערשיענען און ניט אַזוי פיעל זייטען האָט זי פאַרמאָגט, ווי די היגע. דער סאָציאַליזם איז צו טיעף און צו עדעל, אַז מען זאָל איהם מיט אַזוי פיעל ווערטער דאַרפען פאַרשרייען... ניין! זייער סאָציאַליסטישע צייטונג האָט פאַר־מאָגט אין נאָרמאַלע גוטע צייטען פיר קליינע זייטען מיט אַ קליין שטיקעלע אַ הוספה. אין די צוויי זייטען האָט מען פאַרטיעפט דעם סאָציאַליזם מיט אַלערליי סברות. ווי וועט זיין אַזוי און אַזוי און ווי וועט זיין אַנדערש... וועלכע לאַנד ווועט דער סאָ־ציאַליזם פאַרווירקליכען און וועלכע לאַנד וועט ניט דערלאָזען איהם צום פאַרווירקליכען... צי ווועט דער סאָציאַליזם קומען ברעש, אָדער שטיל, ווי אַ ווייסע טויב... ווי אַזוי וועט מען טאָן מיט די קלייז־בירגער? וועלען זיי אין גאַנצען אויסגעראָטעט ווערען, אָדער וועלען זיי זיך ביסלעכווייז פּראָלעטאַריזירען?...

און געשריבען איז דאָס אַלעס געווען אין אַ שעהנעם הויכען סטיל, מיט שעהנע אָבער שווערע ווערטער, צו וועלכע מען האָט געדאַרפט נוצען דאָס ווערטער־בוך, וואָס האָט זיך אין דער „פער־איינס"־ביבליאָטעק דוקא נישט געפונען... מען האָט זיך אַלץ געקליבען צו קויפען און ניט געקענט...

און שלום ווייס פאַרבענקט זיך אַט נאָך יענער צייטונג, וועלכע האָט טאַקי געהייסען „דער סאָציאַליסט". ער געדענקט, ווי אַזוי מען האָט פאַרגעשלאָגען פאַרשיעדענע נעמען פאַר דער צייטונג, ערב איהר ערשיינען. זי האָט געזאָלט הייסען „די רויטע פאָהן",

„דער קאמפף“, „דער ארבייטער“, דער אָנזאָג“, „די זון“, „דער מאָרגענשטערען“, „דער פויסט“, „דער האמער“, און די אַלע נעמען זיינען איינשטימיג ניט אָנגענומען געוואָרען... פיעלע פון די מיטגליעדער האָבען צוגעגעבען, אז צווישען די אָנגעגעבענע נעמען געפינען זיך עטליכע הויך־געלונגענע, זאָגאר ערהאבענע, למשל, „דער אָנזאָג“... אָבער עס איז צו ראָמאַנטיש... מען דארף האָבען א נאָמען, וואָס זאָל גלייך ערקלערען, ווער מיר זיינען און וואָס מיר ווילען — דערפאר זאָל די צייטונג טראָגען דעם אמת'ן נאָמען — „דער סאָציאַליסט“...

און ניט געהאָלפען האָט ניט די באמערקונג פון דעם איין פּראַקטישען פון די מיטגליעדער, וועלכער האָט איינגעווענדעט, אז דער נאָמען וועט אָפּשרעקען די ניט־סאָציאַליסטען...

מעהר אָבער האָט ער שוין ניט גערעדט. דער פּאָרזיצענדער, א הויך אידעאַלער יונגער מאן מיט איינגעפאַלענע באַקען, פון וועלכע עס האָט ארויסגעקוקט נאָך בולט'ער די צוויי שווארצע פינקלענדיגע אויגען — דער פּאָרזיצענדער האָט געגעבען א קלאַפּ מיט'ן פויסט איבער'ן טיש, ניט נאָך זיינע כחות נאָך, און א געשריי געטאָן:

— מיר דארפען ניט קיין אנדערע לעזער... מיר ווילען ניט ארייננארען... אונזער לעהרע איז אָן אָפּענע...

שלום וויים'ען קלינגען נאָך איצט אין די אויערען די אפּלאָדיסמענטען, וואָס דער דאָזיגער באגייסטערטער פּאָרזיצענדער האָט באקומען פאר די פלאַמענדיגע פאר ווערטער.

און די צייטונג האָט געהייסען „דער סאָציאַליסט“. ערשיינען פלעגט זי דארפען, לויט ווי עס איז געווען אָנגעגעבען אויפ'ן פּלאַץ נאָכ'ן טיטעל — יעדער דאָנערשטאג, אָבער ערשיינען פלעגט זי דאָס רוב דיענסטאג, אמאָל מאָנטאג — אָבער דאָס האָט ניט געהייסען, חלילה, אז זי איז געווען ניט פּינקטליך און פלעגט ערשיינען פריהער פאר דער צייט. נאָר פונקט פארקעהרט — דער מאָנטאג איז ניט געווען א מאָנטאג פאר'ן דאָנערשטאג, נאָך נאָך א דאָנערשטאג... אזוי פלעגט זי נאטירליך, צוליעב געלד־מאַנ־

געל, אליע זיך וואקלען און פלעגט ערשיינען אין פארשיעדענע טעג, ביז עס האָט זיך אויסגעגלייכט און ענדליך ערשיענען ווידער אין א דאָנערשטאג... אויף אזא אופן איז די דאָזיגע וועכענטליכע צייטונג ערשיענען ביי זיעבען און צוואנציג נומערען א יאָהר...

נאָכ'ן יאָהר פלעגט דער פעראיין די דאָזיגע זיעבען און צוואנ־ציג נומערען איינבינדען אויף זיינע קאָסטען און עס פלעגט זיך באקומען א דין, אָבער א וויכטיג בוך, פול מיט טיעפע באלעה־רענדע ארטיקלען, וועלכע די מיטגליעדער פלעגען אין די ווינטער־אָווענדען שטודירען, איבערהויפט אין יענע אבענדען, ווען „דער סאָצאַליסט" פלעגט דארפען ערשיינען און האָט צוליעב געלד־מאנגעל ערשיינען ניט געקענט... פלעגט מען יוצא זיין מיט דעם געבונדענעם יאָהרגאנג „סאָציאַליסט"...

און וואָס איז באמת געווען די נפקא מינא?... קיין בעסערע ארטיקלען, ווי דער געבונדענער יאָהרגאנג האָט פארמאָגט, קען שוין אין די ווייטערדיגע ניט זיין.

שלום וויים פארבלאָנדזשעט אמאָל אין דער אידישער אָפּטיי־לונג פון היגער „לייברערי" און פרעגט נאָך אויך די פאָר יאָהר־גאנגען פון דעם אמאָליגען „סאָציאַליסט"...

אָבער אומזיסט... דער מאַן וואָס פארוואַלטעט מיט די אַלטע זשורנאַלען האָט אונטער זיין האנד פון פויגעל־מילך: צוואַנציג יאָהרגאנג „פאָרווערטס", א ניין־יאָהרגאנגען „נייע פאָסט", א זעקס יאָהרגאנג ווייבערשען סאָציאַליזם „די גלייכהייט" — אויך געבונ־דען... „די פרייהייט" — אויך געבונדען... אָבער ניט דער אמאָ־ליגער „סאָציאַליסט"...

און ביי שלום וויים'ען שטעלען זיך טרערען אין די אויגען... ניטאָ דער אמאָליגער „סאָציאַליסט"...

אַ צנועה אין קאַבאַרעט

הײמאַן האָט געהאַט אַ פּרינציפּ: וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לײַטען איז צו לײַטען. דערפאַר האָט זיך אין זײַן קאַבאַרעט, וועלכער האָט געטראָגען זײַן נאָמען, „הײמאַנ׳ס“, גע־פונען צווישען אַלע זינגערינס און טענצערינג מיט די קורצע קלײדלאַך, וואָס האָבען פאַרדעקט בלויז דעם קערפּער ביז׳ן ביוסט, אויך אײנע, וואָס האָט געמוזט טראָגען אַ לאַנגע, שוואַרצע אָדער אונשולד־ווײַסע קלייד פאַרקנעפּעלט ביז׳ן האַלז און די אַרבעל ביז די פינגער. און זינגען האָט זי געמוזט די סאַמע ריהרענדע און סענטימענטאַלסטע לידער מיט אַ געוויסען מוסר השכל בײַ דער ענדע. אין גאַנצען האָט די דאָזיגע זינגערין געדאַרפט זינגען צוויי לידער; אײן מאָל נאָכ׳ן ווילדען טאַנץ פון דער שפּאַניערין, וואָס האָט צופיעל אויפגעשטורעמט די יונגע און אפילו די עלטערע באַזוכער מיט איהר שטאַרקען טעמפּעראַמענט. די דאָזיגע שפּאַ־ניערין, אַ אידיש מײדעל פון אדעס, איז געוועזען דער הויפּט־פּיטשור פון קאַבאַרעט. עס איז אַ סברא, אַז ווען ניט זי, וואָלט דער קאַבאַרעט, וועלכער עקזיסטירט ערשט אַ פּאָר יאָהר, שוין צו גרונד געגאַנגען.

הײמאַנ׳ען אָבער האָט וועה געטאָן, וואָס צוליעב פּרנסה מוז ער האָבען אַזאַ ווילדע קראַפט און דערפאַר האָט ער באַרוהיגט זײַן געוויסען מיט דער צנועה. אַזוי האָט בײַ איהם געהײסען די קראַפט אין דער לאַנגער, שוואַרצער אָדער אונשולד־ווײַסער קלייד.

נאָכ׳ן ווילדען טאַנץ פון דער אדעסער שפּאַניערין האָט געמוזט קומען די צנועה און באַרוהיגען די אויפגערעגטע געמיטער מיט אַ מאָראַלישער ליעד אין דער ענגלישער שפּראַך.

ווען די שפּאַנישע טענצערין האָט געטאַנצט איהר ווילדען טאַנץ איז היימאַן געשטאַנען פאַררוקט ערגעץ אין אַ ווינקעל הינטער די מוזיקאַנטען און זיך געשעהמט קוקען מאַנכע באַ־קאַנטע געסט אין די אויגען. געווים ברענגט זי איהם אריין שפּע, די דאָזיגע ברען. אָבער דאָס ווינקעלע אין האַרצען, וואָס איז געווען אָפּגערייניגט ביי איהם פאַר גאָט, האָט זיך געוואָרפען פאַר שרעק. ער האַלט אין זיין הויז אַ יצר־הרע פאַר דער וועלט. דערפאַר אָבער ווען די צנועה אין לאַנגען קלייד פלעגט ארויס אויפ׳ן מיטען קאַבאַרעט און זיך אוועקשטעלען אַ פאַרשעהמטע און פול מיט הכנעה זינגען פאַר די געסט, פלעגט היימאַן דער ערשטער זי אויפמונטערען מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטען. נאָך דעם ווי זי פלעגט ענדיגען דאָס מאָראַלישע ליעד, פון וועלכער דאָס פּובּ־ליקום איז איבריגענס ניט צופריעדען געווען, כאָטש אויס מצוה האָט מען איהר יאָ אַפּלאָדירט, אָבער ניט אַזוי פיעל, אַז זי זאָל דאַרפען זינגען נאָך איינע — נאָך דעם פלעגט ער זי אוועקנעהמען צו זיין טישעל, וואָס איז געשטאַנען ביים בופעט, און מכבד זיין איהר מיט אַ גלאָז לימאָנאַד. קיין אנדער משקה האָט זי דעמאָלט ניט געטאָרט טרינקען. דערווייל פלעגט ארויסקומען די „משוגענע" זינגערין, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ סקאָטלאַנדישע, אָבער אין דער אמת׳ען איז זי געווען אַ געבוירענע אין ניו יאָרק, אין סאָפאָלק סטריט. משוגענע האָט זי געהייסען טאַקי אויפ׳ן פּראָגראַם. דאָס איז געווען איהר טיטעל. וועלכען זי טראָגט שוין מיט שטאָלץ עטליכע יאָהר פאַר איהרע ווילדע העויות, וואָס זי מאַכט ביים זינגען, און פון וועלכע די געסט, איבערהויפּט די יוגענד, פאַלען אריין אין הויכען עקסטאַז. דער אינהאַלט פון די ליעדער, וואָס זי זינגט, איז פול מיט אָנצוהערענישען, צווייזייטיגקייטען און אמאָל מיט גאַנץ קלאָרע אָנדייטונגען, פון וועלכע היימאַנ׳ען פלאַמט דאָס פּנים. דערמאָלט פאַררעדט ער זיך מיט דער צנועה, וועלכע

זיצט קעגען איבער איהם און טרינקט מיט שטאט איהר לימאנאד דורך א שטרויעלע.

אז אלע ווילדע טענץ ווערען אפגעטאנצט און אלע צוויידייטיגע לידער ווערען אפגעזונגען, קומט ארויס ווידער די צנועה, ווי אפצואווישען דעם זינדיגען איינדרוק וואס די פריהערדיגע „קרעפטען" האבען ארויסגערופען ביי די געסט. אבער דאס רוב פון פובליקום איז שוין אביסעל בארוישט און אפילו אין איהר פרומען ליעד לעגען זיי אריין זינדיגע כונות. אבער הײמאן שטראהלט פאר צופריעדענהייט. זי, די צנועה, וועט איהם אויסקויפען פון אלע זינד. ער קוקט אויף איהר לאנגע קלייד פארקנעפעלט הויך ביז'ן האלז, די באשיידענע פריזור, די לאנגע ארבעל, וואס פארדעקען די גאנצע הענד ביז די פינגער, און ער בענשט זיך מיט איהר.

היימאן אליין איז זאט פון די אלע זינדיגע נשמות, וואס צרליעב פרנסה מוז ער זיי האלטען און צאהלען הויכע געהאלט. זיין נשמה פאדערט ריינקייט און ער געפינט עס אין דער צנועה.

און ווען דאס פראגראם ענדיגט זיך שוין און די ארדעסער שפאניערין און די „משוגענע" סקאטלאנדישע פון סאפאלק סטרים זיצען מיט א קאמפאניע יונגע לייט און טרינקען וויין אדער נאך שטארקערע געטראנקען, זיצט דעמאלט היימאן מיט דער צנועה ביי א גלאז לימאנאד און מען שמועסט זיך איבער.

— וועט איהר טאקי פאהרען אזוי שפעט אהיים?

— געווים... — ענטפערט זי.

היימאנ'ען אבער איז שווער זיך צו שיידען מיט איהר. זיין נשמה בענקט אזוי נאך אביסעל ריינקייט און זויבערקיים. ניין, ער וועט זי ניט לאזען געהן אהיים, צו איהר מאן ערגעץ אין די יאנקערס.

— איהר וועט בלייבען שוין היינט ביי מיר, אויבען... איך האב פאר אייך א פיינעם צימער...

— אך, איך קען ניט... איך טאר נים — רויטעלט זיך די זינגערין פון די מאראלישע לידער.

— איהר מוזט! — בעט זיך היימאַן.

און ווען די נעסט צוגעהען זיך און די אָרקעסטער שפּאַניערין קלויבט זיך אויך שוין צו געהן מיט איהר ברודער, וועלכער קומט זי אַלע נאַכט אָפּפיהרען אַהיים, און די „משוגענע" סקאַטלאַנדישע געהט אַוועק מיט איהר מוטער, וועלכע קומט איהר אויך אַלע נאַכט פיהרען אַהיים, — דרעמאַלט בלייבט נאָך די זינגערין פון די מאָראַלישע ליעדער מיט היימאַנ'ען זיצען. דער איינציגער קעלנער, וואָס בלייבט נאָך, ווייסט שוין, אַז ער דאַרף זיי דערלאַנגען צוויי פיינע, שטאַרקע „דרינקס".

דער באָס און די סטרייקערינס

בעסי און קיידי — צוויי יונגע שוואַרץ־חנ'עוודינע מיידלעך פון מיטעלער וואוקס, מיט גראַציעזע פיגורעלעך — זיינען „אַפּאָנ־טעד" געוואָרען פון דעם יוניאָן־לאָקאַל, צו וועלכען זיי האָבען אָנגעהערט, צו געהן זאַמלען געלד פאַר די סטרייקערינס.

די מיסיאָן האָבען זיי אָנגענומען מיט גרויס שמחה. ביידע לאַנדסמיידלעך, זיינען זיי נאָך אין זייער שטעדטעל אַמאָל אַרומ־געגאַנגען זאַמלען געלד פאַר'ן בונד. נאַטירליך, אין דער היים האָט דאַמאָלס ניט יעדער געטאָרט וויסען, אַז דאָס איז פאַר'ן בונד. דאָרט האָבען זיי געשפּיעלט די ראָלע פון צוויי „גבאי'טעס" וואָס קלייבען נדבות פאַר אַן „אָרימער פאַמיליע". אָבער דאָ האָבען זיי פראַנק און פריי אַרויסגעזאָגט דעם צוועק פון זייער זאַמלען. איבריגענס, איז דאָס זאָגען געווען אַן איבריגע זאַך: אויף זיי־ערע בריסטער איז געווען אָנגעהאַנגען צו רויטע לענטעלעך מיט דעם אויפשריפט: פאַר די סטרייקערינס... דער זעלבער אויפ־שריפט איז אויך געווען אויף דער פּושקע, אין וועלכער די שפּענ־דונגען זיינען אַריינגעוואָרפען געוואָרען...

די אַרבייט איז געווען זעהר אַנגענעהם. דער סטרייק איז שוין געווען אַביסעל פּאָפּולער א דאַנק דער פרעסע וואָס האָט איהם שטאַרק צובלאָזען אַלס סענסאַציע, דערצו האָבען שוין מיט צוויי טעג צוריק א טויזענד מיידלעך־סטרייקערינס געמאַרשירט מיט רויטע פאָהנען, אויף וועלכע עס זיינען געווען אויפגעשריבען

דרייסטע און פולע פאָדערונגען. דער דאָזיגער מארטש האָט פארנומען עטליכע בלאקס און האָט געמאכט אויף פיעלע פארביי־געהער א שטארקען איינדרוק. יונגע לייט, ליידיג־געהערס האָבען לאנג דעם דאָזיגען מארטש נאָכגעפאָלגט מיט אָפּעטיטליכע בליקען, און באָיעס, וואָס האָבען אליין געפיהלט דעם טעם פון א סטרייק, האָבען מיט פרומע פארגלאָצטע אויגען זיך אָנגעשלאָסען אָן מארטש און האָבען מיט מאנכע מיידלעך פון די געשלאָסענע רייהען, גע־שלאָסען באקאנטשאפט... אויך די פרעסע, זאָגאר די קאפּיטאַ־ליסטישע, האָט דעם דאָזיגען מארטש געשענקט גרויס אויפמערק־זאמקייט. די סאָציאליסטישע צייטונג האָט אָבער מיט דעם דאָ־זיגען מארטש פארנומען גאנצע פיער שפּאלטען, און אין יענעם טאָג איז אין דער צייטונג ניט אריין ניט די שטענדיגע סקיצע און ניט דער געוועהנליכער פעליעטאָן; אויך איז ארויסגעפאלען פון יענעם נומער די גאלעריע פון די פארשוואונדענע מענער...
די באשרייבונג פון דעם מארטש האָט שוין געהאלטען צו פאר־כאפּען די אָפּטיילונג „דאָס הארץ פונ׳ם פאָלק", דאָס איז יענע אָפּטיילונג אין דער „צייטונג", וואָס דאָס פאָלק אליין פילט אויס מיט זיינע אלטעגליכע אינטערעסען, אין דער פאָרמע פון בריעף. אָבער פאר דער דאָזיגער אָפּטיילונג האָט זיך איינגעשטעלט דער הויפּט־מיטארבייטער פון דער צייטונג און האָט געוואָרענט, אז דאָס קען ארויסרופען אונצופריעדענהייט ביי א גרויסען טייל פון די לעזער. דער רעדאקטאָר האָט געהאלטען מיט׳ן הויפּט־מיטאר־בייטער און די באשרייבונג פון מארטש האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער דאָזיגער אָפּטיילונג.

אָבער אין די פיער „קאָלומס", וואָס די באשרייבונג פון מארטש האָט פארנומען, איז אויך גענוג נאָך ארויסגענאָמען גע־וואָרען אויף די באָסעס פון די שעפּער, וואו די מיידלעך האָבען געסטרייקט. דער רעפּאָרטער, א מענש ניט אָהן טאלאנט און מיט א שטארקען טעמפּעראמענט, אליין א געוועזענער ארבייטער, האָט אין דעם דאָזיגען רעפּאָרט זיך ארויסגעוויזען פאר א גוואל־דיגען פיינד פון באָסעס. ער האָט שיער ניט גערופען צו א סאָ־

ציאַלער רעוואָלוציאָן און צו נאָך אַזוינע אידעאַלען, וואָס שרייבען זיך אַזוי לייכט, ווען דער טינט איז גוט און שוואַרץ, פּאַפּיער ווייס און ווייך און די פעדער ניי און האָט ניט קיין אָפּגעבראָכענעם שפּיץ, ווי עס פּאַסירט אַמאָל מיט אַ פעדער אין אַ רעדאַקציע, וואָס ווערט באַנוצט פון פאַרשיעדענע „הענד"...

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז נאָך אַזאַ מאַרטש און נאָך אַזאַ באַשרייבונג, איז בעסי'ן מיט קיידי'ן אָנגעקומען דאָס זאַמלען די שפּענדונגען זעהר לייכט. ווענגען פּענים איז אָפּגערעדט: די דאָזיגע קליינע מטבע'לעך זיינען געפלויגען אין שפּעלטעל פון פּושקע ווי דורך כשוף... נאָר אַפילו ניקעלס זיינען אויך געוואָרפען געוואָרען מיט גרויס פרייד. אין איין קאַפע, וואו עס זיצען יונגע ליטעראַטען און יוניאָן־פיהרער, וואָס זיינען אַלע מאָל יונג, האָבען די צוויי לאַנדס־מיידלעך געמאַכט אַ מטמון מיט גאָלד... איין ליטעראַט, וואָס האָט נעהאַט אַ שם פאַר אַ שטיקעל דאָן־זשואַן און וואָס אין אמת'ען האָט ער בלויז געליעבט די פּאָעזיע פון די אידישע טעכטער, האָט אַריינגעוואָרפען אין פּושקע אַ גאַנצען קוואָדער און האָט, אויסער דער גרויסער ספּענדונג געשענקט אייניגע ליעבליבע און פריינדליכע בליקען פריהער בעסי'ן, נאָכדעם קיידי'ן. עס איז געווען קענטיג, אַז ער האָט אַ פּראָבלעמע: ווער איז שעהנער: בעסי צי קיידי...

אַ גרויס גליק האָט די צוויי זאַמלערינס געטראָפען ביי אַ סטיישאָן, וואו זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט אַ ווייגער זעקס אין אָוועגד צו וואַטשען די אַרבייטער, וועלכע פאָהרען פון דער אַרבייט.

פון סטיישאָן איז אַראָפּ אַ הויך און פעסט געבויטער מאַן מיט ברייטע פּלייצעס און אַ גרויסען קאָפּ, אויף וועלכען עס איז געזעסען אַ שטייפע נייע הוט. דער מאַנטעל מיט'ן ראָק איז ביים מאַן געווען פאַנאַנדערגעשפּיליעט און עס האָט זיך אַרויסגעזעהן זיין דיקע גאָלדענע קייט. אין ברייטען ווידענעם קראַוואַט האָט געפינקעלט אַ גאָלדענע „פין"...

די צוויי מיידלעך האָבען איהם פלינק אָנגעקוקט, נאָכדעם

האבען זיי זיךביידע איבערגעקוקט, ווי זיי וואלטען זיך געהאלטען שטומערהייט אן עצה, אפשטעלען איהם צי ניט; אבער אזוי ווי דער דאזיגער מאן האט שוין געהאלטען ביים אוועקגעהן, איז בעסי מוטיג געוואָרען און האט איהם ווי צוטומעלטערהייט א ציה געטאן און האט אויסגעפראלט:

— מיסטער, שענקט עפּיס פאר די סטרייקענדע מיידלעך.

דער מאן האט זיך אפּגעשטעלט, באטראכט זיי מיט א צווייי־דייטיגען שמייכעל, געפרעגט דעם טרייד פון די סטרייקערינס, און דערהערענדיג דעם נאמען פון טרייד, איז זיין שמייכעל נאך דייט־ליכער געוואָרען, און ער האט זיך פריינדליך אנגערופען:

— יא... עס איז מיר באקאנט... א שווערער טרייד... זיי זיינען טאקי גערעכט די מיידלעך... וואס פאדערען זיי אייגענטליך?

בעסי און קיידי, שטארק ענטציקט פון דעם אנטייל, וואס דער דאזיגער מאן נעהמט אין דעם סטרייק פון זייערע שוועסטער, האבען פאר איהם איינע נאך דער אנדערער אויסגעשאטען די גאנצע טעאריע און פּראקטיק פון דעם דאזיגען סטרייק.

דער מאן איז אבער געווען לויט בעסי'ס און קיידי'ס מיינונג א שטארקער ארבייטער־פריינד און ער האט זיך נאך ניט באגנור־גענט. ער האט זיך אויך שטארק פאראינטערעסירט מיט דער פאקטיק.

— איך בעט אייך, קינדערלעך — איז ער אלץ ווייכער און זאנפטער געוואָרען, — ווי לאנג רעכענט איהר צו שטעהן אין סטרייק?

— ביז מיר וועלען אויסקעמפען אלע אונזערע פאדערונ־גען! — האט בעסי מיט א פייער אין די שווארצע אויגען אויס־געשאסען.

— ביז וואנען מיר וועלען די באסעס איינמיעדען! — האט קיידי פון איהר זייט מיט נאך מעהר פייער צוגעגעבען.

— גערעכט... גערעכט... — האט דער מאן פאטאקע־וועט... — זיי זיינען דאס ווערט, די באסעס... זאגט־זשע מיר,

קינדער, זיינען אַלע סטרייקעריגס אַזוי ווי איהר באַגייסטערט?...
איז ניטאָ קיין אונצופריעדענע?...

— אַלע ווי איינע! — האָט בעסי באַשטעטיגט מיט זיי־
כערהייט.

— מיר שטעהען אַלע פעסט ווי אַ וואַנד! — האָט קיידי
פון איהר זייט דעקלאַמירט אַ גאַנצע צייל פון אַ קאַמפּס־ליעד...

דער מאַן האָט אַ שמייכעל געטאָן נאָך ברייטער, אַ קנייטש
געטאָן דעם שטערען און געמורמעלט:

— שעהן... שעהן... זעהר שעהן!...

און ביי די ווערטער האָט ער אַרויסגענומען אַ פינף דאָלאַר
שטיק און איהם אייגענהענטיג אַריינגעלעגט אין פושקע.

— ווער קען דאָס זיין? — האָט בעסי, אין גאַנצען שטראַה־
לענדיג פאַר גליק, אויסגעשטעלט די אויגען, ווען ער איז אַוועק.

— אין רעכען אַ געוועזענער אַרבייטער, וואָס איז רייך גע־
וואָרען, — האָט קיידי משער געווען.

— אַ פיינער מאַן! — האָט בעסי געריהמט...

— זעהט זיך אָן זעהן אַן איידעלער! — האָט קיידי איהר
מיינונג געזאָגט...

— ווייסט, אַז ער איז גיט קיין מיאוס'ער — האָט בעסי
אביסעל, ווי פאַרשעהמט, זיך אָנגערופען צו קיידי'ן.

קיידי אָבער איז נאָך דרייסטער געווען און האָט געזאָגט:

— מיר דאַכט, אַז ער איז זעהר אַ שעהנער...

דער מאַן אָבער האָט שוין די געזיכטער פון די צוויי מיידלעך
פאַרגעסען. ער האָט זיך פאַרקירעוועט אין אַ זייטיגער סטרים
און אַרומגעטראַכט זייערע ווערטער:

— מיר שטעהען ווי אַ וואַנד!... „יאָ, — האָט ער געמור־
מעלט, — עס וועט זיין שווער זיי בייצוקומען."

ער איז ענדליך צוגעקומען צו אַ פּריוואַטע הויז, וואו די באַסעס
פון די שעפּער האָבען געהאַט דעם אָווענד אַ פאַרזאַמלונג.

נאָך אַ קורצער באַגריסונג האָט איהם דער פּרעזיצענדער נע־פרענט:

— נו, הערר מילער, וואָס הערט מען עפּים?

— אַ, איך האָב איצט ביי צוויי סטרייקערינס פיעל ער־פאהרען! — האָט דער הערר מילער ווי פּראָוואָקענט געענט־פערט. — עס האָט מיר געקאָסט פינף דאָלאַר דער עסק. גיט מיר דעם פינפערעל, מר. סעקרעטער, און שטעלט עס צו צו די סטרייק הוצאות.

הערר מילער האָט געקראָגען אַ פינפערעל...

איבער׳ן קינד

קיין גרוים וואוילטאָג האָט מען דעם קינד ניט געקענט געבען. די „ווייזשעס" פון יונגען פּאָטער זיינען בערך זעהר קליין. אָבער דער פּאָטער איז שוין געווען א האַלב־אויפגעקלערטער מענש און ער האָט געהאַט א שטאַרקע אמונה אין לופט... אָבער אויך די לופט, וואָס האָט זיך געפונען אין די צוויי קליינע רומקעס איז פאַר דעם קינד ניט געווען אַמבעסטען. דער האַלב־אויפגעקלער־טער פּאָטער האָט געהאַט א ידיעה אין באַצילען און מיקראָבען און האָט פאַר זיי זיך געשראָקען אימת־מות... איז אויב שוין יאָ א ביסעל בעסערע לופט, מוז מען עס געהן זוכען אין דרויסען... צום גליק האָט זיך די וואוינונג געפונען בשכנות מיט׳ן העסטער פּארק... מיט דעם דאָזיגען פּאַרק האָט דער יונגער פּאָטער זיך שטאַרק גערעכענט. דער הימעל א גרויסער און א פרייער, ליגט איבער איהם אויסגעשפּרייט, און אַזוי ווי דער הימעל איז דאָך ניט מעהר ווי לופט, וועט עס פאַר׳ן קינד זיין א הילף, עס וועט איינאָטעמען וויפיעל עס וועט קענען און עס וועט נאָך בלייבען פאַר די איבריגע קינדערלעך. פאַר די גרויסע האָט דעם יונגען פּאָטער נישט געאַרט.

דערפאַר איז יעדער פריהמאָרגען, ווען דער יונגער פּאָטער קלויבט זיך אוועקצוגעהן אין שאַפּ, זאָגט ער אָן דאָס יונגע ווייבעל:

— פאַרגעס ניט דאָס קינד אַרויסצופיהרען אין פּאַרק, און בלייב מיט איהם דאָרטען וואָס לענגער...

אין א יום־טוב, ווען ער איז פריי פון שאפ און בלייבט אין דער היים, טוט ער עס אליין. ער פאָהרט אראָפ מיט'ן לעדיגען וועגעלע פון פיערטען פלאָר, האלטענדיג דאָס קינד אויף איין האנט. אין האָל לעגט ער דאָס קינד פאָרזיכטיג אריין אינוועניג און ער מאכט די רייזע ביז'ן פארק...

עס איז א רייזע מיט די גרעסטע געפאהרען... ער דארף איבערוואָרטען גרויסע, שלעפּענדיגע וואָגענס, שנעלע אויטאָמאָ־בילען, פעדלער איינגעשפּאנטע אין פושקארטס. איהם דאכט זיך, אז די אלע זיינען בלויז באשאפען געוואָרען צו שאָדען זיין קינד...

אָבער, ווי א געניטער קאפּיטאן, מיידט ער די אלע געפאהרען אויס. ווי א קאפּיטאן לעגט אמאָל אָן וועג אויסצומיידען אן אייז־בארג, אזוי לעגט דער יונגער פאָטער אָן א פּאָר בלאָקס וועג, אויסצומיידען א פושקארט פון א פעדלער. ביז וואנען ער ברענגט זיין שיף מיט'ן פּאסאזשיר, עס הייסט — דאָס וועגעלע מיט דעם קינד, אויף א זיכערען באָדען — אין העסטער פּארק...

ווי פריה ער זאָל ניט קומען, האָט ער דאָך א באנק אלע פארשפּעטיגט. עס איז יום־טוב אויף גאָט'ס וועלט און ניט נאָר קליינע קינדערלעך, נאָר גרויסע מענשען ווילען אויך א ביסעל לופט, און זיי געניסען זי זיצענדיגערהייט. נעבען מאנכע בענק שטעהען וועגעלעך מיט שלאָפענדיגע קינדער און עס היטען זיי אָפּ אָדער די מוטערס, אָדער די פאָטערס, און אמאָל ביידע צו־זאמען...

דעם יונגען פאָטער קומט אויס צו זוכען א ווינקעל וואו אנידערצושטעלען זיך מיט'ן וועגעלע.

אז עס געלינגט איהם צו געפינען אזא ווינקעל, פיהלט ער זיך גליקליך. אין העסטער פּארק איז מען זיכער פון די אלע געפאהרען, וואָס לויערען אויפ'ן קינד אויף דער גאס... קיין אויטאָמאָביל, קיין עקספּרעס־וואָגען און אפילו דער פעדלער מיט דעם פושקארט, וועט ניט האָבען קיין העזה אהער אריינצוקומען.

שטעהט אזוי דער יונגער פאָטער נעבען וועגעלע און שמיי־כעלט צום קינד. עס איז קאַלט, דעקט ער עס איין ביז'ן נעזעל.

דאָס נעזעל מוז זיין אָפּגעדעקט, דאָס קינד זאָל קענען איינאָטעמען די לופט... שפּעטער אַ ווײַלע ווערט דאָס קינד אַנשלאָפען, האָט שוין דער יונגער טאַטע גאָר קיין אַרבייט נישט, איז ער זיך מישב און קויפט פאַר צוויי סענט אַ צייטונג, אויסצוגעפינען וואָס טוט זיך עפּיס אויף דער וועלט...

ער שפּרייט אויס איבער'ן וועגעלע די צייטונג און הויבט אָן לעזען שטעהענדיגערהייט... אויף דער וועלט איז גרויסע צרות... שיפען געהען אונטער, מענשען פאַלען אין גאַס פאַר הונגער, מען פריהרט אָהן קויהלען, מילך ווערט טייערער, שטור-רעמס אין די ווייטע לענדער — זיי געהען, זיי וועלען קומען אהער...

און מיט דער אויסגעשפּרייטער צייטונג איבער'ן שלאָפענ-דיגען קינד, לעזט ער איין אונגליק נאָכ'ן צווייטען... דאָס קינד שלאָפט מיט אַ רוהיגען שלאָף. ער ווייסט פון גאָרנישט, אָבער דעם יונגען פאָטער'ס האַרץ וואַרפט זיך פאַר שרעק... איהם דאַכט זיך, אַז די אַלע געפאַהרען, וואָס עס שטעהט פאַר דער וועלט, שוועבט איבער זיין קינד'ס קעפּעל, אויף וועלכען די צייטונג איז אויסגעשפּרייט... ער כאַפּט אַוועק שנעל די צייטונג, און לעגט עס צוזאַמען, ווי ער וואָלט וועלען פאַרהיטען דאָס קינד פון די אַלע אומגליקען, וואָס לויערען אויף דער וועלט און אויף זיין קינד...

אַן איבעריגער מענש

צו גרינשפּאַנ׳ען אין הויז האָט די לעצטע צייט אָנגעהויבען אַריינצוקומען אין די אָוועגד־שטונדען אַ מאַן אין די מיטעלע יאָה־רען, מיט אַ צוקנייטשטען פּנים, טיעף איינגעגראָבענע אויגען, אָבער מיט אַ זעהר גוטען שמייכעל אויפ׳ן צוקנייטשטען פּנים, איבער־הויפּט איז דער שמייכעל געלעגען אין די איינגעגראָבענע בלויע אויגען... גרינשפּאַן, אַליין אַ לענדלאָרד, האָט געהאַט פּינקטליכע טענענטס, דערפאַר איז זיין אַרבייט באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס יעדען ערשטען פלעגט ער אַריינגעהן צו די טענענטס אָפּ־נעהמען די דירה־געלט און נאָכדעם פלעגט ער ווידער זיצען אַ רוהיגער אין דער היים, אָדער נעהמען אַ „וואָק" צוליעב דעם גע־זונט, ער זאָל פון לעדיג זיצען ניט ווערען צו פעט.

אָט דער גרינשפּאַן האָט געקוקט אויף דעם דאָזיגען גאַסט מיט אַן איראָנישען בליק און האָט פון איהם ניט געהאַלטען. נאָר אַזוי ווי זיין עלטערער זוהן, אַ קאַלעדזש־באָי, וויל דוקא, אַז דער מאַן זאָל יאָ אַריינקומען, ווייל ער זיך מיט׳ן זוהן ניט קריגען...

פאַר נייגיעריגקייט האָט ער זיך מיט׳ן מאַן אַמאָל צורעדט, געוואָלט אָנטאַפּען איהם דעם דופק...

איז ער ערפאַהרען, אַז דער מאַן האָט אַ סך מלאכות און ווענינ ברכות. ערשטענס איז ער אַן ערפינדער... ער האָט עפּיס אויס־געפונען אַזאַ מין מעסער, וואָס שניידט אַליין, אָהן דער הילף פון

אַ מענשען... די דאָזיגע ערפינדונג האָט ביי איהם אַ שלאָסער אויסגענאַרט, איצט איז דער שלאָסער אַ גביר...

— און איהר — האָט גרינשפּאַן אויסגעכאַפּט — זענט אַ קבצן...

דער מאַן האָט געשמייכעלט:

—עס אַרט מיר נישט... אבי די וועלט וועט האָבען אַ נוץ...

האָט גרינשפּאַן אין האַרצען טיעף גע'חוזק'ט פון דעם דאָזיגען שלים־מזל און האָט ווידער איהם געפאָרשט.

איז ער דערגאַנגען, אַז דער מאַן איז אויך אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער. ער האָט שוין אפילו געמאַכט אַ בוך איבער מאַטעמאַטיק, איין פּראָפעסאָר האָט זאָגאַר זיך באַנוצט מיט איין פאָרמולא זיינער און זי געהט איצט אויפ'ן פּראָפעסאָר'ס נאָמען...

האָט זיך דער לענדלאָרד שוין צולאַכט אויפ'ן קול און, אַז ער האָט זיך אויסגעלאַכט, האָט ער געפרעגט:

— אַלמאַי שווייגט איהר? איהר האָט דאָך געקענט אויפווייזען, אַז עס איז אייערע, ווי הייסט עס... פאָרמע...

— פאָרמולא... — האָט דער מאַן פאַרריכט...

— זאָל זיין פאָרמולא... וואָס איז דער אונטערשיעד, אבי עס איז אויף יענעמ'ס נאָמען און יענער מאַכט אודאי געלד פון איהר...

דער מאַן האָט אָפּגעווענדעט:

— געלד מאַכט ער נים, אָבער ער האָט איצט אַ גרויסען נאָמען...

— אַ נאָמען איז געלט... — האָט דער לענדלאָרד גע־מוסר'ט... — איין קלייניגקייט — אַ נאָמען!...

— מיר געהט עס ניט אָן שטאַרק... אבי די פאָרמולא איז ענטדעקט געוואָרען... פאַר דער וועלט איז נים קיין אונטערשיעד, ווי עס הייסט דער מענש, צי נאָטליעב, צי דזשאהנסאָן...

— יע... יעס... — האָט גרינשפּאַן כלומר'שט צוגעשטימט און געקוקט אויפ'ן גאַסט מיט אַ ביטול... זיין נייגיערדע איז שוין אַ ביסעל שוואַכער געוואָרען, ער ווייסט שוין, הייסט עס, אַז עס

איז אַ שוטה. דאָך האָט ער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגע־געניצט און אויסגעבראָכען מיט אַ קנאַק די פינגער, אַ פרעג געטאָן:

— אַ באַווייבטער? ...

דער מאַן האָט פאַרשעהמט אַ שמייכעל געטאָן:

— צום גליק — אַ פרייער... איך האָב ניט קיין צייט און קיין געדולד... איצט בין איך פאַרנומען מיט אַ נייער ארבייט: איך זעץ איבער אַ פילאָזאָפיש ווערק פון אַלט גריכיש אין ענג־ליש...

— אַ רעכטער משוגענער... האָט גרינשפאַן אַ טראַכט געטאָן... און אַז דער גאַסט איז אַוועק, האָט ער צוגערופען זיין זוהן, דעם קאַלעדזש־באָ. און געפרעגט:

— וואָס האָסטו צו טאָן מיט דעם שלים־מזל? ... ווי קומ־סטו צו איהם? ...

— ווארום? — האָט דער יונגער גרינשפאַן געענטפערט — ער העלפט מיר ארויס אין דער דיסערטאַציע.

— אַזוי? — איז דער פאָטער שוין מרוצה געוואָרען און זיך פאַרטיעפט. — אויב אַזוי איז עפּיס אַנדערש...

און נאָך אַ קליינער פּאַוזע האָט ער ווי פאַר זיך אַליין ארויס־געמורמעלט:

— צו וואָס לעבען אַזעלכע, וויים איך נישט... אַן איבעריגער מענש. — און ער האָט זיך מיט רחבות און מיט שטאָלץ געווענדט צום ווייב:

— ס'איז נאָך דאָ אַ גלאָז טעע? — ברענג אַהער, וועל איך אָפּטרינקען און וועל געהן שלאָפען...

און אָפּזיפצענדיג צופריעדען, האָט ער צוגעגעבען:

— דער אַוועקגעצויגן ציהט זיך אַזוי לאַנג... עס איז גאָר נישטאָ וואָס צו טאָן...

דער אומעטיגער

מען האָט גערעדט וועגן ליטעראַטור, ליעבע און מיידלעך... אַן אַלטער און אייביג נייער געשפּרעך צווישען דער גרופּע יונגע ליֵיט. דער זעלבער געשפּרעך איז געפיהרט געוואָרען זיצענדיג ביי אַ טישעל אין אַ רעסטאָראַן, אָדער געהענדיג צוזאַמען אין גאַס. וואָס מעהר זיי האָבען זיך באַמיהט צו נעהמען פאַר זייער געשפּרעך עפּיס אַן אַנדער טעמא, איז אַלץ גיכער די טעמא פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין פריהערדיגען געשפּרעך: ליטעראַטור, ליעבע און מיידלעך. האָט איינער דערמאָנט די מלחמה, האָט דער צווייטער זיך דערמאָנט אָן אַ נייעם מלחמה־ראָמאַן. האָט דער ־ריטער געזאָגט, אַז ער האָט איהם געלעזען און ער איז שוואַך. האָט דער פיערטער דערזעהן פאַרבייגעהן אַ יונגע מיידעל, האָט ער וועגען דער דאָזיגער געשעהעניש אויפמערקזאַם געמאַכט די חברים, האָבען זיך די חברים אומגקוקט און גענומען באַטראַכטען זי און אַלע האָבען איינשטימיג באַשלאָסען, אַז זי איז אַ שעהנהייט...

איז אָבער דאָס מיידעל גלייך פאַרשוואונדען. האָבען זיך די יונגע ליֵיט פאַרבענקט...

און איינער האָט אויסגעזיפצט:

— אָט זי איז געווען דאָס ריכטיגע, נאָך וועלכע איך בענק האָט דאָס אַרויפגעפיהרט אויף דער טעמא וועגן ליעבע... מיין גאַנץ לעבען.

און אַזוי אַלע אָוונט, אַלע נאַכט, אַלע פאַרטאָג...
ווייל די דאָזיגע יונגע לייט פלעגן געהן שפּאַצירען אָדער זיצען אין אַ רעסטאָראַן ביז פאַרטאָג.

און אויך דער אומעטיגער יונגערמאַן, וועלכען זיי קענען ערשט אַ קורצע צייט. ער פלעגט אויך מיט זיי מיטגעהן און מיטזיצען, אָבער ער איז געווען אומעטיגער פאַר אַלע, קענטיג עלענדער פאַר דער גאַנצער חברה...

מען האָט איהם טאַקי גערופען „דער אומעטיגער".

וואָס האָט איהם געפעהלט? געקליידעט איז ער געווען גאַנץ לייטיש און, לויט די באַשטעלונגען וואָס ער האָט געמאַכט אין רעסטאָראַן, האָט געשיינט אַז ער איז ניט אָרים. און געראויכערט האָ ער סיגאַרען און פלעגט אַמאָל מכבד זיין אַ חבר מיט אַ סיגאַר און צאָהלען פאַר אַ מעהר אָרימענס קאַפע אָדער טעע און אַמאָל פאַר אַ גאַנצען סאַפּער.

זיכער האָט איהם אויך געפעהלט, וואָס דער גאַנצער גרופּע — אַ פרוי... יאָ, זיכער! און איהם מעהר פאַר אַלע, ווייל ער איז אומעטיגער געווען פאַר אַלע...

האָט איהם איינמאָל איינער פון דער גרופּע פאַרזיכטיג אַ פרעגע געטאָן:

— איז דאָך די קשיא פאַרוואָס קריגט איהר עפּיס ניט קיין שעהנע מיידעל און חתונה האָבען! עס וואָלט אייך ערהויבען!

האָט דער אומעטיגער אַ שמייכעל געטאָן, אַז עס האָט ביים פרעגער דאָס הארץ געשניטען, און מעהר נאַרנישט גערעדט...

האָבען זיך אַזוי די יונגע לייט אַמאָל געשפּאַצירט איבער אַ געוויסער גאַס און מ'האָט געפיהרט דעם אַלטען און אימער נייעם שמועס וועגען ליטעראַטור, ליעבע און מיידלעך. דער אומעטיגער האָט דאָס מאָל גראָד מעהר פאַר אַלע גערעדט און צווישען אַנ־דערעס האָט ער פאָלגענדעס געזאָגט:

— פאַרזיסען דאָס לעבען און געבען אינהאַלט דעם מאַן, קען בלויז די פרוי...

געזאָגט געוואָרען איז דאָס אַרום עלף אַ זייגער אין אָוונד,

ווען די יונגע לייט האָבען זיך פאַרקירעוועט אין דער עוועניו אַריינצוגעהן אין אַ רעסטאָראַן כּדי פאַרטצוזעצען זייער געשפּרעך.

אָבער דערווייל האָט זיך באַוויזען אויפ׳ן זעלבען וועג, וואו די גרופּע איז געגאַנגען, אַ יונגע שעהנע מיידעל... די יונגע לייט האָבען זיך גענומען אויפרעגען, איינער האָט אינסטינקטיוו פאַרריכט דעם הוט אויפ׳ן קאָפּ און אַ צווייטער — דעם קראַוואַט. דאָס מיידעל איז זיי אַנטקעגען געקומען. דער אומעטיגער האָט זיך אָנגעהויבען אויפרעגען מעהר ווי אַנדערע...

און דאָ איז געשעהען פאַר די יונגע לייטס אויגען איינע פון די גרעסטע וואונדער. דאָס מיידעל, אַנטקעגען קומענדיג זיי, האָט אָנגעשטעלט איהרע אויגען — צוויי גרויסע בלויע אויגען — אויף דעם אומעטיגען און ווי אַן אַלטע באַקאַנטע איהם אָפּגעשטעלט און מיט אַ שטילען פאָרוואורף זיך געווענדעט צו איהם:

— באָרים, ווען קומסטו אַהיים...

— באַלד... באַלד... געה, איך וועל באַלד קומען... — האָט ער ווי צוטומעלט און פאַרשעהמט געענטפערט.

זי האָט געמאַכט אַ טרויעריגע מינע, אַ ציה געטאָן מיט איהרע אַקסלען און איז אַוועק...

די יונגע לייט האָבען זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן צו איהם:

— ווער איז זי... אַזאַ שעהנהייט...

— דאָס איז מיין ווייב — האָט דער אומעטיגער געענטפערט מיט אַ טיעפען אומעט...

— אייער ווייב, אָט די שעהנהייט?...

— יאָ...

— טאָ וואָס־זשע שלעפּט איהר זיך מיט אונז אַזוי אַרום... ווייבאַלד אַז איהר האָט אַזאַ שעהן, יונגע ווייבעלע...

— ס׳איז מיר אומעטיג אין דער היים... — האָט דער אומעטיגער שטיל געענטפערט.

און כאָטש ער האָט איהר צוגעזאָגט באַלד צו קומען, האָט ער דאָך ניט געקענט פועל׳ן ביי זיך געהן פריהער ווי פאַרטאָג אַהיים. עס האָט איהם אַזוי געצויגען צו דער גרופּע באַקאַנטע...

און דער אומעטיגער האָט זיך ווידער צוגעהערט צום געשפּרעך, וואָס ס'איז פאָרפיהרט געוואָרען צווישען זיי: ליטעראַטור, ליעבע און מיידלעך...

ערשט פאַרטאָג האָט ער זיך געלאָזט געהן אהיים צו זיין יונגער שעהנער ווייבעל און ער האָט געפיהלט, ווי ער לאָזט זיך געהן ערגעץ אין א ווייטער פרעמדער וועלט...

דעם מיליאָנער׳ס לעהרער

איינס־צוויי־דריי און שניטקינד איז רייך געוואָרען. ווען ניט די מלחמה, וואָלט מען געמיינט, אז א כשוף־מאַכער האָט עס געטאָן: שניטקינד זאָל פאַרמעגען א מיליאָן! סך־הכל האָט ער אין די בעסטע צייטען געמאַכט דרייסיג דאָלאר א וואָך. אָבער אין מלחמה־צייט איז דאָס קיין וואונדער ניט. אזוינע שניטקינדס זיינען געוואָרען אין די הונדערטער, און ווער קוקט זיך אויף זיי אום! אין מלחמה־צייט מאַכען בלויז א מיליאָן, דאַרף מען זיין א שלימזל. שניטקינד האָט זיך טאַקי געקלאָגט: ווען ער לאָזט ניט דורך א צופאַל, וואָלט ער איצט פאַרמאָגט ביי פינף מיליאָן.

אָבער עס אַרט איהם ניט. דער מיליאָן אליין איז איהם אויך גענוג. מיט׳ן מיליאָן וויים ער אויך ניט וואָס צו טאָן. ער האָט איהם געמאַכט אזוי שנעל, אז ער האָט אפילו ניט געהאַט קיין צייט ביסלעכווייז אויסצוגעבען פון איהם א גרעסערע סומע. איהם דאַכט זיך, אז דאָס איז א הויכער באַרג און ער דאַרף אויף איהם אַרויפקלעטערען, זיך אוועקשטעלען אויף זיין שפּיץ, און זאָל די גאַנצע וועלט מיט אלע זיינע לאַנדסלייט זעהן, ווי הויך ער שטעהט!

קען ער אָבער ניט קלעטערען. ער האָט שוין געפּרואווט שענקען אויף זיין בית־מדרש, וואו ער איז א מעמבער שוין זיבּב יאָהרען, טויזענד דאָלאר, האָט עס ניט געמאַכט קיין איינדרוק, ווייל אין זעלבען בית־מדרש, וואו ער דאַווענט, איז דאָ נאָך א לאַנדסמאַן, וואָס האָט געמאַכט סך הכל א האַלבען מיליאָן, און

האָט געשענקט צוויי טויזענד דאָלאר. האָט ער נאָכדעם געוואָלט געבען אויף א שפּיטאָל צעהן טויזענד דאָלאר, האָט זיין האַלב־מיליאָנעריגער לאנדסמאן ארייגעשטייגט אין פופצעהן טויזענד. האָט שוין שניטקינד געדארפט לויט זיין שטאנד געבען צוואנציג טויזענד דאָלאר, האָט ער מורא געהאט, מען זאָל ניט מיינען, אז ער איז שוין צו משוגע, און ער האָט נאָך דערוויל גאָרניט גע־געבען. ער וועט זיך ערשט מישב זיין.

מילא, מיט „טשאריטי" וועט ער זיך שוין אן עצה געבען: אָרימע לייט, אפילו אין מלחמה־צייטען, זיינען נאָך דאָ גענוג. בפרט, אז די מלחמה האַלט זיך ביים ענדיגען און הלואי ווייטער, קיין אָרימע לייט וועלען שוין זיכער ניט פעהלען. שניטקינד וויל בכלל ענדערען זיין אייגען לעבען, פיהרען זיך מעשה מיליאָנער. ווייס ער ניט ווי אזוי. פון אַלע גליקען האָט ער נאָך אפילו ניט געמופּט אין א רייכערען נעגענד. זיין ווייב האָט נאָך אפילו ניט קיין „פּאַר"־מאנטעל, און דער עלטערער באָי, וואָס האָט בעפאָר געארבייט מיט'ן טאטען אין איין שאפּ, וויל ניט גלויבען אין טאטענ'ס מיליאָן און שטעהט זיך אויף אַלע דער פריה צו דער ארבייט. און אז עס האָט אויסגעבראָכען א סטרייק, האָט ער געסטרייקט מיט אַלע ארבייטער פאר א „רעיז". שניטקינד קלייבט זיך אַליין איהם אָפּצונעהמען פון שאפּ, און פארגעסט זיך. אז ער אַליין שטעהט אויף אין דער פריה. פארגעסט ער זיך אמאָל, אז ער איז א מיליאָנער און נעהמט זיך יאָגען, איהם דאכט זיך, אז ער דארף אַליין נאָך געהן אין שאפּ. ביז ער רייבט אויס די אויגען און דערמאָנט זיך, אז ער איז טאקי א מיליאָנער, שפּייט ער דריי מאָל אויס און הייסט זיין דבורה'ן דערלאנגען טהעע...

אז עס פארנעהמט א מאָנאט און צוויי, כאפּט ער זיך, אז עס איז ניט קיין שכל צו האָבען א מיליאָן און לעבען ווי אמאָל. מען דארף זעהן עפּיס טאָן! ער ווייס אָבער ניט, ווי אזוי מען נעהמט זיך דערצו און ער כאָפּט זיך ענדליך, אז מען מוז זיך זעהן מיט א קלוגען מענשען און מישב זיין זיך, ווי אזוי צו ווערען אויס אָרימאן.

עס פֿאַלט איהם איין צו זעהן זיך מיט מר. גאָלדמאַן, א מענש, וואָס האָט געהאַט זיין גאַנצען לעבען אַן אַמביציע צו זיין רייך, און באַזיצט אַלע מינעס און אַלע גענג פֿון א געבוירענעם עושר. דאָס איז א מאַן, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבען גאָרנישט געטאָן, נאָר געזוכט, גאָרנישט געהאַט, אָבער א סך פֿאַרלאַנגט. א מאַן, וואָס האַסט פֿון טיעפֿען האַרצען אָרימע מענשען, און וואָס זיין אידעאַל איז דערהויבען צו ווערען איבער אַלע אָרימע און פֿון דער הויך אויף אַלעמען קענען אַראָפּשפּייען. אָט צו דעם גאָלדמאַנ'ען האָט זיך געווענדט דער ניי־געוואָרענער מיליאָנער שניטקינד.

גאָלדמאַן האָט איהם אָנפֿאַנגס באַטראַכט פֿון אויבען אַראָפּ, און ניט געקענט פּועל'ן ביי זיך אַז אָט דאָס מענשעל מיט'ן אָרימען פּנים זאָל פֿאַרמעגען אַזאַ קאַפּיטאַל. ער האָט געקוקט אויף איהם מיט אַן איגנאָרירענדען שמייכעלע, און באַלעקענדיג זיך פֿון דעם גרויסען פֿאַרמעגען, וואָס דאָס דאָזיגע אָרימע באַשעפֿעניש פֿאַרמאָגט, האָט ער זיך ענדליך אָפּגערופֿען:

— ביי מיר זענט איהר דערזעלבער קבצן, ווי געווען.

— איז וואָס זאָל איך טאָן? — האָט שניטקינד מיט פֿאַר־צווייפֿלונג זיך געווענדט צו גאָלדמאַנ'ען. — אדרבא, גיט אַן עצה... זייט מיין לעהרער...

און גאָלדמאַן האָט געזאָגט:

— אויב איהר וועט מיך פֿאָלגען, וועט איהר זיין אָלרייט, ווען ניט, וועט איהר מיט אייערע מיליאָנען שטאַרבען אַן אָרימאַן. וואָרים דער עיקר איז ניט דאָס געלד, נאָר ווי אַזוי מען פֿיהרט זיך.

און גאָלדמאַן האָט זיך אָנגענומען פֿאַר דרייסיג דאָלאַר א וואָך צו לערנען שניטקינד'ן ווי אַזוי צו זיין א מיליאָנער.

קודם האָט ער פֿאַר איהם געקראָגען א וואוינונג אין ריווער־סייד דרייוו... שניטקינד אַליין האָט זיך ניט געטאָרט ווייזען דאָרטען, ביז וואַנען גאָלדמאַן האָט איהם ניט אויסגעלערנט, ווי אַזוי צו האַלטען זיך, וואָרים אין יענער נאָכבאַרשאַפֿט וואוינען נעבאָרענע מיליאָנערען, איז דערווייל די וואוינונג א רייך־געמעב־

לירטע געשטאַנען ליידיג, און שניטקינד האָט זיך געלערנט ביי גאָלדמאַנ׳ען מאַניערען.

נאָכדעם, אַז שניטקינד איז צוגעפאָהרען מיט גאָלדמאַנ׳ען אין דער נייער וואוינונג, איז דער שווייצאַר ביים טיר אַנטקעגען געגאַנגען גאָלדמאַנ׳ען, צוגעכאַפּט ביי איהם דעם מאַנטעל מיט דעם הוט, זיך טיעף פאַרנייגט, און שניטקינד׳ן האָט ער געלאָזט שטעהן. האָט שניטקינד׳ן דאָס פאַרבּרענט, ווי אַ פייער. ער צאָהלט אַ מענשען דרייסיג דאָלאַר אַ וואָך, און ווי עס קומט צו עפּים, איז נאָר יענער דער מיליאָנער און ער, שניטקינד, איז דער קבצן.

— העי, גאָלדמאַן! — האָט ער איהם אַ שושקע געטאָן, — זאָג איהם ווער איך בין.

— ער וועט שוין וויסען! — האָט גאָלדמאַן איהם געטרייסט, אַרויפגעהענדיג מיט איהם אויף די טרעפּ, — דערוויל לערנט זיך, מר. שניטקינד. מאַכען אַ מיליאָן קען מען היינטיגע צייטען שנעל, אָבער ווערען אַ מיליאָנער — דאָס איז זעהר שווער.

און שניטקינד איז מיט רעספּעקט און ערהרפורכט נאָכגע־גאַנגען דעם אָרימען גאָלדמאַנ׳ען, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דער מיליאָנער איז גאָר גאָלדמאַן, און ער, שניטקינד, איז דער אָרימאַן, און ווער ווייס, ווי לאַנג ער וועט גאָלדמאַנ׳ען דאַר־פען צאָהלען ווייזשעס...

געוויסען

די צוגעלאָזענקייט, וואָס בערטא, א יונג ווייבעל, צוויי יאָהר נאָך דער חתונה, האָט ארויסגעוויזען צו בודמאַן'ען, א בחור פון א יאָהר עטליכע און דרייסיג, איז געווען מעהר ווי צו איהר מאַנס א פריינד. ווידער זיין צוגעלאָזענקייט צו איהר האָט אויך געטראָגען צייטענווייז דעם כאַראַקטער פון ניט־גלייכגילטיגקייט, אָבער אויב זי האָט זיך געהאַלטען פריי מיט בודמאַן'ען אין דער געזעלשאַפט פון איהר מאַן, האָט זיך דערפאַר דער בחור צייטענווייז געפיהלט פאַרווירט, ווען איהר פריינדליכקייט פלעגט זי איהם ארויסווייזען אין איהר מאַן'ס געזעלשאַפט.

בודמאַן האָט געהאַט א פאַרלאַנג צו בלייבען מיט איהר אַמאָל אַליין, אויג אויף אויג, און ערשט דאַן וואָלט ער וואָס געוואָגט.

אָבער עס איז אַזוי שווער צו באַפרייען זיך פון מענשען! אויב דער מאַן איז אפילו דערביי ניטאָ, געפינט זיך שטענדיג אין בערטאַ'ס געזעלשאַפט נאָך עמיצער: דאָ איהרע א חבר'טע, א ברודער, א שוועסטער, אָדער אַזוי א ווייטער פריינד און אַן אַמאָליגער פאַרעהרער.

בלייבען מיט בערטאַן אַליין איז בודמאַן'ען לאַנג נישט געלונגען און דערפאַר האָט ער נישט געקענט באַשטימען די באַציהונג פון איהר צו איהם.

דעם אמת'ן אמת וואָלט ער ערשט ערפאַהרען ווען ער בלייבט מיט איהר אַליין.

ער ווייס אפילו ניט זיכער, צי אויך דאן וואלט ער איהר אזוינס געזאגט, וואס זאל אויסדריקען זיין נאהענטען געפיהל צו איהר: זי איז דאך פארט א פארהייראטע און בודמאן איז אן עטישער מענש. דערצו איז זי נאך די פרוי פון זיינעם א פריינד. ער וואלט זיכער צו דרייסט אויך ניט געווען ווען ער בלייבט מיט איהר אויג אויף אויג. אבער נייגעריג איז ער דאך און ער האט לאנג געזוכט די געלעגענהייט.

ענדליך איז די געלעגענהייט געקומען. בודמאן, בערטא און איהר מאן האבען זיך באגעגענט אויף א מיטינג. בערטא'ס מאן האט דער מיטינג נישט אינטערעסירט, דערצו האט ער געשעפטליך געמוזט ערגיץ אוועקגעהן. ער האט מיט א שמייכעל זיך געווענדט צוביידען און געזאגט:

— איהר לאנגווייליגט זיך שוין דא ביידע ביז דער ענדע, איך מוז אוועקגעהן.

זיי האבען ביידע צוריק צו איהם געשמייכעלט. זי פריי און אפען, בודמאן אביסעל פארווירט און באהאלטען. איז דאס מעג־ליך, אז איצט וועט ער בלייבען מיט איהר ביז דער ענדע פון מיטינג און נאכהער וועט ער זי באגלייטען אליין אהיים?...

אבער אויפ'ן מיטינג האבען זיך ערשט נאכ'ן מאנ'ס אוועק־געהן גענומען ווייזען פארשיעדענע באקאנטע סאי פון בערטא'ס און סאי פון בודמאן'ס צד... בודמאן האט זיך דאך ווי עס איז אן עצה געגעבען מיט איטליכען און ביי דער ענדע פון מיטינג האט ער בערטא'ן לייכט אנגענומען און כמעט ווי א פארליעבטער געפליסטערט:

— מיר געהען, יא?

— יא... מיר קענען געהן — האט זי צוריק געפליסטערט.

בודמאן האט זי שוין אין האל געוואלט אננעמען פאר'ן ארעם, אבער ער האט זיך אפגעהאלטען מיט דער רעכענונג, אז דא זיינען צופיעל באקאנטע און עס איז בעסער נישט אויפ־צוּוועקען די נייגעריגקייט פון מענשען.

ארויסגעהענדיג פון האל די ערשטע האט בערטא ווי אויס־געשריען:

— אוי, עס רעגענט!

און ווירקליך האט דרויסען געשפריצט א קליין אבער אונאנ־גענעהם רעגענדיל.

בודמאן האט זיך ארומגעקוקט ארום גרויסען רייכען האל און געזוכט א שירעם־פארקויפער. אבער פון זיי איז דאס מאל קיין שפור ניט געווען.

דערפאר זענען געשטאנען אין דער נאהענטקייט אייניגע אויטאמאבילען.

— לאמיר נעהמען, אפשר אן אויטאמאביל! — האט בוד־מאן שוואך פארגעשלאגען, ניט האבענדיג די דרייסטקייט צו פאהרען מיט זיין פריינדס פרוי שפעט אין אבענד אין אן אוי־טאמאביל.

בערטא האט זיך צולאכט:

— וואס רעדט איהר—אן אויטאמאביל!

אבער באמערקענדיג אין איהר געלעכטער א פארלאנג, איז בודמאן דרייסטער געווארען און האט זיך שוין איינגעשפארט:

— עס רעגענט שטארקער, ביז א „סטיישאן" וועט איהר זיך צופיעל איינגעצען, א שאד אייער מאנטעל און אייער הוט... קומט!

און אננעהמענדיג זי ביי דער האנט האט ער זיך געלאזט מיט איהר צום אויטאמאביל, טראכטענדיג דערביי פון דעם גרויסען גליק: אויג אויף אויג מיט בערטא'ן!

דער שאפער האט זיך פארנייגט, א שמייכעל געטאן און גע־פרעגט די סטריט. בערטא האט איהם מיט איהר שעהנער שטימע אויסגעזונגען דעם נומער און די סטריט.

דער שאפער האט נאך גליקליכער געשמייכעלט. איהם איז פארגעשטאנען א רייזע פון עטליכע דאלאר...

ער האט אויפגעעפענט דאס טירעל און אין אן אויגענבליק

איז בודמאַן שוין געזעסען מיט בערטאַ'ן אין אַ פאַרמאַכטען אויטאָמאָביל, ווייט פון מאַן, פריינד און באַקאַנטע.

די ערשטע פּאָר מינוט האָט ער ניט געפונען וואָס צו זאָגען. ער האָט נאָר געקוקט אויף בערטאַ'ן און יעדע רגע זיך צוגערוקט נעהנטער און נעהנטער...

בערטאַ האָט שמייכלענדיג געשוויגען. ענדליך אָבער האָט זי ניט אויסגעהאַלטען און אויסגעפּלאַצט:

— אַך, עס פּלאָגט מיך אַזוי מיין געוויסען!...

— וואָרום? — האָט בודמאַן געפרעגט.

— וואָס רעדט איהר? עס איז דאָך שרעקליך! אין אַן אויטאָמאָביל... שטעלט זיך פאָר...

— אַך! איהר זייט צו קאָנסערוואַטיוו — האָט בודמאַן געוואָלט זי בארוהיגען. אָבער אויך ער האָט געפיהלט, אַז די זאַך איז נישט נאָר קיין גלאַטע. ער האָט נישט געוואַגט אָנצוריהרען זי פאַר'ן האַנט, וואָס ער פלעגט שטענדיג וואַגען אפילו אין דעם מאַנ'ס געזעלשאַפט. ער האָט זיך געפיהלט צום אָראָפּשפּרינגען, און בערטאַ האָט אַלץ גע'טעהנה'ט:

— אַך, מיין גאָט, עס איז דאָך שרעקליך! אין אַן אויטאָמאָביל!...

— אָבער, אום גאָטעס ווילען, בערטאַ! — האָט איהר בודמאַן בארוהיגט. — עס האָט דאָך גערעגענט... מיר האָבען דאָך נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה. איהר וואָלט דאָך, ביז מיר וואָלטען צונעגאַנגען צו אַ סטיישאַן, פאַרנעצט געוואָרען.

— יאָ... דאָס איז אמת... — האָט זי שטיל, ווי בארוהיגענד זיך, געענטפערט — אָבער דאָך קען איך עס ביי זיך נים פועל'ן.

בודמאַן איז פון איהרע לעצטע ווערטער געריהרט געוואָרען. איהר טרייששאַפט צום מאַן און איהרע עטישע אנשויאונגען האָט איהם ווי אויסגעניכטערט. ער האָט איהר געוואָלט ווייזען, ווי אַזוי זיינע געדאַנקען זיינען ריין און ער האָט זיך אָפּגערוקט אַבי־

סעלע ווייטער פון איהר. באמערקענדיג עס האָט זי איהם פריינד־ליך געפרעגט:

— אייך איז נישט באקוועם?

— ניין, אין גאַנצען... — האָט בודמאַן ווי פאַרזינדיגט געענטפערט. — אָבער איז זעה, אז אייער געוויסען פּלאָגט אייך און איך זאָל זיין די אורזאַכע, וויל איך נים.

זי האָט א ווײלע געשוויגען, אראָפּלאָזענדיג די אויגען, באַלד אָבער האָט זי זיך נעהענטער צוגערוקט צו איהם און געזאָגט:

— געוויס פּלאָגט מיך מיין געוויסען. איך קען אייך דען נישט, מר. בודמאַן? איך קען דאָך אייערע פאַרדיענסטען. איהר ווייסט וויפיעל די רייזע קען אָנטרעפען? עס איז דאָך שרעקליך!

— הייסט עס, אז אייך איז מיין געלט א שאָד... — האָט בודמאַן געשטאַמעלט...

— געוויס, איך קען עס ניט פאַרטראָגען, אזא וועג... מיר וואָלטען דאָך געקענט ווי עס איז דערגעהן צום סאָבוויי...

— אָך, עס מאַכט נישט — האָט בודמאַן זי גענומען באַרו־היגען, אָבער אויך ער האָט שוין דערפיהלט, אז זיין געוויסען איז ניט ריין, וואָס ער לאָזט זיך קאָסטען אזוי פיעל געלט, אין דער צייט ווען עס איז דאָ א סאָבוויי...

— איך וועל מיך שעהמען פאַר לייטען צו דערצעהלען... — האָט בערטא ווידער גערעדט.

— איהר דאַרפט עס קיינעם ניט דערצעהלען... — האָט בודמאַן פאַרגעשלאָגען...

— געוויס וועל איך ניט דערצעהלען... — האָט זי פאַר־שפּראָכען. — אָבער דאָך קען איך עס ניט פאַרטראָגען... ניט א קוק, איך בעט אייך, וויפיעל באַווייזט שוין דער טאַקסע־מעטער...

בודמאַן האָט זיך אויפגעהויבען פון פּלאַץ און זיך צוגעקוקט דורכ'ן פענסטער פון אויטאָמאָביל, וואו דער טאַקסע־מעטער האָט זיך געפונען:

— א דאָלאַר מיט צוואַנציג סענט — האָט ער דערשראָקען אַרויסגעשטאַמעלט...

— נו, איהר זעהט... — האָט זי ווי נע׳מוסר׳ט... — ערשט א פיערטעל וועג... עס וועט אָנטרעפען א פינף דאָלאר... יין, מיין געוויסען ערלויבט דאָס מיר ניט...

אויך ביי בודמאַן׳ען האָט דער געוויסען גענומען הויך רעדען: „עס וועט אָנטרעפען א פארמעגען... עס איז א שרעק!" און ער האָט זיך שוואַך אָפּגערופען:

— איז וואָס איז אייער עצה...

— סטאָפּען! — האָט בערטא ווי גליקליך פון דעם געדאַנק אויסגערופען... — פאָלגט מיך, מר. בודמאַן, סטאָפּט ביי דער נאָהענטער סטיישאָן... מיר וועלען צופאָהרען מיט דער סאָבוויי...

בודמאַן׳ען איז ענדליך די אידעע געפעלען געוואָרען. דער טאקסע־מעטער האָט שוין געהאַלטען ביי א דאָלאר און זעכציג סענט. בודמאַן׳ס געוויסען איז שוין אויך געווען שטארק נישט אין אָרדנונג.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעקלאַפּט אין פענסטער צום שאָפער.

יענער האָט ניט געהערט און איז ווייטער געפאָהרען. דער טאקסע־מעטער האָט דערווייל אָפּגעקלאַפּט נאָך צעהן סענט.

— שנעלער, שטעלט איהם אָפּ! — האָט זיך בערטא גע־בעטען.

אז דער טאקסע־מעטער האָט אָנגעוויזען א דאָלאר אכציג, איז ערשט געלונגען דעם שאָפער אָפּצושטעלען.

ער האָט זיי פארוואונדערט אָנגעקוקט, געעפענט דאָס טירעל און געפרעגט אין וואָס עס געהט.

— סטאָפּט ביי דער נעקסטער סאָבוויי סטיישאָן.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט.

בודמאַן האָט בערטא׳ן אָנגענומען פאר ביידע הענט און גע־האָלפען איהר ארויסגעהן פון אויטאָ.

פארביי געהענדע פאָרלעך אין רעגענשירעמס האָבען זיך אָפּגע־שטעלט, באטראַכט דאָס פּאָרעל און האָבען געשמייכעלט.

אָבער בודמאַן און בערטא האָבען עס ניט באמערקט. זיי האָבען זיך געלאָזט מיט שנעלע טריט אונטען אין סאָבוויי.

די סאָבוויי קאַר איז געווען געפּאַקט מיט מענשען. בודמאַן איז די גאַנצע צייט געשטאַנען הארט נעבען בערטא און ביי יעדען סטאָפּ האָט זי זיך פעסט צוגעהאַלטען, זי זאָל נישט אומפאַלען.

זי האָט צו איהם דעמאָלט געשמייכעלט און איהם אָנגעקוקט מיט דאַנקבאַרע בליקען.

ביים ארויסגאַנג האָט ער זי געפרעגט מיט אַ שמייכעל:

— נו, וואָס מאַכט אייער געוויסען?

זי האָט זיך צולאַכט און געענטפערט: נישט שלעכט... אביסעלע אָבער טוט עס מיר נאָך וועה... אומזיסט האָט איהר פאַרשווענדעט אַ דאָלאַר אכציג סענט...

בודמאַן האָט אַ שמייכעל געטאָן. נעקאָסט האָט איהם אַ דאָלאַר ניינציג, צעהן סענט האָט ער געגעבען דעם שאָפער טרינק־געלט.

דערפון אָבער האָט ער בערטא'ן נישט דערצעהלט. ער האָט שוין ניט געוואָלט אזוי פיעל פלָוּען איהר געוויסען.

די מתנה

בענדעט דזשייקאבסאן איז בטבע ניט קיין שלעכטער מענש, אבער דער חסרון זיינער איז, וואס איידער ער נעהט טאן א טובה אימיצען, איז ער זיך שטארק מישב. אט זיין דאזיגער ישוב הדעת, וואס ער האט דאס רוב מיט זיך אליין, שטערט איהם צו טאן גרויסע טובות מיט מענשען.

אז עס האט זיך אנגעהויבען דער גערודער מיט די מלחמה־קרבנות און די ציימונג, וועלכע דזשייקאבסאן לייענט יעדען טאג, האט באשריבען די גרויסע נויט פון די ברידער אויף יענער זייט ים, פון וואנען ער אליין שטאמט, און מען האט אנגעוויזען די ריכטיגע אדרעס, וואו ער קען ארייג[illegible]ען א נדבה, האט ער אלץ זיך געישוב'ט ווי פיעל ער זאל אריינ[illegible]ען. זיין ישוב־הדעת האט אנגעהאלטען אזוי לאנג, ביז וואנען יונגע לייט וואלונטירען האבען אנגעהויבען צו געהן פאר זייערע ברי[illegible]ר איבער יענער זייט ים — איבער די הייזער... נאטירליך איז מען אויף געקומען צו בענדעט דזשייקאבסאן. דא האט בענדעט נעגען זיין כאראקטער גלייך אהן קיין ישוב־הדעת געקויפט א געלב בלעטעלע פאר צעהן סענט און האט עס באהאלטען אין זיין לעדערנעם בייטעל, וואו עס איז געלעגען זיין פאפיער־געלד, נאוטס און טשעקס.

איז אוועק א וואך און אן אנדער פאר[illegible] וואלונטירען זיינען ווידער געקומען. האט ער זיי מיט א פריינדליכען שמייכעלע

עמפאנגען און באוויזען זיי דעם רעסיט, אז ער האט טאקי ערשט מיט א שעה צוריק שוין געקויפט. און אזוי האט דער צעהן־סענטיגער רעסיט איהם געדיענט אלס א קמיע פאר די אנדערע וואלונטירען.

ענדליך איז די דאזיגע קמיע אזוי צוקנייטשט געווארען, אז זי האט שוין גישט געקענט דיענען אלס סגולה פאר די נייע וואלונ־טירען און דזשייקאבסאן האט זיך שוין גע׳ישוב׳ט צי זאל ער קויפען נאך א קמיע, צי נים. אזוי האט ער זיך גע׳ישוב׳ט מיט זיך אליין עטליכע וואכען, ביז ער האט ענדליך געקויפט א צווייטען רעסיט פאר א ניקעל און האט בעשלאסען דעם דאזיגען רעסיט צו זעהן היטען ווי דאס אויג אין קאפ. געהאלטען האט ער עס שוין נים אין לעדערנעם בייטעל, וואו עס קען זיך צוקנייטשען, נאר אין א שיפלאדעל... זיינען געקומען די וואלונטירען און מיט א שמייכעלע פארגעלגעט צו געבען עפּיס פאר די אומגליקליכע ברידער אויף יענער זייט ים, האט ער ארויסגענומען דאס זעלבע קמיע׳לע און מיט א פריינדליכען שמייכעל זיך ענטשולדיגט:

— אט ערשט געקויפט... איהר זעהט...

האבען זיך די יונגע, נאאיווע וואלונטירען פארשעהמט, וואס זיי געהען דוקא אין אזא ארט, וואו מען איז ערשט געווען און האבען פארשפראכען, אז ווייטער וועלען אזוינע פעהלער נים גע־מאכט ווערען...

דערפאר אבער, אז דזשייקאבסאן האט דערהערט, אז אין קארנעגיע האל קומט פאר א גרויסער מיטינג, וואו עס וועלען רעדען די גרעסטע מענער פון לאנד און דער איינטריט אהין איז פריי, האט ער אהן א לאנגען ישוב הדעת בעשלאסען צו געהן און זעהן וואס מען קען עפּיס טאן פאר די אומגליקליכע מלחמה־קרבנות. געוואוסט האט ער אפילו, אז מיט דעם פרייען איינטריט מיינט מען איהם ארייינצונארען, כדי צו קריגען ביי איהם א פעטע מטבעה. אבער דזשייקאבסאן איז בטבע נים קיין שלעכטער מענש, האט ער אזוי געטראכט: ממה נפשך — וועט מען איהם איבערציינגען, אז ער מוז טאקי געבען, איז נים קיין אומגליק, אז זיינע ברידער אויף

יענער זייט ים וועלען איהם קאָסטען נאָך עטליכע דאָלאר אויסער די פּופּצעהן סענט, וואָס ער האָט אוועקגעגעבען די וואָלונטירען.

און געקומען איז דזשייקאָבסאָן אין האָל פון די ערשטע. גע־זעסען איז ער אין די ערשטע רייהען, אין פּאַרקעט. געוואַרט האָט ער מיט אונגעדולד אויף דער רעדע פון וויים־פּרעזידענט פון אמע־ריקאַ. עס איז טשיקאַווע, וואָס וועט אַ קריסט רעדען איבער זיינע ברידער אויף יענער זייט ים. ווען ער איז אָבער געוואָהר געוואָרען, אַז דער וויים־פּרעזידענט פון אמעריקאַ איז ניט גע־קומען, האָט ער זיך געפיהלט ווי אָפּגענאַרט און האָט שוין געהאַט פּאַראיבעל אויף'ן קאָמיטעט, וואָס ער פילט ניט אוים ריכטיג די פּראָגראַם פון אַ גוואַלדיגען אָוונד. דערפאַר אָבער, אַז דער „אָרגעל" האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען און די ליידיעס אויף'ן פּלאַטפאָרם האָבען גענומען זינגען אַ קאַפּיטעלע תהילים אויף ענג־ליש, האָט דזשייקאָבסאָן שוין מוחל געוועזען די אבוועזענהייט פון'ם אמעריקאַנער וויים־פּרעזידענט.

נאָכדעם האָט ער מיט אַ קאָפּ אויסגעהערט די רעדע פון גרעסטען גלח פון אמעריקאַ. דער אידישער שטאָלץ, וואָס האָט ביי דזשייקאָבסאָנ'ען די לעצטע צייט, אַ דאַנק די גוטע געשעפטען וואָס ע׳ מאַכט, איינגעשלאָפען, האָט פון דעם גלח'ס רייד אַ ביסעל אָנגעהויבען זיך אויפצואוועקען. איבערהויפּט ביי יענער שטעל פון דער רעדע, וואו דער גלח האָט אידען געשילדערט אַלס דאָס פאָלק וואָס האָט דער גאַנצער וועלט געגעבען אַ גאָט און אַ תורה... ביי דער דאָזיגער שטעל האָט דזשייקאָבסאָן אַ טראַכט געטאָן, אַז ער וועט וואַרפען אויף דער פּלאַטפאָרם אַ דריי דאָלאר־ביל, און זאָל טאַקי דער גלח זעהן וואָס פאַר אַ גרוים פאָלק אידען זיינען.

אָבער געטאָן האָט ער עס ניט. ער האָט געוואָלט הערען וואָס וועט זאָגען דער צווייטער קריסט, אויך אַ גרויסער מענש. דער צווייטער קריסט האָט די אידען נאָך מעהר געריהמט און דזשיי־קאָבסאָן האָט זיך דערפיהלט גליקליך וואָס ער איז אַ איד און בע־שלאָסען, אַז נאָך די רעדע וועט ער וואַרפען אויף'ן פּלאַטפאָרם אַ

גאנצע פינף דאָלארדיגע, און זאָלען טאַקי די קריסטען זעהן וואָס פאַר אַ גוטע הערצער די אידען באַזיצען.

אָבער נאָך דעם ווי דזשייקאָבסאָן האָט דעם קריסטליכען רעד־נער ווארים אפּלאָדירט, איז ער אַ ביסעל אָפּגעקיהלט געוואָרען און האָט שוין גערעכענט, אַז ער וועט געבען ניט מעהר ווי צוויי דאָלאר. „די צייטען ייִנען שלעכט!" — האָט ער געפּרואווט בארוהיגען זיין געוויסען.

און דאָ האָבען זיך אַ פּאָר יונגען אַ לאָז געטאָן איבער'ן פּאַרקעט און אריינגעוואָרפען יעדערען אין די הענט אריין אַ גרוי־סען קאָנווערט, אַ בלאַנק־טשעק, אַ בלייפעדער און דערצו אַ מגילה אויף ענגליש ווי אַזוי צו געבען דאָס געלד און וואוהין עס צו דערלאַנגען.

דזשייקאָבסאָן האָט די אַלע פּאַפּיערען דורכגעלעזען און האָט אַלץ גוט באַנומען. דערווייל איז אַרויף אויף דער ביהנע נאָך אַ רעדנער, שוין דוקא אַ איד, און האָט געמאַכט אַן אַפּיעל... דזשיי־קאָבסאָן האָט געהערט די ווארימע רעדע און האָט זיך ניט געקענט באַשליסען וויפיעל ער זאָל אויפ'ן בלאַנק־טשעק פאַרשרייבען. די סומען האָבען זיך ביי איהם אין קאָפּ דאָ געהויבען, דאָ געפאַלען, לויט עס האָט זיך געהויבען און עס איז געפאַלען די שטים פון דעם אַפּיעל־מאַכער. אַט האָט ער באַשלאָסען, ער וועט אָנשרייבען טויזענד דאָלאר און וועט אַלעמען איבערראַשען. נאָכהער איז ער קיהלער געוואָרען און אַראָפּגעלאָזט זיך ביז פינף הונדערט, טראַכ־טענדיג, אַז פינף הונדערט דאָלאר פאַר ניט קיין גרויסען גביר ווי ער איז איז אויך אַ פיינע מטבעה. אָבער דערזעהענדיג אַז זיין זייט־שכן מיט אַ זעהר גבירישען אויסזעהן האָט אָנגעשריבען אַ טשעק סך־הכל אויף הונדערט דאָלאר, האָט זיך דזשייקאָבסאָן גע־כאַפּט, אַז ער טאָר מעהר ניט געבען ווי אַ פינף און צוואַנציגער. דערזעהענדיג אָבער ווי אַ פרוי האָט אריינגעוואָרפען אין באָקס, וואו וואָלונטירען האָבען געזאַמעלט די קאָנווערטען מיט די טשעקס, איהר פּוסטערנע מופטע, האָט דזשייקאָבסאָן פאַרשטאַנען, אַז נאָך אַזאַ באַגייסטערונג קען ער ניט זיין קיין חזיר און מוז טאַקי געבען

דעם גאַנצען הונדערטער. און אפשר — האָט ער זיך גע׳ישוב׳ט — זאָל ער גאָר אריינוואַרפען זיין גאָלדענעם זייגער, אזוי ווי עס האָט געטאָן אָט יענער יונגער מאַן מיט זיין גאָלדענער רינג.

אָבער דאָ האָט דער אפּיעל־מאַכער געזאָגט א פּאָר ווערטער, וואָס זיינען געווען ניט אזוי ווארים, ווי דזשייקאָבסאָנ׳ס הארץ האָט געפאָדערט, און דערפאַר האָט ער באשלאָסען, אז דעם גאָלדענעם זייגער וועט ער לאָזען פאר זיך, און פאר די אומגליקליכע ברידער וועט ער אָנשרייבען א טשעק אויף צעהן דאָלאר...

אָבער צעהן דאָלאר איז פּאָרט צו ווייניג פאר אזא גרויסער באגייסטערונג, וואָס עס הערשט אין זאָל...

ניין, דזשייקאָבסאָן דארף זיך דאָס מאָל שעהן ארויסשטעלען. ער דארף ווייזען, אז ווען עס קומט א גרויסע צייט, איז ער פעהיג אויף גרויסע טאטען. אָט וועט ער אָנשרייבען א טשעק אויף טויזענד דאָלאר, פּונקט ווי יענער גביר האָט געגעבען. נישקשה, אז ער וויל, איז ער אזא גביר ווי יענער...

דערווייל איז ארוים דער לעצטער רעדנער, א אידישער רב, און גערעדט אויף אידיש עטליכע ווערטער. דזשייקאָבסאָנ׳ען האָט פארדראָסען, וואָס דעם רב האָט מען געגעבען דעם לעצטען דאָס וואָרט. אָט ערשט דער רב האָט איהם אָנגעוואָרימט. ער איז זיכער, אז ווען דער רב מאַכט דעם אפּיעל און ניט דער דאָקטאָר אויף ענגליש, וואָלט עס געווים געבראַכט מעהר געלד.

און דזשייקאָבסאָן באשליסט, אז ער וועט אליין צוטראָגען צום סטיידזש זיין גרויסען טשעק — לאָמיר זאָגען — אויף צוויי הונדערט דאָלאר...

כאַפּט ער זיך, אז צוויי הונדערט דאָלאר איז ניט קיין סומע. אָדער טויזענד אָדער א צעהן דאָלאר ביל...

פּלוצלינג האָט דער טשערמאַן דעם מיטינג געשלאָסען, דער עולם האָט זיך גענומען פאנאנדערגעהן. דזשייקאָבסאָן האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט, אוועקגעוואָרפען די אַלע פּאַפּיערען מיט דעם בלאַנק טשעק. די בלייפעדער האָט ער באטראַכט און זי איז איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען.

— אַ וואוילער פּענסיל! — האָט ער מיט אַ שמייכעל אַרויס־געמורמעלט און האָט עס אַריינגעלייגט בשתיקה פון אַלעמען אין דעם בוזעם־טאַש.

— אַ מתנה פון דעם גרויסען מיטינג! — האָט ער זיך אַליין געטרייסט. — עס איז אַ גוטער אָנדענקען פון אַ היסטאָ־רישען מיטינג.

אויף מאָרגען האָט דזשייקאָבסאָן מיט דעם זעלבען בלייפעדער געמאַכט זיינע חשבונות און האָט שטאַרק אָנגעקוואָלען.

דער רײכער גנאָסע

באמת איז נחומזאָהן געווען אַן אויפריכטיגער מענש. ווען ער האָט גערעדט וועגן ארבייטער און קאַפּיטאַליסטען און גע־שאָטען שווארצען מאָהן אויף די קאַפּיטאַליסטען און די ארבייטער האָט ער געוועקט צום קאַמף און זיי פאַרשפּראָכען די גליקליכסטע צוקונפט — ווען ער האָט דאָס גערעדט סיי ביי אַ טישעל אין קאַפּעע, סיי ביי אַ פאַרזאַמלונג, האָט ער עס געמיינט מיט'ן גאַנצען האַרצען.

אָבער אין פּריוואַטען לעבען איז געווען עפּיס ניט גלאַט מיט איהם. אַליין אַן אייגענטימער פון אַ פאַבריק, וואו עס האָבען געאַרבייט ביי אַ פּאָר הונדערט מיידלעך, האָט ער געפיהלט אַז זיינע טעאָריען וועגען קאַפּיטאַל זיינען אַ ביסעל צו שאַרף... און בכלל צו וואָס זאָל ער געהן אַזוי עקסטרעם... אמת, צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז נאָך ווייט, און אויב זי וועט אפילו קומען גיכער ווי ער מיינט, וועט ער שוין זיין אַזוי שטאַרק, אַז ער וועט זיך קענען אַן עצה געבען און נישט אונטערגעהן ווי דאָס פּראָגראַם שטעלט פאָר. און דערצו ווייסט ער, אַז ד'ער קאַפּיטאַל קען פּלוצ־לינג ניט אָפּגעשאַפט ווערען... ער פאַרשטעהט קאַפּיטאַל מאַרקס בעסער פאַר די איבריגע טעאָרעטיקער. אָבער דאָס האַלט ער בסוד... דאָס זאָגט ער ניט אַרויס אפילו פאַר זיין נאָהענטסטען מענשען פון דער פּאַרטיי, כאָטש צייטענווייז ווילט זיך איהם

א גלאַנץ טאָן מיט אַזא אָריגינעלען געדאַנק... בלויז פאַר זיין ווייב, וועלכע איז דוקא א פרוי מיט א בורזשואַזישער וועלט־אַנ־שויאונג און האָט א שטאַרקע נייגונג צו קאַפּיטאַל ממש און ניט ווי איהר מאַן נחומזאָהן — צו קאַפּיטאַל מאַרקס... פאַר זיין ווייב ענטפּלעקט ער פון צייט צו צייט זיין טעאָריע...

— פאַרשטעהסט, נשמה מיינע, ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע זאָל אפילו קומען פאַר אונזער לעבען, איז נאָך אויך ניט, ווי זיי מיינען... ביי מאַרקס׳ן גופא איז דאָ אַזא שטעל, וועלכע זיי פאַר־שטעהען ניט...

— טאָ פאַר וואָס־זשע קלערסטו זיי ניט אויף? ... — מוסר׳ט איהם דאָס ווייב...

— צו וואָס, נאַרעלע... דעמאָלט וועלען זיי מיך באַקעמפען... פאַר א נייעם געדאַנק האָבען זיי מורא... און דערצו איז דאָס מיין סוד...

— וועט מען אונזער פאַבריק, זאָגסטו, ניששט אוועקנעה־מען? — פרעגט זי איהם ענדליך, קוקענדיג מיט צוטרויען אויף נחומזאָהן...

— קענסט שלאָפען רוהיג... — טרייסט ער איהר מיט א גוטמוטיגען שמייכעל.

— און טאָמער א סטרייק? ... — זיפצט זי ווייטער...

— מילא... א סטרייק איז א סטרייק... דערצו האָב איך שוין ניט קיין מיטעל... אָבער איך קען די פּסיכאָלאָגיע פון די אַרבייטערינס... ביי מיר סטרייקט מען ניט... עפּיס בין איך דאָך זייערער א מענש... א גענאָסע...

נאָך אַזא געשפּרעך מיט זיין ווייב פיהלט זיך נחומזאָהן אַבי־סעלע זינדיג. ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס... דער סאָציאַ־ליסטישער געוויסען הויבט איהם אָן אָביסעל פּייניגען. — פאַר־וואָס זאָלסטו איהר טאַקי אויך ניט אויפקלערען? — זידעלט ער זיך אַליין, „לעבסט שוין מיט איהר אַזוי פיעל יאָהרען צוזאַמען“.

ער צוזיפצט זיך פרום, געהט אַריין אין זיין קאַבינעט און נעהמט זיך לעזען דעם סאָציאַליסטישען מאַנאַטשריפט...

דאָרט געפינט ער אַ נייעם אַרטיקעל פון קאוטסקי... ער לעזט איהם בכובד ראש... ביי שווערע שטעלען שאָקעלט ער זיך צו, ווי איינגעלוויז ביי דער גמרא... דאַס אַרטיקעל באהאנדעלט טאַקי די סאָציאַל־רעוואָלוציאָן... אָבער קאוטסקי איילט זיך אויך ניט... ער האָט נאָך צו טאָן מיט רוסלאַנד, וועלכע איז אַן אַגראַר־לאַנד... כינא שטעהט איהם אויך ווי אַ ביין אין האלז... דאָס איינציגע לאַנד וואָס איז יאָ רייף פאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג איז די שווייץ, האָט זי אָבער ניט קיין אינדוסטריע אין זי מאַכט אַ לעבען פון די רייכע טוריסטען, הייסט עס, אַז טאָמער וועט...

מיט איין וואָרט, די שרעק פון נחומזאָהנ׳ס ווייב איז לחלוטין אַן אומזיסטע... די פאַבריק וועט ניט נאָר זיין זייער אייגענער פאַרמעגען פאַר זייער לעבען, נאָר זי וועט נאָך איבערגעהן אין די הענד פון זייערע קינדער...

נחומזאָהנ׳ס בוכהאַלטער איז אויך אַ סאָציאַליסט... זיי געהערען טאַקי ביידע צו איין אָרגאַניזאַציע... אַז זיי קומען זיך צונויף; אויף אַ מיטינג באהאַנדעלט איהם נחומזאָהן ווי אַ גע־נאָסע... דער בוכהאַלטער רויטעלט זיך, פיהלט זיך עפּיס אונ־באַקוועם און ענטפערט צוריק: מיסטער נחומזאָהן...

— ניין, ניין... — כאַפּט זיך אָן נחומזאָהן... — איך בין דאָ קיין מיסטער ניט... מיר זיינען קאַמעראַדען... גענאָסען... אָדער ווי אין אונזער אַלטער היים האָט עס געהייסען, טאָוואַ־רישטשי... כי־כי־כי — צולאַכט ער זיך... — שווער אויסצורע־דען... איך בין שוין אַזוי ווייט פון דער היים...

ביי אַ געלד־זאַמלונג פאַר סטרייקס אָדער פאַר אַנדערע אַר־בייטער אנגעלעגענהייטען רופט זיך נחומזאָהן אויס מיט אַ באַדיי־טענדער סומע; אין זאַל, וואו די געלד־זאַמלונג קומט פאָר, ווערט אַ שטיקעל גערודער: צוויי הונדערט דאָלאַר... אָ, אַ פיינער בייטראַג... ווער? נחומזאָהן... גענאָסע נחומזאָהן... ביי וואָס אַרבייט ער?...

— שוטה... — שיסט אויס איינער מיט אַ געלעכטער. —

ער איז דאָך אַליין אַ קאַפּיטאַליסט, אַ פֿאַבריקאַנט...
— הייסט עס, אַ רייכער גנבֿאָסע...
— נו, שטעהט דיר ניט אָן... — כאַפּט זיך אָן אַ צווייטער...
— און זינגער?
— וועלכער זינגער? פֿון די נעה־מאַשינעס...
— ניין... זינגער פֿון דייטשלאַנד... אַ מיליאָנער געווען...
עס רוקט זיך אונטער אַ קליין אידעל, זעהט אויס ווי אַ שניי־דער פֿון געבוירען אָן:
— און ביי מר וועט איהר עס ניט אוועקנעהמען — טענה'ט ער אין דער שטיל אין אַ קופּקעלע... — איך האָב נישט ליעב קיין רייכע גנבֿאָסען...
די שטימונג ווערט נערוועז, נחומזאָהן מערקט עס, כאָטש די געשפּרעכען קומען פֿאָר אין דער שטיל, אָבער עפּיס פֿיהלט ער, אַז דער עולם רוקט זיך אָפּ פֿון איהם... ער האָט זיך טאַקי צופֿיעל אַרויסגעכאַפּט. ווען ער גיט אַ פֿינפֿערעל וואָלט געווען איבער־גענוג און ער וואָלט זיין זייערער אַ מענש... צוויי הונדערט דאָלאַר איז טאַקי אַ באַליידיגונג פֿאַר זיי...
און דעם גאַנצען אָווענד פֿיהלט ער זיך, ווי אַן איבעריגער, ווי איינער, וואָס פּלאָנטערט זיך אונטער די פֿיס...
ער זוכט זיין בוכהאַלטער, אָבער יענער איז גרייט צו געהן:
— וואָס איילט איהר זיך, גנבֿאָסע?
— איך דאַרף מאָרגען פֿריה אויפֿשטעהן, מיסטער נחומ־זאָהן... שמייכעלט דער בוכהאַלטער...
נחומזאָהן גיט עפּיס אַ מורמעל און געהט אַרויס פֿון דער פֿאַרזאַמלונג איינער אַליין...

גע ו ו ע ז ע נ ע

א געפענגעניש פאַר שווערע פאַרברעכער אין אַ שטאָדט ערגיץ אין אייראָפּא. אין די לעצטע מאָנאַטען פון דער וועלט־מלחמה. עס איז צוועלף אַ זייגער מיטאָג. די עטליכע פאַרברעכער, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבען, דרעהען זיך אַרום מיט שווערע טריט איבער'ן ענגען קערקער און קוקען צוב שווערען טיר.

איין פאַרברעכער: אַזוי שפּעט און ער ברענגט נאָך ניט די פּאָרציעס ברויט, דער וועכטער.

צווייטער פאַרברעכער (סאַרקאַסטיש): ווייזט אויס, אַז אונזער יחוס איז ניט אַזוי גרויס... סך הכל האָט יעדער פון אונז צו איינציגע מענשען גע'הרג'עט. וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס איצט ביי זיי.

דריטער פאַרברעכער (טרויעריג): יאָ... איך פיהל, אַז דער דרך ארץ פאַר אַזוינע פאַרברעכער, ווי מיר, איז געפאַלען...

פיערטער פאַרברעכער: מען זאָגט, אַז אין שטאָדט גופא איז חושך... דאָס פאָלק בונטעוועט זיך... מען הרג'עט אויס איינע די אַנדערע.

ערשטער פאַרברעכער: אַז מען הונגערט! וואָס איז דען דער וואונדער. אַך, ווי איך ציטער איצט פאַר דער שטאָדט, פאַר דעם, אַז מען זאָל אונז פריי לאָזען...

צווייטער פאַרברעכער: איך האָב טאַקי מורא, אַז מען זאָל אונז ניט ארויסלאָזען. אונזערע אַלטע פאַרברעכענס האָבען

פארלוירען דעם זין... גע'הרג'עט א מענשען... מיין גאָט! עס קלינגט דאָך פשוט לעכערליך! ביי היינטיגען טאָג...

דריטער פאַרברעכער: ריכטיג! איך פיהל אז דאָס וואָס מען האלט נאָך אונז דאָ איז א מיספארשטענדניס...

פיערטער פאַרברעכער: איך האָב טאָקי נעכטען געהערט ווי דער וועכטער האָט א מורמעל געטאָן: גענוג אייך שוין צו קאָרמענען, פאַראַזיטען...

דריטער פאַרברעכער: איך האָב עס שוין דערפיהלט מיט עטליכע טעג צוריק. דער רעספעקט פאר'ן אַלטען סאָרט פאַר־ברעכער איז פארשוואונדען. איך האָב מורא, אז היינט, מאָרגען, און מען וועט אונז באפרייען און ארויסלאָזען אונז אויף הפקר צו דער הונגעריגער שטאָדט. מיר וועלען אפילו קיין קליינע פאַר־ציעס ברוים מיט'ן ביסעל שיטערען זופּ אויך ניט קריגען.

צווייטער פאַרברעכער: (מיט שרעק): גאָט זאָל אונז שיצען.

ערשטער פאַרברעכער: און עסען ברענגט מען נאָך אַלץ ניט... מען האָט אָן אונז פארגעסען.

פיערטער פאַרברעכער: לאָמיר קלאַפּען אין טיר...

דריטער פאַרברעכער: דאָס טאָרען מיר ניט.

ערשטער פאַרברעכער: וואָס האָסטו מורא, מען וועט אונז שיסען?...

פיערטער פאַרברעכער: אָ, ניין! דערפאַר האָב איך קיין מורא ניט. זיי קענען אָבער אונז אַלס שטראָף באפרייען און ארויסלאָזען אונז אין דער שטאָדט אריין, וואו עס הערשט נויט און אנארכיע.

דריטער פאַרברעכער: דאָס וואָלט געווען שרעקליך. (עס הערט זיך א רודערען מיט שליסלען ביים טיר).

ערשטער פאַרברעכער (מיט פרייד): ער קומט!

די שווערע טיר עפענט זיך אויף און דער וועכטער קומט אריין. אין איין האנד טראָגט ער עטליכע שטיקלאך שווארצע

ברויט און אין דער אנדער האנד א קעסטעלע זופ, וואס זעהט אויס ווי מוטנע וואסער.

ערשטער פארברעכער: ענדליך!

דער וועכטער (בייז): מעגליך אז דאס לעצטע מאל!

אלע פארברכער (אין איין קויל): וואס? !?!

דער וועכטער (מיט טראציגער מינע): יא, ברידער, דאס לעצטע מאל... אין שטאדט איז שוין מעהר קיין ברויט ניטא... די אונרוהען זיינען גרויס... אין די גאסען קומען פאר גרויסע שיסערייען... מען הרג'עט אויס מענשען פאר א שטיקעל ברויט...

איין פארברעכער (באטראכט דעם וועכטער): וואו איז היינט דיין ביקס?

וועכטער (שמייכעלט): מיין ביקס... איך דארף זי פאר גרעסערע פארברעכער, ווי פאר אייך. מעגליך, מען זאל באפאלען די געפענגעניש און אלע פארברעכער באפרייען...

אלע פיער: אונז מערדער אויך?

וועכטער (מיט א חוזק־טאן): אויך מיר מערדער!... (צום דריטען): דו פלעגסט דאך טענה'ן, אז די ביזט אומשולדיג.

דריטער פארברעכער (פארווירט): הם... אומשולדיג... מעגליך אז יא, און מעגליך אז נים.

צווייטער פארברעכער: איך האב יא גע'הרג'עט... איך האב נאך צו זיצען פיער יאהר און קיינער האט ניט דאס רעכט מיך צו באפרייען. איך האב מורא פאר דער שטאדט.

וועכטער: אז זיי וועלען קומען און באפאלען די געפענגעניש, וועט ניט העלפען. מעגט איהר אפילו זיין ווי שולדיג, איז אויס מיט אייערע פארברעכענס... מען וועט אייך ארויסלאזען.

אלע (מיט שרעק): גאט!

וועכטער (מיט א שמייכעל): יא, עסט זיך אן... מעגליך אז מארגען וועט איהר שוין זיין אין שטאדט און הונגערען צוגלייך מיט'ן פרייען פאלק... (אב).

די פיער פארברעכער בלייבען שטעהן א ווילע אין אן אונ־באוועגליכער פאזע, קוקענדיג מיט צושראקענע בליקען צום טיר.

ערשטער פאַרברעכער: איך וואָלט שווערען, אז ער האָט הינטען די טיר ניט פארשלאָסען...

צווייטער פאַרברעכער (געהט צו צום טיר און פּרופט עפּע־נען): יא... אָפען... מיר זיינען פארלאָרען.

דריטער פאַרברעכער: איך האָב א מיטעל, אין פאַל מען וועט אונז באפרייען, זאָל מען אונז ווידער אהער ברענגען...

אַלע דריי (נייגעריג): וואָס איז דיין מיטעל?

דריטער פאַרברעכער: נאַטירליך, איך מיין ניט ווידער הארג'ענען. דאָס וועט ניט העלפען... דערפאַר באשטראָפט מען איצט ניט... איך וועל דאָרט שרייען: געננוג צו הרג'ענען זיך, לעבט ווי ברידער!

ערשטער פאַרברעכער: מיינסטו, אז דאָס קען העלפען?

דריטער פאַרברעכער: זיכער! ניט הרג'ענען, דאָס איז היינט דער גרעסטער פאַרברעכען...

צווייטער פאַרברעכער: הלואי זאָלסטו טרעפען... דער־וויל אָבער לאָמיר פארשפּאַרען די טיר פון אינעווייניג און זיך נעהמען עסען... מען קען נאָך באַלד אריינפאַלען און באפרייען אונז...

זיי פארשפּאַרען די טיר פון אינעווייניג, זעצען זיך ארום דאָס קעסעלע מיט'ן שווארצען זופּ און נעהמען זיך עסען מיט דערשראָקענע געזיכטער.

די בערוישטע

פערזאָנען :

באָרים, אַ מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג.
ראָזע, אַ מיידעל פון עטליכע און צוואַנציג.
דער שענקער.
(קומט פאָר אין אַ גרויסער שטאָדט ערגעץ אין דער וועלט. די צייט ווען עס געפעלט אייך).

באָרים (אַליין אין זיין קליין צימעריל אויפ'ן דריטען שטאָק. צעהן אַ זייגער אין אָוועגד. די פענסטער קוקט אַרויס אין אַ גרויסען הויף. די דונקעלע פאָרהענגלעך ווערען באַוועגט פון ווינד, וואָס בלאָזט אַריין דורך אַן אויסגעהאַקטע שויב. ער שטעהט אויף פון שטוהל, דער איינציגער אין צימעריל, און געהט צו צום בעט, וועלכע איז נאַכלעסיג פאַרבעט. נאַכהער שטעלט ער זיך אויף פון בעט און געהט צו צו די גאַז, וואָס ברענט אויבען אין מיטען צימער, וויל ליכטיגער מאַכען, אָבער ליכטיגער ווערט ניט. פאַרקרימט דאָס געזיכט און געהט אום איבער'ן צימערל):
אַך, ווי אומעטיג! (בלייבט ווידער שטיל, טראַכט וועגען עפּיס און רעדט ווידער ווי צו עמיצען): אונטען איז דאָ אַ וויין-קעלער. פאַר-וואָס זאָל איך ניט אַראָפּכאַפּען זיך, אויסטרינקען אַ גלאָז רויטען וויין... (דערשרעקט זיך פאַר'ן געדאַנק) שכור'ן ?... מיין גאָט! ניין... שכור'ן — ניט... (פּאָוזע). וואָלט כאָטש עמיצער גע-

קומען! וואָלט כאָטש געוועזן וואו אריינצוגעהן... ווער וועט קומען?... וואוהין קען מען אריינגעהן ערגעץ?... אומעטיג, אומעטיג... (פּאַוזע. געהט אום הין און צוריק איבער'ן צימערל). איך וועל דאָך דראָפּגעהן אונטען... וואָס וועל איך פארלירען... גאָרנישט... (באשליסענדיג זיך) איך געה זיך בארוישען... וועלען מיר זעהן, וואָס קען מיט מיר געשעהן נאָך א גלאָז רויטען ויין...

(פארוואנדלונג).

(א קעלער. ביים בופעט שטעהען איינע נעבען די אנדערע מענשען פון פארשיעדענע עלטער, אויסזעהן און קלאַס. איינער פון זיי אין א צוקנייטשטען הוט, אָנגעשפּארט אָן בופעט, פאר־וואָרפען א פוס אויף א פוס, איז שוין מבושם'דיג. ער שמייכעלט צו זיך אליין און זעהט, קענטיג, פאר זיך א גליקליכע פארגאנ־גענהייט און נאָך א גליקליכערע צוקונפט).

באָרים (טרינקט זיך אין איהם אריין מיט גרויס קנאה און געהט איהם נאָכטאָן): א גלאָז ויין...

דער שענקער (א ברייט־פּלייציגער מאַן, אָהן א ראָק, מיט פארקאַשערטע ארבעל): רויטען, צי ווייסען?...

באָרים: רויטען...

(דער שענקער שטעלט אָן א גלאָז אונטער איינער פון די פיעלע פעסעלעך, וואָס זיינען הינטער איהם אויסגעשטעלט אין דער רייהע, ניסט זי אָן און דערלאַנגט באָרים'ן).

באָרים (טרינקט אויס, ווי א רפואה, און פארקרימט זיך): שטאַרקע ויין...

דער שענקער (קאַלטבלוטיג): נאָך איינע?

באָרים: וואָס קאָסט א גלאָז?

דער שענקער: טרינקער פרעגען ניט קיין פרייז...

באָרים: איך בין ניט קיין טרינקער... (דער ויין הויבט אָן ווירקען). איך טרינק, מיין ליעבער פריינד, היינט דאָס ערשטע מאָל...

דער שענקער: הם... פאר דאָס ערשטע מאָל איז גענוג... באצאָהלט און געהט שלאָפען...

באָרים: שלאָפען? יאָ, דאָס מאָל וועל איך שלאָפען... (ער באַצאָהלט דעם פּרייז און געהט אַרוים... ער געהט שווער אויף די טרעפּ, פאַלט אַריין אין צימעריל... שטעלט זיך אָפּ אין מיטען און באַטראַכט. פּאַוזע): מיין גאָט, מיין צימער איז דאָך אַ פּאַלאַץ, ווי ריין און ווי זויבער... הייסט דאָס, אַז פריהער האָט זיך מיר בלויז געדאַכט... (דערהערט אַ באַוועגען זיך ביים טיר פון אַ לעבעדיגען וועזען) איך וואָלט שווערען, אַז עמיצער געהט...

ראָזע (קומט אַריין... דערזעהענדיג אַ פרעמדען יונגען־מאַן אין איהר צימעריל, ווערט זי אָנפאַנגס דערשראָקען. באַלד אָבער דערקענט זי אין באָרים'ן דעם יונגען־מאַן פון דריטען שטאָק און שמייכעלט): איהר האָט פאַרבלאָנזשעט...

באָרים: יאָ, איך האָב פאַרבלאָנזשעט... דאָס ערשטע מאָל אין אַ וויין־קעלער... געטרונקען אַ גלאָז וויין... איך פיהל מיך איצט זעהר גוט... איבערהויפּט אייער באַזוך.

ראָזע (פאַרוואונדערט): מיין באַזוך! איהר מיינט אייער באַזוך...

באָרים: דערוויל זייט איהר צו מיר געקומען, הייסט עס, אַז איהר האָט מיך באַזוכט...

ראָזע (שמייכעלט): ניין, איהר זייט צו מ י ר געקומען...

באָרים: געטרונקען אַ גלאָז וויין האָב איך און אַ טעות האָט איהר...

ראָזע (באַשליסט איהם נאָכגעבען): זאָל זיין אַזוי...

באָרים: אָט אַזוי רעדט... זייט אַ גוט מיידעל... געזעהען האָב איך אייך שוין לאַנג, נאָר עס איז אַלץ ניט געווען קיין געלעגענהייט צו באַקענען זיך. קיין מוט ניט געהאַט...

ראָזע: יאָ, איך קען אייך שוין לאַנג... מיר וואוינען שוין באַלד אַ יאָהר אין איין הויז...

באָרים: וואָס־זשע האָט אייך גראָד היינט געבראַכט צו מיר, אין מיין איינזאַמען צימעריל?

ראָזע (שמייכעלט): אייער גלאָז וויין...

באָרים (דריקט מיט די פּלייצעס): ס׳הייסט איך האָב גע־טרונקען. האָט איהר געקריגען מוט...

ראָזע: ווירקליך מאָדנע...

באָרים: אָבער ווי געפעלט אייך מיין צימער? גאָר ניט אזוי שלעכט ווי איך האָב געמיינט בעפאָר... זויבער, ליכטיג, ריין... (געהט צו צו א וואַנד, וואו עס הענגט א בילד): זאָנ־דערבאַר! דאָס בילד האָב איך בעפאָר גאָר ניט באמערקט...

ראָזע: ווירקליך א וואונדער...

באָרים: אַז מען איז שטענדיג ניכטער, צו אַלדי טייוועל...

ראָזע (ווערט הינגעריסען פון זיין טעות): געוויס, מיר באַ־רוישען זיך אזוי זעלטען, אַז מיר זעהען אפילו ניט דאָס וואָס מיר קענען זעהען...

באָרים (ענטציקט): גוט געזאָגט... מיר זיינען שטענדיג ניכטער...

ראָזע: איהר וועט באַלד אויך ניכטער ווערען...

באָרים (דערפיהלענדיג זיך אביסעל אויסגעניכטערט): ווירק־ליך פיהל איך שוין ניכטערער... (באטראַכט דאָס צימעריל): איך בעט אייך, ווער האָט מיר אזוי פאַרענדערט מיין צימעריל... עס איז דאָך א גן־עדן דאָ... וואַרעם, ליכטיג... (געהט צו צום פענסטער): וואו איז ערגעץ די אויסגעהאַקטע שויב?... (דער־שרעקט זיך): מיין גאָט! עס איז דאָך ניט מיין צימעריל...

ראָזע (באַרוהיגענדיג איהם): עס שאַדט נישט... עס איז בלויז מיט א שטאָק העכער...

באָרים (אין גאַנצען זיך אויסניכטערענדיג): אָה, מיין גאָט, איך בין אנשטאַט אין מיין צימער אריין צו אייך... איך בעט אייך ענטשולדיגונג...

ראָזע (גערירט): עס מאַכט ניט... אין געגענטייל, איהר ט אַ גוטער נאַסט... זיצט וועלען מיר פּלוידערען אביסעל...

באָרים (פאַרלעגען): איך דאַנק אייך... (זעצט זיך אוועק נעבען ראָזע׳ן ביים בעט... ער דערפיהלט ווידער א באַרוישונג...): מעג איך אייך אָננעהמען פאַר דער האַנד?...

ראָזע: אַזוינע פראַגעז מאַכט מען ניט...

באָרים (באַקומענדיג מוט): איהר זייט נערעכט... (קושט זי אין דער האַנד...).

ראָזע (גלעטענדיג איהם דעם קאָפּ): איהר האָט קענטיג געטרונקען מעהר ווי איין גלאָז...

באָרים: איך שווער אייך אַז ניט... יענער וויין האָט זיך שוין אין גאַנצען אויסגעוועבט... איך בין איצט בארוישט פון אייער נאָהענטקייט... אייער אָטעם איז שטאַרקער פון וויין...

ראָזע: דאָס איז שעהן געזאָגט...

באָרים: ווייל ס'איז אמת...

ראָזע(צולאַכט זיך): הייסט עס, זייט איהר אנשטאַט אריינגעגאַנגען אין אייער צימעריל אריין אין מיינעם...

באָרים (צולאַכט זיך אויך): און איהר, אנשטאַט מיך ארויסטרייבען האָט איהר מיך גאָר פריינדליך עמפּפאַנגען... און אַזוי שפּעט אין אָווענד!...

ראָזע: איהר ווייסט פארוואָס?

באָרים: ערקלערט מיר, עס איז מיר אַזאַ וואונדער!...

ראָזע: איך האָב גראָד אויך געטרונקען אביסעל וויין...

באָרים (דערשראָקען): איהר — וויין? וואו? אין א שענק?...

ראָזע (שמייכעלט): אָה, ניין, אַזוי ווייט ווי איהר בין איך נאָך ניט געפאַלען... ביי מיינער א שוועסטער איז היינט געווען א שטיקעל יום־טוב, א קינד'ס א געבורטסטאָג... האָב איך געטרונקען א גלאָז וויין...

באָרים (טרויעריג): נו, זייט איהר שוין איצט ניכטער און וועט מיך ארויסטרייבען?...

ראָזע: אָה, ניין!... ערשט איצט בין איך שכור... (קושט איהם אין די ליפּען...).

באָרים: איך נאָך מעהר... (קושט זי און דריקט זי פעסט אין זיינע אָרעמס...).

אין נח׳ס תבה

שם (ארויסקוקענדיג דורך א פענסטערל פון דער תבה) — שרעקליך! די וועלט געהט אונטער!

יפת: — עס וועט זיין א שעהנערע וועלט.

חם (ברומט מיט כעס): — וואס געהט מיך אן די וועלט; מיין לעבען וועל איך שוין ווי עס איז ענדיגען.

נח: — דאס איז א שטראף פון גאט. די וועלט איז צולאזען געווארען. די ערד איז פול געווארען מיט רויב. לעננער האט שוין גאט ניט געקענט שווייגען. ער האט עס מיר אליין געזאגט.

חם (מאכט חוזק): — וועלכער גאט? עס זיינען דאך דא א סך געטער.

נח: — שווייג, נו נאר! מעהר ווי איין גאט איז ניטא.

שם: — זיכער. פאטער!

יפת: — איך צווייפעל נאך דערין.

חם: — און איך בין זיכער, אז אלע געטער טויגען ניט. אז איך וויל, האלט איך זיי; אז איך וויל, צוברעך איך זיי.

שם: — ער מאכט מיך קראנק מיט זיינע נארישע רייד.

נח: — הער זיך ניט צו צו איהם. דו לעב און טראכט, ווי דיין טאטע.

יפת: — און ביי מיר איז נאך ניט זיכער, ווער עס איז גערעכט. איך ווארף מיך צווישען דיין גאט און חם׳ס געטער.

חם: — אַך, עס איז מיר לאַנגווייליג אין גאַנצען. איך וואָלט איצט געוואָלט אַ הוליע טאָן מיט שעהנע מיידלאַך.

נח: — וואָס פעהלט דיר דיין ווייב. געה, זי זיצט צוזאַמען מיט דיינע שוועגערינג אין זייער קאַמער, אונטען.

חם: — איך האָב זי פיינט. זי איז שטענדיג פאַרוויינט. די וועלט איז איהר אַ שאָד; די מענשען באַדויערט זי, וואָס זיי זיינען אומגעקומען.

שם: זי האָט אַ גוט האַרץ.

יפת: — יאָ, מיין ווייב איז אויך דאָס זעלבע.

נח: — און מ י י ן אַלטע, אייער מאַמע, איז שוין שטילער. זי איז ניט פרעהליך, אָבער זי נעהמט אָן אַלץ פאַר גוט. זי גלויבט. זי איז פרום.

חם: — אַ נאַרישע פרוי.

שם: — מאַך צו דאָס מויל. רעדסט אויף אָן אייגענער מוטער.

נח: — כדאַי איהר געווען אַזאַ צו געבוירען!

חם (לאַכט): — ווער האָט דיר געבעטען? דיין שולד!

שם (ווערט רויט): — איך קען איהם ניט פאַרטראָגען.

יפת: — ער איז דאָך דיין ברודער.

שם: — ליידער...

חם: — איך פיהל מיך ניט, אַז איך בין דיין ברודער. זאָל נאָר דעם טאַטענ'ס גאָט, אָדער, זאָלען מיינע געטער אָפּגעהן פון כעס, וועל איך אַוועקגעהן פון אייך און געהן מיין אייגענעם וועג.

נח: — אַז דו וועסט רעדען אַזעלכע רייד, וועט גאָט קיינמאָל ניט אָפּגעהן פון כעס.

יפת: — איך האָף, אַז די וועלט וועט נאָך צוריק זיין וועלט.

שם: — דאָס ווענדט זיך איצט אָן אונז. מיר דאַרפען עס פאַרדיענען.

חם (קוקט אַרויס דורכ'ן פענסטערעל): — טאַטע, מיר דאַכט, אַז דאָס וואַסער ווערט נידריגער, פאַלט אָפּ. די תבה שאָקעלט זיך ניט אַזוי.

נח (אויך אַרויסקוקענדיג): — יאָ, מיר דאַכט אויך.

(שם און יפת ווארפען זיך ביידע צום פענסטערל און מערקען דאס זעלבע).

נח: — לאזט מיך, קינדער. (געהט אויף צו צום פענסטערל). יא, דאס וואסער פאלט אפ. אפשר זאל איך ארויסשיקען די טויב און מיר וועלען זעהן, צי זי וועט קומען צוריק? (ער געהט ארויס אויף א ווײלע, קומט צוריק מיט א ווייסער טויב אין די הענט; עפענט אויף דאס פענסטערל און לאזט זי ארויס).

חם (שפאסט): — דו האסט זי דאך שוין מיט א וואך צוריק געשיקט: זי איז באלד צוריקגעקומען.

נח: — וועל איך זי ווידער שיקען.

חם: — וועט זי ווידער קומען.

שם: — אומגלויביגער, דו!

יפת: — גענוג צו קריגען זיך.

נח (קוקט זיך צו, ווי די טויב ראנגעלט זיך מיט די וואסערען און ווערט ענדליך פארשוואונדען פון די אויגען): — מיר דאכט, אז איצט וועט זי ברענגען א גרוס פון דער וועלט.

שם: — הלואי!

יפת: — עס געהט ווערען א נייע וועלט... די אלטע איז אפגעווישט.

חם: — מיר געהט די נייע און די אלטע ניט אן. איך וויל נאר אפלעבען מיין לעבען און נאכדעם ניט ווערען.

שם: — צוליעב אזעלכע, ווי דו, איז די וועלט חרוב גע־ווארען.

יפת: — עס וועט זיין א שעהנערע וועלט.

נח (הערט א פאכען פון פליגעל): — זי קומט, זי קומט!

חם (לאכט): — זעהסטו, דיין גאט! וויל ניט ווייבער ווערען.

שם: — אפשר ברענגט זי עפעס א גרוס?

יפת: — מיר וועלען באלד וויסען.

נח (קוקענדיג אלץ אין פענסטערל): — זי איז שוין באלד דא... (ציהט אויס די האנט גרייט ארייננעהמען זי. שרייט ענדליך אוים) זי טראגט עפעס אין מויל!

שם און יפת: — איז עס מעגליך?

נח (אריינגעהמענדיג די טויב אינוועניג דורכ'ן פענסטערעל): א גרינעם בלאט!

שם: — געבענשט איז גאט!

יפת: — א נייע וועלט!

נח: — די וועלט איז נאך ניט אונטערגעגאנגען.

(זיי אלע, אויסער חם, באטראכטען דאס בלעטעלע מיט באוואונדערונג).

שם: — ווי גרין!

יפת: — ווי שעהן!

חם: — פון וואס זיי מאכען א וועזען — פון א גרין בלעטעלע!

נח: — דאס איז א גרוס פון דער וועלט.

שם: — א שריפט פון גאט!

יפת: — קומט אנזאגען די ווייבער אונזערע!

(זיי לאזען זיך אלע, אויסער חם, צו די ווייבער, אנזאגען די בשורה).

חם (בלייבט אליין און מורמעלט: — וואס געהען זיי מיך אלע אן? איך וועל שוין ענדיגען מיין לעבען און נאכדעם ניט ווערען. (קוקט ארוים צום וואסער) אך, ווי לאנגווייליג!... איך וועל ארונטערגעהן צו די חיות.

צווייַ ברידער

יששכר (אַ הויכער שלאַנקער מאַן אין די מיטעלע יאָהרען, אָבער מיט אַ יוגענדליכען געזיכט. אין די גרויסע שוואַרצע אויגען גלאַנצט באַגייסטערונג. פון צייט צו צייט ווערט דער גלאַנץ פון באַגייסטערונג פאַרלאָשען און דאָס געזיכט באַקומט אַן איראָנישען אויסדרוק. געקליידעט ניט באַזונדערס זאָרגפעלטיג, אָבער זויבער און מיט געוויסען רייץ).

זבלון (עלטער מיט אַ פּאָר יאָהר, אָבער זעהט אויס צוליעב דעם נידריגען וואוקס און פולקייט פון קערפּער — פיעל עלטער. די אויגען גראָהע, שטרענגע, אָבער מאַנכמאָל באַקומען זיי אַ גוטמוטיגען אויסדרוק. געקליידעט ווי ביי זיך אין דער היים, רייכע קליידער, אָבער אָפּגעלאָזט.

אין זבלון'ס רייכע וואוינונג.

זבלון זיצט ביי זיך אין קאַבינעט און קוקט איבער די „פּאָסט". וואָס דער דיענער האָט איהם נאָר וואָס אריינגעטראָגען. פון מאַנכע בריעף שלעפּט ער אַרויס ווי מיט כשוף טשעקס, בילס און סתם ווערטה־פּאַפּיערען. מאַנכע בריעף צערייסט ער, איידער ער האָט זיי איבערגעלעזען, קענטיג ניט וויכטיגע.

דער דיענער קומט אריין און מעלדעט, אַז ברודער יששכר וויל איהם זעהן.

זבולן (פאַר זיך): שוין ווידער געקומען (שמייכעלט) שוין

מיר מוחל געווען... אַ גוטהערציגער. (אויפ'ן קול): זאָל ער אַריין... געווים... געווים...

בלייבט אין אַ געוויסען אויפגערעגטען צושטאַנד. באַמיהט זיך די דאָזיגע אויפגערעגטקייט צו פאַרשטעלען. פאַסט זיך מוט און ער מאַכט זיך גלייכגילטיג צום ברודער'ס באַזוך.

ישׂשכר (אַריינקומענדיג): גוט־מאָרגען, זבלון.

זבלון (כלומר'שט שטרענג): גוט־מאָרגען; זיך ענדליך איבערגעבעטען...

ישׂשכר: איבערגעבעטען! איך בין ניט געווען ברוגז... פשוט איך האָב ניט געהאַט קיין נויטיגקייט ביז אהער דיך צו זעהן...

זבלון: און איצט?

ישׂשכר: איצט יאָ.

זבלון: זיך פאַרבענקט?

ישׂשכר: אפשר פאַרבענקט...

פּאוזע.

זבלון: נו, וואָס? ביזט נאָך אַלץ אַ בטלן...

ישׂשכר: אַ בטלן?... מעגליך... אויב ניט קענען מאַכען קיין געלד הייסט זיין אַ בטלן, בין איך עס אין פולען זינען. (שמייכעלט). און דו, זבלון?

זבלון: איך בין, ווי די אַמעריקאַנער זאָגען — אָלל־ראַיט!

ישׂשכר: האָסט זיך דאָך געעלטערט פאַר דער צייט, וואָס איך האָב דיך ניט געזעהן...

זבלון: נאַטירליך... צו פיעל אונטערנעהמונגען, אויפרעגונגען, קאָנקורענץ, מורא פאַר אַ שטאַרקערען פון דיר... שטורעמס אויפ'ן ים... פאָריגע וואָך איז מיינע אַ יאַכטע אונטערגעגאַנגען... זי איז אפילו פאַרסטראַכירט, אָבער ביזט מען דערוויזט די אורזאַכע.

ישׂשכר: מענשען אויך אונטערגעגאַנגען?...

זבלון: יאָ... איינער... איך האָב שוין זיין פאַמיליע פאַרזאָרגט. איך צאָהל איהר פינף דאָלאַר אַ וואָך...

ישׂשכר (איראָניש): האָסט יושר...

זבלון: געווים האָב איך יושר... מיין גאַנצער האַנדעל איז מיט יושר...

ישׂשכר: ווי ווייט עס לאָזט זיך...

זבלון: נאַטירליך, מיט אַ מאָס... צו פיעל יושר טויג ניט אין מסחר. אָבער יושר איז דאָ...

ישׂשכר: איך פאַרשטעה...

פּאוזע.

זבלון: נו, וואָס מאַכסטו. וואו געפינסטו זיך איצט?

ישׂשכר: וואו עס מאַכט זיך.

זבלון: שוין צייט צו ווערען מיושב... וויפיעל איז דער שיעור... האַ, ישׂשכר.

ישׂשכר: יאָ... ברודער. אפשר ביזטו גערעכט... נאָר איך האָב אַנדערע ציעלען...

זבלון: ציעלען? נאַרישקייט. דער איינציגער ציעל איז צו מאַכען געלט...

ישׂשכר: געלט? געווים... איך דאַרף איצט אויך האָבען געלט... אָבער בלויז אַלס אַ מיטעל פאַר אַ ציעל.

זבלון: וואָס שוין ווידער?... אַ בוך דרוקען?....

ישׂשכר: מעהר ווי איינעם... איך געה גרינדען אַ פאַרלאַג... ביכער נאָך ביכער... אַלע וואָך אַרויסלאָזען אַ בוך... דאָס פאָלק איז דורשטיג נאָך וויסען און האָט ניט פון וואַנען צו שעפּען.

זבלון: וועסט בדלות ווערען... וואָלסט בעסער געמאַכט אַ רעסטאָראַנט... וואָלט איך דיר אויסגעבאָרגט אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר... לאָמיר זאָגען טויזענד... ביזט דאָך פאָרט אַ ברודער...

ישׂשכר: ניין, ברודער זבלון, רעסטאָראַנען זיינען שוין דאָ גענוג... דאָס פאָלק איז שוין קראַנק פון זיי... איך האָב יענע וואָך געלעזען אַ סטאַטיסטיק וויפיעל פלייש אייער שטאָדט פאַרצעהרט אין אַ יאָהר!... שוידערליך!

זבלון (מיט אַ שמייכעל): נו, מאַך אַ מילכיגען רעסטאָראַן.

ישׂשכר (באַליידיגט): איך בעט דיך, זבלון, טרעט ניט אויף מיינע געפיהלען... וואָס צו טאָן וויים איך בעסער... מיין אידעע

איז איצט אַרויסצוגעבען ביכער פאַר'ן פאָלק. דערצו פאָדערט זיך אָבער אַ סך געלט... איך האָב ניט, דו האָסט. דו מוזט מיר געבען אַ גרעסערע סומע.

זבלון: הם... ביכער... צו וואָס די ביכער? דאָס פאָלק האָט ניט קיין צייט צו לעזען... דאָס פאָלק מוז ביי טאָג אַרבייטען און ביי נאַכט שלאָפען...

יששכר: איך קען דיך... אָט דאָס וואָלסטו געוואָלט... אויפ־קלערען דאָס פאָלק איז פאַר דיר אַ געפאַהר... אָבער זבלון, עס וועט ניט געהן. דאָס פאָלק עפענט ביסלעכווייז די אויגען. דאָס איבע־ריגע וועל איך טון...

זבלון: בעט ביי מיר אַ גראָשען פאַר'ן פאָלק... פאַר וואָס זאָרגט דאָס פאָלק ניט פאַר דיר? שוטה? זינט איך געדענק דיר, אַרבייטסטו פאַר'ן פאָלק און וויפיעל מאָל האָט דיך דאָס פאָלק אויסגעלאַכט?...

יששכר: ווייל דאָס פאָלק איז נאָך ניט ערצויגען.

זבלון: ווילסטו דאָס ערציהען... צו שווער פאַר דיר... זעה ווי דו זעהסט אויס...

יששכר: געווים פיהל איך מיך פיזיש אַ ביסעל פאַרמאַ־טערט... ענטוישונגען... פאַרשיעדענע גייסטיגע איבערלעבונגען. אָבער, גלויב מיר זבלון, אַז איך בין שטאַרקער פון דיר. (די אויגען צינדען זיך ביי איהם אָן). מיין גייסט וועט דיך איבער־לעבען.

זבלון: אַז איך וועל קיין געלט ניט געבען, קען אויך דיין גייסט קיין האַפט ניט האָבען.

יששכר: דאָס איינציגע, וואָס איז אַ שטערעניש: דאָס געלט. אָבער געלט וועסטו געבען. איך וויים עס... דו אַליין ווילסט געבען, נאָר פשוט דו שעהמסט זיך.

זבלון: איך שעהם זיך? דו נאַרישער ברודער... פון וואַנען נעהמסטו עס?

יששכר: וואָס וועסטו מיר איינרעדען?... דו מיינסט, אַז איך וויים ניט, אַז דיר איז שטענדיג אומעטיג... שטענדיג.... און

שטענדיג ציהט דיר עס צום ברודער יששכר, צום בטלן... כלומר׳שט דו לאַכסט פון איהם, אָבער אין האַרצען ביזטו איהם דאָך מקנא...

זבלון: נו, ברודער, דאָס רעדסטו זיך שוין איין... (פּאוזע). נאַטירליך... איך אַליין וואָלט אויך אַמאָל עפּיס וועלען טון... נאָר די געשעפטען... אַמאָל בוי איך אַ שפּיטאָל פאַר קראַנקע...

יששכר: זעהסטו... אַ שפּיטאָל איז אודאי וויכטיג... אָבער עס איז אויך וויכטיג אינסטיטוציעס פאַר׳ן געזונדען פאָלק... נו, ברודער זבלון, אהער אַ סומע געלט... מיין פּערלאַג וועט ברענגען גרויסע נוצען...

זבלון (שמייכלענדיג): וועסט זיי אַראָפּפיהרען פונ׳ם וועג... זיי וועלען ווערען צולאָזען, און איך וועל נאָכדעם ניט קריגען אפילו קיין אַרבייטער פאַר מיינע געשעפטען...

יששכר: וועסטו אויפגעבען די געשעפטען. גלויב מיר, וועסט לעבען גליקליכער און שעהנער...

זבלון: ניין, ברודער... דאָס איז אונמעגליך. איך בין שוין אַזוי פאַרפּלאָנטערט אין זייערע נעצען, אַז איך וועל זיך ביז׳ן טויט ניט אַרויספּלאָנטערען.

יששכר: יאָ, ביז׳ן טויט... און וואָס איז מכח נאָכ׳ן טויט... טראַכסט אַמאָל?

זבלון: אַז עס בלייבט אַמאָל אַ פרייע מינוט...

יששכר: ניט געזאָרגט, ברודער... דערווייל ביזטו נאָך אין שטאַנד צו פאַרזאָרגען זיך אויף נאָכ׳ן טויט. דו האָסט אַ סך געלט און דאָס איז אויך אַ סגולה פאַר דער אונשטערבליכקייט.

זבלון (דערוואַרעמט): ווייסטו וואָס, יששכר, איך וועל דיר געבען אַ גרויסע סומע געלט פאַר דיינע ביכער... אָבער שטעל אַוועק אויף איינעם פון זיי מיין נאָמען דאָרטען אויף אַ שער... זאָל בלייבען אַ זכר...

[illegible], מיך רופסטו בטלן און דו ווילסט דאָס זעלבע וואָס איך...

זבלון: מיר זיינען אַלע בטלנים...

ישׂשכר: אַט ענדליך ווערסטו קלוג...

זבלון: מיינסט אַזוי?

ישׂשכר: געהט דען דיר אַן מיין מיינונג?

זבלון: אמאָל — יאָ...

(נעהמט זיך שרייבען אַ טשעק).

ישׂשכר (שמייכלענדיג): שרייב וואָס גרעסער די סומע...

זבלון: ווערסט דאַרפען נאָך, וועסטו אַ צווייטעל מאָל קומען... אַזוי ווייזטו זיך גאָר ניט... אמאָל בענק איך נאָך דיר... פאָרט אַ ברודער...

ישׂשכר: יאָ... יאָ... אַ ווייטער ברודער... אָבער דאָך אַ ברודער...

(נעהמט צו דעם טשעק און געהט ארויס פאַרנייגענדיג זיך).

זבלון (בלייבענדיג אַליין): אַ וואויל מענשעל מיין ברודער ישׂשכר, כאָטש אַ שטיקעל שוטה...

(ציהט אויף זיך אָן אַ שטרענגע מינע און נעהמט זיך צו די בריעף..)

ישׂשכר (אראָפּגעהענדיג פון די טרעפּ): אָן עמת'ער צער אויף איהם... דער קאָפּ איז איהם גראָה, און אין גאַנצען זעהט ער אויס ווי אַ פאַרפלאָנטערטער חשבון... אין אמת'ען אָבער האָט ער נאָך אַ פונק אין זיך, כאָטש אַזוי רייך... אַ רחמנות אויף ברודער זבלון...

אינהאַלט:

ערשטע אָבטיילונג

זייט

דער איינגעפונדעוועטער — — — — — — — — — 7
די באַשערטע — — — — — — — — — — — — 20
ווי אזוי איך בין געווארען אן אקטריסע — — — — 27
דער אוצר — — — — — — — — — — — — — 45
דער שלאַפּראַק — — — — — — — — — — — 52
דער בריף־זאמלער — — — — — — — — — 56
דער גוי מיט דער ביקס — — — — — — — — 62
דער פארפלאָנטערטער אדרעס — — — — — — 68
די שאנד פון גוטסקייט — — — — — — — — 75
דער צענזאָר — — — — — — — — — — — 81
דער גרויסער פּאַסאַזשיר — — — — — — — — 87
שלמה „קהלת“ — — — — — — — — — — — 93
אלעלוא — — — — — — — — — — — — — 98
די חלוקה — — — — — — — — — — — — 103
די פערביטענע פענסטער — — — — — — — 107
דער כשר׳ער — — — — — — — — — — — — 112
די דריי קמעות — — — — — — — — — — — 118
די קאָנקורענץ — — — — — — — — — — 122

צווייטע אבטיילונג

דער קריטיקער — — — — — — — — — — — 129
די מאַמע נעחטע אין דער לייברערי — — — — — 134

זייט

נאך דער אפערא — — — — — — — — 139
„דער פראפעסיאנאל" — — — — — — — 146
די שפיעל אין רייכקייט — — — — — — 154
פארשאכערט זיין נאמען — — — — — — 158
דער נאציאנאליסט און די אמעריקאנערין — — 164
די געניטע כלה — — — — — — — — 167
די נאנע — — — — — — — — — — — — 175
העלענע'ס ליעבעס־בריעף — — — — — — 180
דער אמאליגער סאציאליסט — — — — — — 186
א צנועה אין קאבארעט — — — — — — — 191
דער באס און סטרייקערינס — — — — — 195
איבער'ן קינד — — — — — — — — 201
אן איבריגער מענש — — — — — — — 204
דער אומעטיגער — — — — — — — — 207
דעם מיליאנערס לעהרער — — — — — — 211
געוויסען — — — — — — — — — — 215
די מתנה — — — — — — — — — — 222
דער רייכער גענאסע — — — — — — — 228

סצענען

געוועזענע — — — — — — — — — — 235
די בארוישטע — — — — — — — — — 239
אין נח'ס תבה — — — — — — — — — 244
צוויי ברידער — — — — — — — — — 248